STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03010

GESHIKHTE FUN SOTSYALIZM

Ph. Krantz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געשיכטע פון : :
: : סאציאליזם

דער קאמף פאר גלייכהייט אין די געזעלשאפטען
און מלוכות פון אלטע און נייע צייטען.

— פון —

פיליפ קראנץ

ארויסגעגעבען פון דער
„פרייע ארבייטער שטימע״
ניו יארק.
1920

HISTORY OF SOCIALISM

BY

PHILIP KRANTZ

Copyright by the Author, 1920

(All rights reserved)

פאָרוואָרט

ווען מען זאָל נאָכזוכען אין די צייטונגען און זשורנאַלען פון אידישע סאָציאַליסטען און טריידיוניאָניסטען, וועט מען גע־פינען ניט ווענינ אַרטיקלען איבער די סאָציאַליסטישע לעהרען און איבער דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין פערשיעדענע צייטען און לענדער. עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז אין יעדען פון אונזערע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען זיינען ערשיענען אַזעלכע אַרטיקלען. און ווער פון אונזערע סאָציאַליסטישע פובלי־ציסטען האָט עס גאָר ניט געשריבען עפּעס איבער סען־סימאָן, פוריע, אוען, קאָמוניסטישע געמיינדעס, פּרודאָן, לאַסאַל, מאַרקס, באַקונין א. ז. וו., א. ז. וו.?

אָבער מייסטענס זיינען דאָס געווען שטיקלעך און ברעקלעך, אָהן אַ סיסטעם און אפילו אָהן אַ צוזאַמענהאַנג. וואָס מיך אַנבע־לאַנגט, האָב איך שוין אין דעם ערשטען נומער פון דעם ערשטען אָרגאַן פון אידישע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, נעמליך אין דעם בעריהמטען „ארבייטער פריינד“, וועלכער האָט אַנגעפאַנגען צו ערשיינען אין לאָנדאָן אין 1885, פּרובירט שרייבען איינינע אַר־טיקלען איבער דער געשיכטע פון סאָציאַליזם. דער ערשטער פון יענע אַרטיקלען האָט געטראָגען די קעפּעל: „אַ קורצע געשיכטע פון סאָציאַליזם ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן אין 1789“. און איך קען זאָגען, אַז דיזער בוך מיינער איז אַ פאָרטזעצונג פון יענע עטליכע אַרטיקלען.

ווי ווייט דיזע זעהר שווערע אויפגאַבע איז מיר דאָ געלונגען, דאָס לאָז איך איבער צום גנעדיגען אורטהייל פון די לעזער בכלל און פון די קריטיקער בפרט. פון מיין זייט פערזיכער איך, אַז איך האָב געזוכט צו זיין אַזוי אונפּאַרטייאיש און אָביעקטיוו, ווי דאָס איז מעגליך פאַר אַ זינדיגען בשר ודם. מיט וואָס פאַר ביכער

און קוועלען איך האָב זיך בענוצט, דאָס איז מייסטענס אָנגע־ וויזען אין דעם טעקסט.

ספּעציעל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער געשיכטע פון „אינטערנאַציאָנאַל“, ווייל דאָס איז טאַקע דער פונדאַמענט פון אונזער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. די ערשטע צוועלף קאַפּיטלעך זיינען אייגענטליך אַן א י נ ל י י ט ו נ ג צו דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָציאַציאָן.

און וואָס אַנבעלאַנגט די לעצטע פיער קאַפּיטלעך, זיינען זיי ניט בלויז דער שלוס פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, זאָנדערן אויך דער אָנפאַנג פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אַמעריקאַ. ווי פיעל מיר איז עס בעקאַנט, איז נאָך וועגען דעם גאָר ניט געשריעבען געוואָרען אין דער אידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. די געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָציאַציאָן אין דער נייער וועלט, נאָכדעם ווי דער גענעראַל ראַטה איז פּלוצ־ לונג אריבערגעצויגען געוואָרן פון לאָנדאָן נאָך ניו יאָרק, איז איבערהויפּט וועניג בעקאַנט אפילו צווישען אַקטיווע סאָציאַליס־ טען. איך ציה דארום די אויפמערקזאַמקייט פון די לעזער בכלל און בעזאָנדערס פון די גענאָסען אין אַמעריקאַ אויף אַט די דאָזיגע קאַפּיטלעך פון דיזען ערשטען טהייל פון דער ערשטער געשיכטע פון סאָציאַליזם אין אידיש. זיי ווייזען אָן אויף דעם גאַנג און כאַראַקטער פון דער אַרבייטער בעוועגונג אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען.

די ערשיינונג פון דעם צווייטען טהייל, וואָס איז שוין כמעט איינגאַנצען אָנגעשריבען און וואָס וועט ענטהאַלטען די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע און די געשיכטע פון דעם צווייטען „אינטערנאַציאָנאַל“, וועט אָפּהענגיג זיין פון דעם ערפאָלג פון דיזען טהייל. עס קאָסט דאָך היינט אַזוי פיעל צו דרוקען אַ בוך, אַז עס ווערט אויך אַלץ שווערער צו געפינען אַן ארויסגעבער, בפרט נאָך פאַר אַן ערנסטע ווערק. צוליעב דעם שטייגענדען יקרות מוז מען אויך העכערען די פּרייזען פון ביכער, וואָס עס פיהרט, נאַ־ טירליך, צו אַ פערקלענערונג פון דער צאָהל פון קויפער. דארום איז דיזער בוך ביי מיר אָפּגעלעגען אַ פּאָאַר יאָהר פּיקס און פער־

טיג צום דרוק, ביז די „פרייע ארבייטער שטימע“ האָט ענדליך בעשלאָסען עס ארויסצולאָזען, ווי מען זאָגט עס בלשון מליצה, אויף דער „ליכטיגער“ וועלט, פאַר וואָס עס איז איהר באמת דאנקבאַר

ד ע ר פ ע ר פ אָ ס ע ר.

ניו יאָרק, מאַי 1920.

אינהאלטס־פערצייכנים

זייט

קאפיטעל 1
אלגעמיינער בליק אויפ'ן קאמף פאר גלייכהייט אין די געזעלשאפטען און מלוכות פון אלטע און נייע צייטען — 9
קאפיטעל 2
משה'ס און ליקורג'ס געזעצגעבונגען און די ערשטע קאמוניסטישע סעקטען אין דער קריסטליכער וועלט — — 17
קאפיטעל 3
קאמוניסטישע טרוימער אין פערשיעדענע צייטען און א קאמוניסטישע איבערקעהרענים אין פערסיען — — — — 29
קאפיטעל 4
פלאטאן'ס אידעאלע רעפובליק און די שקלאפעריי אין דער גריכיש־רוימישער וועלט — — — — — — — — — 36
קאפיטעל 5
מוסטערס פון אויסגעטראכטע אידעאלע געזעלשאפטען 46
קאפיטעל 6
דער קלאסענקאמף און די ענטוויקלונג פון דער בורזשואזיע אין מיטעלאלטער — — — — — — — — — — — — 53
קאפיטעל 7
דער קלאסענקאמף נאך דער צערשטערונג פון דער באסטיליע און די יאקאבינער קאנסטיטוציאן אין 1793 — — 66
קאפיטעל 8
די קאמוניסטישע פאדערונגען און די פערשווערונג פון די באבעפיסטען — — — — — — — — — — — — 73
קאפיטעל 9
סען־סימאן און זיינע נאכפאלגער — — — — — — — — 82

זייט

קאַפּיטעל 10

די לעהרען פון פוריע און פון אוען — — — — — — — — — — — — 88

קאַפּיטעל 11

די סאָציאַליסטישע בעוועגונגען אַרום דער צייט פון די רעוואָלוציאָנען אין 1848 — — — — — — — — — — 98

קאַפּיטעל 12

די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן אין 1848 און די טשאַר־טיסטישע בעוועגונג אין ענגלאַנד — — — — — — — — — 108

קאַפּיטעל 13

די געבורט פון „אינטערנאַציאָנאַל“ אין לאָנדאָן — — — 120

קאַפּיטעל 14

די גרינדער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן — — — — — — — — — — — — — — 134

קאַפּיטעל 15

די פּרינציפּען־ערקלערונג און די סטאַטוטען פון „אינ־טערנאַציאָנאַל“ — — — — — — — — — — — — — 143

קאַפּיטעל 16

דער ערשטער קאָנגרעס פון „אינטערנאַציאָנאַל“ אין גענף 152

קאַפּיטעל 17

דער קאָנגרעס אין לאָזאַן און די פערפאָלגונגען אין פּאַריז 160

קאַפּיטעל 18

די קאָנגרעסען אין בריסעל און אין באַזעל — — — — — 170

קאַפּיטעל 19

דער „אינטערנאַציאָנאַל“ אין דער צייט פון דער פּרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה און פון דער פּאַריזער קאָמונע — 179

קאַפּיטעל 20

די שפּאַלטונג אין דעם האַאַגער קאָנגרעס — — — — 186

קאַפּיטעל 21

דער קאָנגרעס אין סט. אימיע און די שטרייטען צווי־שען מאַרקס און באַקונין — — — — — — — — — — 199

זייט

קאַפּיטעל 22

די לעצטע קאָנגרעסען פון די צענטראַליסטען און פעדע־
ראַליסטען אין גענף — — — — — — — — — — — — 207

קאַפּיטעל 23

דער סוף פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ און די געבורט
פון אַ סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין
אַמעריקאַ — — — — — — — — — — — — — — — 216

קאַפּיטעל 24

די אַדרעסען פון „אינטענאַציאָנאַל“ צו פּרעזידענט לינ־
קאָלן און צום אַמעריקאַנער פאָלק — — — — — — — 226

קאַפּיטעל 25

די ערשטע סאָציאַליסטישע פעראיינען און סעקציאָנען
פון „אינטערנאַציאָנאַל“ אין אַמעריקאַ — — — — 235

קאַפּיטעל 26

די ערשטע סאָציאַליסטישע שטרייטען און שפּאַלטונגען
אין אַמעריקאַ — — — — — — — — — — — — — 241

בעמערקטע דרוקפעהלער

זייט	צייל	געדרוקט	דאַרף זיין
24	12	צייטען	ציילען
39	26	ייזן	זיין
60	17	איז	האָט
68	18	אַנגענומען	איז אָנגענומען
152	16	פערשפּרייט געוואָרן	פערשפּרייט
165	24	דעם	דער
180	21	אביער	איבער
194	13	פּון	פון
195	6	אבסטענצינים־	אבסטענציאָנים־
200	1	איז	און
203	14	קאָרעספּאָנדלענצען	קאָרעספּאָנדענצען
242	17	אַמעריקאַנער	סאָציאַליסטישער

קאפיטעל 1.

אַלגעמיינער בליק אויפ'ן קאַמפּף פאַר גלייכהייט אין די געזעלשאַפטען און מלוכות פון אַלטע און נייע צייטען.

סאָציאַליזם איז אַ נייער וואָרט פאַר אַ גאָר אַלטען געדאַנק. זיין אָבשטאַמונג איז פון דעם לאַטייניש׳ען וואָרט „סאָציוס“, וואָס בעדייט: „פריינד, חבר“, נור זיין געבורט קומט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

נאָך גרינדליכע פאָרשונגען האָט מען אויסגעפונען, אַז מען האָט דיזען וואָרט צוערשט געברויכט אין 1837 ביי אַ דיסקוסיאָן איבער דער לעהרע פון דעם ערעלמוטהיגען ענגלישען פילאַנטראָפּ און אוטאָפּיסט ראָבערט אָוען, מיט וועלכער מיר וועלען זיך שפּעטער בעקענען; אָבער ער איז אַנגענומען געוואָרען אין דער וועלט און איז אַריין, זאָ צו זאָגען, אין דער מאָדע ערשט נאָכדעם, ווי דער פראַנצויזישער פּובליציסט און פילאָזאָף פּיער לערו *) האָט זיך בענוצט מיט איהם אין איינער פון זיינע שריפטען אין 1840.

*) Pierre Leroux (1797—1871).
ער איז געוועזען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטען אין פראַנקרייך, אַ היסער אַנהענגער פון סען־סימאָן, מיט וועמעס לעהרע מיר וועלען באַלד בעקאַנט ווערען. זיין פאָטער איז געוועזען אַן אַרבייטער און ער אַליין איז אויך געוואָרען אַן אַרבייטער, נור אין זיינע פרייע שטונדען האָט ער פלייסיג שטודירט. אין 1840 האָט ער פערעפענטליכט זיין

נור דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער ל ו אי ר ע י ב אָ **) ערקלעהרט אין דער הקדמה צו זיין אינטערעסאַנטען ווערק „עטיו־דען איבער רעפאָרמאַטאָרען אָדער מאָדערנע סאָציאַליסטען", פאַר וועלכען ער האָט געוואונען אין 1841 אַ פרייז און איז געוואָרען אַ מיטגליעד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, אַז ער האָט עס געהאַט „די טרויעריגע עהרע איינצופיהרען אין אונזער שפּראַך (די פראַנצויזישע) דעם וואָרט סאָציאַליזם".

אַרום דערזעלבער צייט זיינען אויך געבאָרען געוואָרען די ווערטער ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ע, אַ נ אַ ר כ י ז ם און פ ר אָ ל ע ט אַ־ ר י אַ ט. דער פאָטער פונ'ם וואָרט „סאָציאָלאָגיע" אַלס אַ וויסענ־שאַפט איבער געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען איז געווען דער גרויסער פראַנצויזישער פילאָזאָף אָ ג ו ס ט ק אָ נ ט, דער גרינדער פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע; און דער פאָטער פון דעם וואָרט „אַ נ אַ ר־ כ י ז ם" איז געווען דער בעריהמטער פראַנצויזישער פובליציסט פ י ע ר פ ר ו ד אָ ן, דער גרינדער פון מוטועליזם, וועגען וואָס עס וועט אונז אויסקומען שפּעטער צו ריידען.

אין זיין בוך „סאָציאַליזם און די סאָציאַלע בעוועגונג" ער־קלעהרט פראָפעסאָר ו ו ע ר נ ע ר ז אָ מ ב אַ ר ט, אַז דער

הויפט־ווערק „איבער דער מענשהייט", וואו ער ערקלעהרט אויספיהר־ליך זיין סאָציאַלע סיסטעם. ער האָט אויך אַנטהייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָן פון 1848 און אין פּאָליטישען קאַמפף בכלל.

**) Louis Reybaud (1799—1870) : Etudes sur les reformateurs ou socialistes modernes

ער האָט זיך בעזאָנדערס בעריהמט געמאַכט מיט זיינעם אַ סאַטירי־שען ראָמאַן אין 1843 אונטער דעם נאָמען „זשעראָם פּאַטיוראָ אין זיין זוכען די בעסטע פון אַלע רעפּובליקען". וועהרענד דער רע־וואָלוציאָן אין 1848 האָט דיעזער ראָמאַן געהאַט אַ ריעזיגען ערפאָלג. קוריעז איז, אַז ער האָט אויך אַריינגערעכענט די מ אָ ר מ אָ נ ע ן צווישען די רעפאָרמאַטאָרען. ער וואונדערט זיך אפילו, ווי אַזוי אַזאַ סעקטע האָט גאָר געקענט אויפקומען, נור ער פּרובירט עס צו ערקלעהרען דערמיט, וואָס מענשען האָבען „אַ געוויסע איינגעוואָרצעלטע נ י י ג ו נ ג צום א י ב ע ר נ אַ ט י ר ל י כ ע ן, וואָס ניט די פערשפּריטונג פון וויסענשאַפטען און ניט דער פּראָגרעס פון פערנונפט זיינען אין שטאַנד אין גאַנצען צו דערשטיקען". „די מענשהייט, בעמערקט ער, האָט אימער געדורשט נאָך נסים, און קיין רעליגיאָן קען ניט עקזיס־טירען אָהן דעם".

וואָרט „פ ר אָ ל ע ט א ר י א ט“ איז איבערגענומען געוואָרען פון פראַנקרייך און איינגעפיהרט געוואָרען אין דייטשלאַנד ערשט אין 1842. די ערשטע סאָציאַליסטען און בכלל די סאָציאַלע רעפאָרמערס אין פראַנקרייך האָבען גענומען געברויכען דיעזען וואָרט אין אַ גאַנץ נייעם זינען אין פערגלייך מיט דעם אור־שפּרינגליכען זינען פון דעם לאַטיינישען וואָרט „פּראָלעטאַריוס“. אין אַלטען רוים האָט מען אַזוי גערופען איינעם פון דעם קלאַס בירגער, וואָס האָט ניט בעזעסען אייגעטהום (ספּעציעל טאָקע אָהן לאַנד) און וואָס האָט נור געקענט דיענען דעם שטאַאט מיט זיינע קינדער אַלס סאָלדאַטען („פּראָלעס“ בעדייטעט: קינדער פון אַ פאַמיליע). נור דער בעגריף פון „בעזיצלאָזיגקייט“ בלייבט אַלץ איינגעשלאָסען אין דעם בעניטען וואָרט פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט אין אונזערע צייטען געברויכט צו בעצייכענען דעם קלאַס ל ו י ן ־ א ר ב י י ט ע ר, וואָס זייער פערמעגען בעשטעהט בלויז אין זייער אַרבייטס־קראַפט, אַנטקעגען דעם קלאַס פון בעזיצענדע פון אַרבייטס־געבער און קאַפּיטאַליסטען בכלל.

יעדענפאַלס האָט מען אין די 40־גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן אונטער דעם וואָרט סאָ־ציאַליזם אַזעלכע לעהרען, וועלכע ציעלען איינצופיהרען מעהר גע־רעכטיגקייט, מעהר סאָלידאַריטעט, מעהר ברידערליכקייט און בע־זאָנדערס וואָס מעהר ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ג ל י י כ ה י י ט אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אין אַט דיעזען אַלגעמיינען זינען איז אייגענטליך ניטאָ קיין אונטערשיעד צווישען אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט, אַן אַנאַרכיסט, אַ סינדיקאַליסט און אַ ראַדיקאַלען סאָציאַלען רעפאָרמער בכלל.

די שטרעבונג צו סאָציאַלע גלייכהייט איז אייגענטליך אַזוי אַלט, ווי די ענטשטעהונג פון מלוכות. וואָס גרעסער, פערצווייגטער און קאָמפּליצירטער עס זיינען געוואָרען די געזעלשאַפטען, אַלץ שאַרפער און גרעסער איז אין זיי געוואָרען דער קאַמפף צווישען די אַלץ שטייגענדע אונגלייכהייטען. דאָס איז דער קאַמפף צווי־שען שקלאַפען און הערען, צווישען אונטערדריקטע און אונטער־דריקער, צווישען אָרעמע און רייכע; קורץ, דער קאַמפף, וואָס

ווערט אין אונזערע צייטען בעצייכענט אזוי טרעפליך מיט'ן ווארט „קלאסענקאמפף“.

* * *

ווי א רויטער שנור ציהט זיך דורך די וועלט־געשיכטע דער קאמפף פאר עקאנאמישע גלייכהייט צווישען מענשען. דיעזער קאמפף הערט ניט אויף און וועט ניט אויפהערען כל־זמן די געזעלשאפטען וועלען צוטהיילט זיין אין קלאסען, אזוי לאנג ווי אמת'ע גלייכהייט וועט ניט הערשען אין דעם צוזאמענלעבען פון מענשען.

די פערצייטיגטע מלוכות זיינען געווען בעגרינדעט אויף דער פערשקלאפונג פון די בעזיעגטע פעלקער. א קליינער קלאס האט ניט נור געהערשט פאליטיש, זאנדערן אויך פערשקלאפט און אונטערדריקט די מאסען, וועלכע זיינען כמעט אין גאנצען בעשטאנען פון אקערבויער. דיעזע מלוכות זיינען אייגענטליך געווען ארגאניזירט נאך איין מוסטער. אויפ'ן שפיץ איז געשטאנען א הערשער, וואס האט ניט נור געהאט אן אונבעשרענקטע מאכט, זאנדערן האט זיך אויך געהאלטען פאר א פערקערפערונג פון דער געטליכער מאכט, פשוט פאר א גאט אויף דער ערד. אום צו קענען אנהאלטען אזא הערשאפט, האט ער זיך געשטיצט ספעציעל אויף צוויי קלאסען: די קריעגער און די פריסטער. איין קלאס האט געהאלטען אין צוים די פערשקלאפטע מאסען מיט דער מאכט פון שווערד, דער אנדער קלאס האט געהאלטען אין צוים די מאסען אין נאמען פון די געטער.

די מיטגליעדער פון דיעזע צוויי הערשענדע קלאסען האבען אויך פערנומען אלע רעגירונגס־שטעלען. ניט נור די בויערן, זאנדערן אויך די האנדווערקער זיינען בעהאנדעלט געווען ווי שקלאפען.

די בעסטע ביישפיעלען פון די קלאסענצוטהיילונגען אין די אלטע מלוכות און וויגעלעך פון ציוויליזאציאן ליפערן אונז אינדיען (הודו) און מצרים. אין קיין אנדער ארט אויף אונזער זינדינער ערד זיינען די גרענעצען צווישען קלאסען ניט געווען אזוי שטרענג און שארף אבגעזונדערט און אבגעהיט, ווי אין אינדיען.

אַזעלכע שטרענגע קלאַסענצוטהיילונגען טראָגען אין דער געשיכטע דעם נאָמען „קאַסטען".

די אינדוסען, וועלכע געהערען צום בראַהמאַניסטישען גלויבען, בלייבען נאָך עד היום צוטהיילט לויט דעם פערצייטיגען מוסטער אין פיער קאַסטען, נעמליך: 1) בראַמינען אָדער פריסטער; 2) קשאַטריאַס אָדער קריעגער; 3) וואַישיאַס אָדער קויפלייטע און פאַרמערס, און 4) סודראַס אָדער האַנדווערקער און אַרבייטער. דערצו נאָך זיינען פאַראַן די פ אַ ר י אַ ס, וואָס געהערען גאָר צו קיין קאַסטע ניט און וואָס ווערען געברויכט אַלס דיענער. דער נאָמען „פּאַריאַ" איז דאָרום אַנגענומען געוואָרען אין אַלע שפּראַכען צו בעצייכענען דעם ניעדעריגסטען, דעם אונגליקליכסטען און דעם אונטערדריקטעסטען קלאַס אין אַ מלוכה.

חתונות צווישען דיעזע קאַסטען זיינען געווען און בלייבען אַלץ שטרענג פערבאָטען אין נאָמען פון גאָט זעלבסט. קיינער האָט בכלל ניט געקענט אַרויסטרעטען פון זיין קאַסטע. די קינדער האָבען גע־ירש'ענט אַפילו די בעשעפטיגונגען פון זייערע עלטערן. די בראַמינען האָבען געגעבען „געטליכע" ערקלעהרונגען פאַר דיעזע שרייענדע אונגלייכהייטען, ערקלעהרונגען, וועלכע גילטען נאָך עד היום פאַר אַ 220 מיליאָן איינוואוינער פון אינדיען.

די בראַמינען פּאַסען אויף אויסצופיהרען די בוכשטעבליכע בעדייטונג פון דעם וואָרט „קאַסטאַ", וואָס עס מיינט: ר יי נ ק יי ט; זיי זאָרגען, אַז עס זאָלען ניט פאָרקומען בלוטמישונגען צווישען די „העכערע" און „ניעדריגערע" קלאַסען.

נאַטירליך, דיעזער צושטאַנד האַלט ניט אַן אַזוי שטרענג, ספּעציעל נאָך אונטער דער ענגלישער הערשאַפט, ווי אין די „גוטע אַלטע צייטען". אָבער די קאַסטען־גרופּירונגען בלייבען אַלץ אַ בעזאָנדערס שטאַרקע און גרויסע שטערונג פאַר אויפקלעהרונג און פאָרטשריט אין דיעזער גרוי־אַלטער וויגעלע פון ציוויליזאַציאָן.

* * *

דאָך האָבען זיך אויך דאָרטען געפונען אין די גאַנץ אַלטע צייטען קעמפּפער געגען אַזאַ קאַסטען־סיסטעם. מיט אַ יאָהר

צוויי און א האלב טויזענד צוריק איז דארטען ענטשטאנען א זעהר גרויסע און וויכטיגע רעוואלוציאנערע בעוועגונג געגען אזא ארדנונג — אפשר דער ערשטער רעוואלוציאנערער קאמפף אין דער וועלט. דיעזע בעוועגונג איז בעקאנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאמען „בודהיזם“.

אנפאנגס איז דאס געווען א מין קאמוניסטישע בעוועגונג, יעדענפאלס א שטרעבונג איינצופיהרען מעהר גלייכהייט און גערעכטיגקייט אין גזעלשאפטליכען לעבען. אבער זי איז ענג צוזאמענגעפלאכטען געווארען מיט רעליגיעזע רעפארמען און איז שליסליך אומגעוואנדעלט געווארען אין א נייער רעליגיאן, וועלכע מעג גערעכענט ווערען פאר די גרעסטע און פערשפרייטעסטע אין דער וועלט, לויט דער צאהל פון איהרע אנהענגער. דאס איז נעמליך: די בודהיסטישע רעליגיאן.

דער גרינדער פון דיעזער גרויסער רעליגיאן, וועלכער ווערט היינט פערגעטערט פון אונגעפעהר 500 מיליאן נפשות אונטער דעם נאמען „בודהא“ (בעדייטעט: פערשטאנד, וויזהייט), האט אליין געהערט צו דער קאסטע פון בראמינען. מען דער־צעהלט פון זיין לעבען און טהעטיגקייט פערשיעדענע נסים, אזוי ווי געוועהנליך וועגען אנדערע נביאים און גרינדער פון רעליגיא־נען. די מעשיות וועגען די געבורט, דעם לעבען און טויט פון יעזוס קריסטוס האבען א מערקווירדיג גרויסע עהנליכקייט צו דער וואונדערבארער לעבענס־בעשרייבונג פון בודהא, וועלכער האט געלעבט ווענינסטענס מיט 500 יאהר פריהער פאר דעם קריסטליכען „גאט׳ס זוהן“.

נור די לעגענדען וועגען בודהא אלס דעם „זוהן פון א בתולה“ און אלס „ערלייזער“ און בכלל די רעליגיעזע זייט פון דיעזער גרוי־אלטער סאציאל־פאליטישער בעוועגונג אין אינדיען, וועלען מיר דא לאזען אן א זייט. אונז אינטערעסירט דא די קאמוניס־טישע זייט פון דיעזער בעוועגונג און פון אלע אנדערע רעליגיעזע בעוועגונגען אין דער וועלט. דיעזער ערהאבענער מאן איז יעדענפאלס ארויס געגען די בראמינען אין נאמען פון גערעכ־

טינקייט און מענשליכע גלייכהייט. גאָט, האָט ער ערקלעהרט, האָט בעשאַפען אַ ל ע מ ע נ ש ע ן ג ל י י ך, און דעריבער דאַרפען אַלע קאַסטען אַבגעשאַפט ווערען.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז די בראַמינען זיינען אַרויס געגען אַזאַ לעהרע מיט אַלע זייערע כחות. פאַר זיי איז דאָס געווען פשוט אַ פראַגע פון לעבען און טויט. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סאָציאַלער קאַמפף, וועלכער האָט זיך געצויגען אַ זעהר לאַנגע צייט און וועלכער האָט געקאָסט טייכען מיט מענשליכע בלוט. צוערשט האָבען געזיעגט די בודהיסטען. אָבער נאָכהער האָבען זיי געמוזט אויסוואַנדערען פון אינדיען, וואו די בראַמינען האָבען געזיעגט און וואו זיי פיהרען די גרענדע עד היום.

די אַנהענגער פון בודהאַ האָבען זיך צושפּרייט איבער כינאַ, טיבעט, מאָנגאָליען און אַנדערע אַזיאַטישע לענדער, דאַרונטער אויך יאַפּאַן. די ערשטע בודהיסטען האָבען געלעבט אין קליינע קאָמונען און קלויסטערס, אַזוי ווי די ערשטע קריסטען מיט אַ האַלבען יאָהר־טויזענד נאָך זיי.

די הויכע בודהיסטישע לעהרע איז אָבער ביסלעכווייז פערגרעבט געוואָרען צווישען די אַזיאַטישע פעלקער. דאָך דאָרטען, וואו דיעזע רעליגיאָן איז איינגעפלאַנצט געוואָרען, האָבען שוין קאַסטען ניט געקענט עקזיסטירען.

* * *

אין מצרים, אונטער די פּרעה׳ס, זיינען אויך איינגעפיהרט געוואָרען פ י ע ר ק אַ ס ט ע ן, אָבער זיי זיינען ניט געווען אַזוי שטרענג אָבגעגרענעצט ווי אין אינדיען. די מאַסען פון פאָלק האָבען דאָרטען געשקלאַפט, ווי מיר ווייסען עס אויך פון דער ביבעל. די פּריסטער האָבען דאָרטען פאַקטיש געהערשט. צווישען זיי האָבען זיך אויך געפונען די געבילדעטסטע מענשען פון יענע צייטען. עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אַז די גרויסע גריכישע פילאָזאָפען, די חכמי יון, האָבען זעהר פיעל געלערנט ביי דיעזע חרטומי מצרים.

נור זייערע קענטניסע האָבען דיעזע כהנים געהאַלטען אין געהיים און אויסגענוצט צו בעהערשען די אונוויסענדע און פער־

שקלאפטע מאסען פון פאלק, וואס עס האט ניט איינמאל געפיהרט צו אויפשטאנדען און פאליטישע איבערקעהרענעסען, ווי דאס האט מען אויסגעפונען, זייט מען האט ענטדעקט דעם שליסעל צו די גע־היימניספאלע היילינע שריפטען פון אלטען מצרים, ווי צו לעזען די זאגענאנטע „היעראגליפען“. די מעשה מיט משה׳ן צייגט אונז אויך, אז שוין דאן האט מען ניט בלויז געפיהרט א קאמפף צו בע־פרייען שקלאפען אין מצרים, זאנדערן מען האט פרובירט גרינדען אזא געזעלשאפטליכע ארדנונג, אז א ל ע ז א ל ע ן ק ע נ ע ן ל ע ב ע ן א י ן ע ק א נ א מ י ש ע ר ג ל י י כ ה י י ט.

משה׳ס לאנד־געזעצע קענען אונז דיענען אלס מוסטער פון אזעלכע סאציאליסטישע שטרעבונגען און פראבעם מיט טויזענדער יאהרען צוריק.

קאפיטעל 2.

משה׳ס און ליקורג׳ס געזעצגעבונגען און די ערשטע קאמוניסטישע סעקטען אין דער קריסטליכער וועלט.

עס בלייבט אן אפענע פראגע, אויב משה׳ס לאנד־געזעצען, ווי זיי זיינען פערצייכענט געווארען אין חומש, זיינען טאקע ווען־עס איז בוכשטעבליך אויסגעפיהרט געווארען. לויט די פארשונגען פון געלעהרטע אין אונזערע צייטען און אויך לויט די ערקלעהרונגען פון די תלמידי חכמים זיינען די ביבלישער פארשריפטען וועגען דעם יובל יאהר שטענדיג פערבליבען בלויז אויפ׳ן פאפיער. מען ווייזט אן, אז עס וואלט גאר אונמעגליך געווען פינקטליך אויסצופיהרען און אבצוהיטען זיי, ווייל עס וואלט דאן אויסגעקומען צו בלייבען אהן פערזעאונגען יעדען 49־טען און יעדען 50־טען יאהר. אזוי ווי עס איז געווען פערבאטען צו פערזעען אויך דעם 50־טען יאהר, וואלט מען דאך דעם 51טען יאהר נים געהאט וואס צו שניידען פון די פעלדער, און דער עולם וואלט זיך געמוזט בענוגענען מיט זומער־פרוכטען. עס איז אבער שווער זיך פארצושטעלען, ווי אזוי אן אקערבוי־פאלק וואלט געקענט זיך ערנעהרען פון צוויי ביז דריי יאהר כסדר אהן אייגענע תבואות, גרינסען א.ז.וו.

ביי די בני־ישראל איז בעזונדערס שטארק איינעווארצעלט געווארען דער גלויבען, אז פעלדער, וועלדער, טייכען און בכלל לאנד

געהערען צו גאָט, וואָס עס האָט פּאַקטיש געמיינט אַז דאָס איז קהל׳שע איינענטום., אַזוי איז דער גלויבען ביי אַלע פּרימיטיווע פעלקער, וואָס עס איז אַזוי נאַטירליך ווי לאַגיש. און אום אויסצומיידען אַנזאַמלונגען אָדער פערכאַפּונגען פון מאַיאָנטקעס אין איינצעלנע הענד, אום אַנצוהאַלטען די אורשפּרינגליכע פּערטהיילונג פון לאַנד צווישען די שבטים און פאַמיליעס, האָט מען עס איינגעפיהרט דעם יובל־יאָהר. נור מען האָט עס פערבונדען און צוזאַמענגעפּלאָכטען מיט אַזוי פיעל רעליגיעזע צערעמאָניעס, בעשרענקונגען און פערבאָטען וועגען פערזעאונגען, אַז אין דער פּראַקטיקע האָט עס טאַקע ניט געקענט אויסהאַלטען, בעזאָנדערס ווען די אַקערבויאישע בעפעלקערונג האָט זיך פערמעהרט. מען האָט דאָרום בלויז גערעכענט אָדער געצעהלט די יובל־יאָהרען, אָבער זיי ניט אָבגעהיט, ווי דאָס ווערט אויסדריקליך געזאָגט אין תלמוד.

און שפּעטער, אַפּנים אין הלל הזקן׳ס צייט, האָט מען זיך אַרויסגעדרעהט פון דער ווירקליכער אויספיהרונג פון די ביבלישע פּאַראַגראַפען וועגען יובל־יאָהר דורך אַ געוויסען געשעפטליכען אָפּמאַך, וואָס איז בעצייכענט געוואָרען מיט דעם גריכישען וואָרט „פּרוזבול“. דערמיט האָט זיך דער מלוה אָדער קרעדיטאָר פערזיכערט אין דער אַנוועזענהייט פון אַ ריכטער, אַז ער מעג אויפמאַהנען דעם חוב צו יעדער צייט, אָבגעזעהן פון דעם יובל־יאָהר. דאָס איז געווען אַ מיטעל אומצוגעהן די ביבלישע פּאַראַגראַפען, אַט אונגעפעהר ווי די איינפיהרונג פון דעם ערוב, אַז מען זאָל מעגען טראָגען אום שבת, אָדער ווי די מכירת חמץ צו גוים. בקיצור, דורך דעם „פּרוזבול“ האָט מען ניט נור אומגעוואַנדעלט דעם יובל־יאָהר אין אַ פּוסטע צערעמאָניע, וואָס אַנבעלאַנגט די פערטהיילונג פון לאַנד, זאָנדערן מען האָט רעכט געמאַכט און גע׳כשר׳ט אַלע אונגלייכהייטען אין לאַנד־איינענטום.

און עס איז טאַקע געקומען אין ארץ־ישראל צו גרויסע אונגלייכהייטען און צו פערכאַפּונגען פון לאַנד שוין מיט אַ יאָהר 500 בעפאָר קריסטוס, ווי דאָס איז צו שליסען פון די קלאָגען פון די

נביאים. „הוי מגיעי בית בבית שדה בשדה יקריבו עד אפס מקום והושבתם לבדכם בקרב הארץ” — קלאָגט און סטראַשעט ישעיה (ה׳, ח׳). „וחמדו שדות וגזלו ובתים ונשאו ועשקו גבר וביתו ואיש ונחלתו” — קלאָגט אויך מיכה (ב׳, ב׳).

נור וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל ניט האָבען וועגען די דורכפיהרבאַרקייט פון אַזאַ סיסטעם אפילו אין משה׳ס צייטען, קען עס אָבער קיין צוויי מיינונגען ניט זיין וועגען די עדעלע און ערהאַבענע צוועקען, וועלכע האָבען געפיהרט צו אַזאַ געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן. אָט דיעזע צוועקען זיינען עס דאָ וויכטיג פאַר אונז, ווייל זיי צייגען אונז, דאָס שוין מיט אונגעפעהר דריי און אַ האַלב טויזענד יאָהר צוריק האָט מען געמאַכט פּראָבעס איינצופיהרען עקאָנאָמישע גלייכהייט און בכלל צו עטאַבלירען וואָס מען מעג אין אַלגעמיין רופען אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג.

* * *

כמעט אין דערזעלבער צייט, ווען די אידען, וועלכע האָבען פערזוכט דעם ביטערען טעם פון שקלאַפעריי אין מצרים, האָבען געזוכט איינצופיהרען אין זייערע עראָבערטע געגענדען אין כנען ניט בלויז אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, זאָנדערן אויך אַזאַ עקאָנאָמישע אָרדנונג, וואָס זאָל פשוט ניט דערלאָזען צו דער אַנזאַמלונג פון רייכטהימער אין די הענד פון אַ קליינער צאָהל מענשען — זיינען אויך ביי אַנדערע פעלקער געמאַכט געוואָרען עהנליכע פּראָבעס. מען מעג זאָגען, אַז אין דיעזען פּרט זיינען די אידען גראָדע ניט געווען אַן אויסנאַהם. יעדענפאַלס האָבען די אַלטע גריכען געהאַט אַ בעריהמטען לעגענדאַרישען געזעצגעבער, וועלכער האָט געזוכט צו דערגרייכען דעם זעלבען צוועק ווי משה מיט זיינע לאַנד־געזעצען. דאָס איז נעמליך געווען ליקורג פון ספּאַרטאַ, מיט אונגעפעהר אַ טויזענד יאָהר בעפאָר די קריסטליכע צייטרעכענונג.

עס זיינען פערבליבען בעשרייבונגען פון דער מערקווירדיגער סיסטעם, וואָס ליקורג האָט איינגעפיהרט אין איינער פון די אַלטע

גריכישע רעפובליקען, אבער וואס איז דאך נים איבערגענומען געווארען אין אירגענד וועלכער פון די פיעלע אנדערע רעפובליקען. בעזאנדערס אינטערעסאנט איז די בעשרייבונג, וואס פלוטארד *) גים אין זיין ביאגראפיע פון ליקורג. מיר וועלען דא איבערגעבען אייניגע שטעלען פון דיעזער ביאגראפיע, ווייל דערביי ציינט זיך אויך ארוים דער גייסט פון דיעזען גריכישען שרייבער מיט א טויזענד יאהר נאך ליקורג׳ס טויט. אין פלוטארד׳ס צייט זיינען נאך געבליבען איינגעווארצעלט די אלטע גלויבענס און מנהגים פון גריכענלאנד, וועלכע האט זיך שוין דאן געפונען אונטער דער אויבערהערשאפט פון די רוימישע קייזערס.

„ליקורג׳ס נעקסטע און שווערסטע אויפגאבע איז געווען, שילדערט פלוטארד, צו מאכען א נייע פערטהיילונג פון זייער (ספארטאנער׳ס) לאנד. דען עס האט געהערשט צווישען זיי א זעהר גרויסע אונגלייכהייט, און די מלוכה איז געווען פול מיט ארימע און נויטליידענדע מענשען, וועהרענד דער גאנצער רייכטום איז צוזאמענגעקליבען געווארען אין ווענינע הענד. אום צו קענען פערייאגען פון לאנד גאוה און קנאה, לוקסוס און פערברעכען, ווי אויך נאך ערגערע איינגעווארצעלטע קראנק־

---

*) ער איז געבארען געווארען אין דער שטאדט כעראנעא (נים וויים פון אטהען) ארום דעם מיטען פון דעם ערשטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכענונג און איז דארטען געשטארבען מיט א יאהר 70 שפעטער אלס דער הויפטריכטער און אויך פריסטער פון א טעמפעל לכבוד דעם גאט אפאלאן, וואו עס האט זיך געפונען א גרויסע ביבליאטעק. נור פון קריסטענטהום האט ער גארנים געהערט. אזוי איז צו שליסען פון די צאהלרייכע שריפטען, וועלכע ער האט איבערגעלאזען און וועלכע זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע שפראכען. ער איז געוועזן זעהר פיעל בעלעזען און האט אויך פיעל גערייזט. די בעסטע און וויכטיגסטע פון זיינע שריפטען זיינען זיינע לעבענסבעשרייבונגען פון די בעריהמטעסטע מענער פון אלט־גריכענלאנד און פון אלט־רוים. זיי דיענען אויך אלס מאטעריאלען פאר די געשיכטע פון דיעזע אנטיקע לענדער. דורך דיעזע ביאגראפיעס האט ער זיך אונשטערבליך געמאכט און האט אויך געהאט א מערקווירדיג גרויסען איינפלוס אויף די פריידענקער און פרייהייטס־קעמפפער פון די נייע צייטען. דיעזע ביאגראפיעס וועלען שטענדיג געלעזען ווערען פון געבילדעטע מענשען מיט פערגניגען און אויך מיט נוצען. עס וואלט זעהר גוט געווען, ווען אייניגע פון דיעזע ביאגראפיעס זאלען אויך איבערזעצט ווערען אין אידיש.

הייטען דורך נויט (פון איין זייט) און איבערפלוס (פון דער אַנ־דער זייט), האָט ליקורג בעוואָגען די רייכע בירגער זיך אָבצוזאָ־גען פון זייערע מאַיאָנטקעס און צושטימען צו אַ נייער פערטהיי־לונג פון לאַנד, כדי אַלע זאָלען לעבען צוזאַמען אויף אַ ג ל י י ־כ ע ן א ו פ ן... און מען האָט עס גלייך דורכגעפיהרט. ליִ־קורג האָט צוטהיילט די מדינה לאַקאָניאַ אין 30 טויזענד גלייכע חלקים און דעם טהייל וואָס האָט געהערט צו דער שטאָדט ספּאַר־טאַ אין 9 טויזענד חלקים... אַ חלק איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער זאָל יעהרליך קענען ברענגען אַרום 70 בושעלס תבואה פאַר דעם הויפּט פון דער פאַמיליע, און צוועלף בושעלס פאַר זיין פרוי, ווי אויך אַ פּאַסענדע פּראָפּאָרציע פון עהל און וויין. דאָס איז גערע־כענט געוואָרען פאַר גענוג צו האַלטען די קערפּערס אין גוטען גע־זונד און אין שטאַרקייט..."

נאָר דאָס איז אָבער אפנים געווען אַזוי מעהר אין דער איינ־בילדונג, ווי אין דער ווירקליכקייט. אַזאַ פערטהיילונג פון לאַנד ווערט געלייקענט פון פאָרשער און היסטאָריקער אין אונזערע צייַ־טען, און אַזוי איז עס אויך צו שליסען פון דער געשיכטע פון דער ספּאַרטאַנער רעפּובליק מיט איינינגע הונדערט יאָהר שפּעטער, בע־זאָנדערס אַרום דער צייט פון דעם העלדישען קאַמפּף פון גריכענ־לאַנד געגען די דעספּאָטען פון פערסיען. העכסט־וואַרשיינליך איז עס מיט ליקורג'ס לאַנד־געזעצגעבונג פאָרגעקומען דאָסזעלבע וואָס מיט משה'ס, דאָס הייסט: מען האָט עס ווענינג פּראַקטיצירט, בלויז געהאַלטען פאַר עפּעס אַן איבעאַל. פּלוטאַרך אַליין גיט צו, אַז דאָס איז אָבגעהיט געוואָרען בלויז 500 יאָהר נאָך ליקורג'ס טויט.

אָבער ליקורג האָט זיך ניט בענוגענט מיט אַזאַ חלוקה פון לאַנד, דערצעהלט אונז ווייטער פּלוטאַרך. אַלס אַ מיטעל געגען גייציג־קייט און האַבזוכט (און אין היסטאָרישע צייטען האָבען זיך די ספּאַרטאַנער גראָדע בעזאָנדערס אויסגעצייכענט דערמיט, ווי דאָס ווייס יעדער סטודענט פון דער געשיכטע פון אַלט־גריכענלאַנד), ווי אויך אום פעסטער אַנצוהאַלטען גלייכהייט צווישען די בירגער, האָט ליקורג בעפוילען, אַז אַלע גאָלדענע און זילבערנע מטבעות

זאלען צוזאמענגעקליבען ווערען אין דער קהל'שער קאסע, זא דאס נור שווערע א י י ז ע ר נ ע מינץ זאל אירקולירען. מען האט געמוזט האבען א בעזונדערען קאסטען, אום צוזאמענצוקלייבען א סך פון אזעלכע געלט, און געברויכען א שפאן פון אקסען, אום עס אריבערצופיהרען.

„און דורך די איינפיהרונג פון אייזערנע געלט, ערקלעהרט פלו־טארך, זיינען א סך שלעכטע זאכען גלייך פערשוואונדען געווא־רען אין לאנד. דען ווער וועט עס בערויבען אן אנדערן צוליעב אזעלכע מינץ? ווער וועט עס פערכאפען מיט געוואלד, אדער נעהמען לאפקע א זאך, וועלכע איז ניט לייכט צו בעהאלטען, אדער צו בענוצען זיך דערמיט, ווען מען זאל זי צוהאקען אין שטיקלעך?"

אבער די אונבארעמהערציגע געשיכטליכע פארשער אין אונ־זערע צייטען האבען פעסטגעשטעלט, אז צו יענער צייט האט מען נאך אין גריכענלאנד ניט געוואוסט פון גאלדענע אדער זילבער־נע מטבעות. נור אזעלכע לעגענדען און טראדיציעס וועגען ליקורג'ס איינריכטונגען זיינען יעדענפאלס זעהר כאראקטעריסטיש און אינ־טערעסאנט. דאס צייגט דאך, אז מען האט געקוקט דארויף, ווי אויף די גליקליכע גאלדענע צייט און געהאלטען אזעלכע קאמו־ניסטישע פיהרונגען פאר אן אידעאל.

דער דריטער און דער מייסטערהאפטעסטער קלאפ געגען לוק־סוס און דעם בעגעהר צו זאמלען עשירות, שילדערט ווייטער פלו־טארך, איז געווען די איינריכטונג פון ג ע מ י י נ ש א פ ט ל י כ ע ס ע ו ד ו ת. אלע האבען געזאלט עסען די זעלבע ברויט און פלייש לויט די פארשריפטען און האבען ניט געטארט פארברענגען זייערע לעבענס אין דער היים ארום טישען מיט טהייערע געריכטען, ליגענ־דיג אויסגעשפרייט אויף דיוואנען און פרעסענדיג ווי זשעדנע חיות און אבשוואכענדיג דורך דעם ניט נור זייערע גייסטיגע קרעפטען, זאנדערן אויך זייערע קערפערס... זא דאס דער שפריכ־ווארט, אז פלוטוס, דער גאט פון עשירות, איז בלינד, איז טאקע ערגעץ־ניט באוויזען געווארען אזוי בוכשטעבליך ווי אין ספארטא... און עס איז ניט ערלויבט געווען צו עסען פריהער צו־הויז און נאכ־הער קומען צו די קהל'שע סעודות, וויל יעדער איינער האט גע־

האָט אַז אויג אויף די יעניגע, וועלכע האָבען ניט געגעסען און געטרונקען ווי די אַנדערע, און מען האָט זיי געמאַכט פאָרווירפע, אַז זיי זיינען אויסגעפּיעשטשעטע און פאַרווייבערטע מענשען".

נור דיזע בעריהמטע ספּאַרטאַנער סעודות זיינען אפּנים געווען מעהר פערבונדען מיט דער מערקווירדיגער מיליטערישער ערציהונג, וואָס ליקורג האָט איינגעפיהרט. אייניגע היסטאָרישע פאָרשער דענקען איבערהויפּט, אַז ליקורג האָט אייגענטליך ניט געדענקט איינצופיהרען אַ מין קאָמוניסטישע אָרדנונג, נור האָט געשאַפען אַ שטאַרקע מיליטערישע ברודערשאַפט.

יעדענפאַלס האָבען זיך די ספּאַרטאַנער בעריהמט געמאַכט מיט זייער שטרענגער דיסציפּלין און מיליטערישער ערציהונג פון קינדווייז אָן. זיי האָבען זיך דאָרום אויסגעצייכענט אַלס די בעסטע און קרעפטיגסטע סאָלדאַטען אין גריכענלאַנד.

דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע און אפילו פּריוואַטע לעבען איז דאָרטען שטרענג רעגולירט געוואָרען, ווי דאָס איז איבערהויפּט אונפערמיידליך אין קאַמונעס. די פּערזענליכע פרייהייט איז דורך דעם, נאַטירליך, זעהר בעשרענקט און איינגעקלאַמערט געוואָרען אויף יעדען טריט און שריט. „די דיסציפּלין האָט אַנגעהאַלטען אויך פאַר דערוואַקסענע מענער, שרייבט פּלוטאַרך. קיינעם איז ניט ערלויבט געוואָרען צו לעבען נאָך זיין אייגענעם ווילען און געשמאַק... ליקורג האָט ערצויגען די בירגער אַזוי, אַז ניט זיי האָבען געוואָלט און ניט זיי האָבען געקענט לעבען אָפּגעזונדערט..."

צום שלוס פון דיזער ביאָגראַפיע מאַכט פּלוטאַרך פאָלגענדע אינטערעסאַנטע און טיעפזיניגע באַמערקונג: „אַלע די יעניגע וואָס האָבען געשריבען גוט איבער פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען, ווי פּלאַטאָן, דיאָגענעס, זענאָ, האָבען גענומען ליקורג'ען אַלס זייער מוסטער, איבערלאָזענדיג אָבער נאָך זיך בלויז ווערטער און פּלענער; וועהרענד ליקורג איז געווען דער פערפאַסער, ניט אין שריפטען — נור אין דער ווירקליכקייט, פון אַ רעגירונג, וועלכע קיין אַנדערער האָט ניט געקענט קאָפּירען."

אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען די ספּאַרטאַנער האָבען געזוכט איינצופיהרען וואָס מעהר גלייכהייט צווישען זיך, האָבען

זיי גראדע בעזאנדערס גרויזאם בעהאנדעלט די העלאטען און אנ־
דערע שטאמען, וועלכע זיי האבען בעזיעגט און פערשקלאפט. זיי
האבען זיך אויסגעצייכענט אלס די אונבארעמהערציגסטע שקלא־
פען־טרייבער אין גריכענלאנד.

* * *

מיר ווילען אבער דא זיך ניט פערנעהמען מיט איינצעלהייטען
וועגען דיזע און אנדערע אזעלכע פארצייטיגע קאמוניסטישע סיס־
טעמען. וואס אנבעלאנגט די ביבלישע לאנד־געזעצע, זיינען זיי
דאך מעהר אדער ווייניגער בעקאנט יעדען אידען. ווער עס וויל
וויסען מעהר וועגען דעם, קען עס געפינען אין דעם צווייטען באנד
פון מיין קולטור־געשיכטע, ספּעציעל אין דעם קאפּיטעל איבער
„אייגענטום ביי אידען, גריכען און רוימער". דא וועל איך ברענגען
בלויז פאלגענדע עטליכע ציטען פון דיזען קאפּיטעל (ז. 208) :

„די ביבלישע געשיכטע, ווי אזוי אידען האבען זיך בעזעצט
אין כנען, איז איבערהויפּט א כאראקטעריסטישער בילד, ווי אזוי
פערבאפּונגען פון פרעמדע לענדער זיינען צוגעגאנגען אין די אלטע
צייטען. נור דערביי האבען זיך די בני־ישראל אויסגעצייכענט בע־
זאנדערס מיט דער פ ע ר ט ה י י ל ו נ ג פון די פערכאפּטע לענ־
דער. אט אין דעם האט זיך אויף דעם בעסטען און ערעסלטען אופן
ארויסגעוויזען זייער גייסט פון אחדות און גלייכהייט. צו זייערע
שונאים, צו די פלשתים און אנדערע בעזיעגטע שטאמען, זיינען זיי
געווען אונבארעמהערציג, אבער צווישען זיך האבען זיי געהאנדעלט
מערקווירדיג ברידערליך. די ביבלישע לאנד־געזעצגעבונג איז אין
דיזער בעציהונג א מוסטערהאפטע. זי איז געווען און בלייבט א
צירונג פאר דעם אידישען פאלק. עס איזווירקליך א וואונדער,
ווי אזוי אזא ווילדע און גרויזאמע מחנה וואנדערער אין די וויס־
טעניסען, ווי די בני ישראל זיינען דאמאלס געווען, האבען גאר
געקענט איינפיהרען אין א פערכאפּטע לאנד אזא ערהאבענע סיס־
טעם אנצוהאלטען עקאנאמישע גלייכהייט, ווי דאס ווערט געשיל־
דערט אין חומש. אויב משה זעלבסט איז טאקע געווען דער פער־
פאסער פון דיזע לאנד־געזעצע, אדער אז אנדערער, איז אייגענטליך

ניט וויכטיג פון אַ נ י ט ־ ר ע ל י ג י ע ז ע ן שטאַנדפּונקט. אָבער עס איז יעדענפאַלס זיכער, אַז דיזע געזעצען וועלען אייביג בלייבען אַן עהרע פאַר'ן אידישען פאָלק. מיט קיין אַנדער זאַך, אפילו ניט מיט'ן מאָנאָטעאיזם (גלויבען אין איין גאָט) האָבען זיך די אידען ניט אונטערשיידעט אַזוי הויך און גרויס פון אַלע אַנדערע פעלקער אַרום זיי, ווי מיט זייער לאַנד־געזעצגעבונג. אין דיזען פּרט זיינען זיי ווירקליך געווען אַן אויסערוועהלט פאָלק".

ווי וויט און טיעף עס איז געווען דער איינפלוס פון דיזער געזעצגעבונג אויף דער ציוויליזירטער מענשהייט בכלל און אויף ערדלמוטיגע קעמפּער בפּרט, וועט דאָ גענוג זיין צו ברענגען אַלס ביישפּיל דעם פאַקט, דאָס דער אמעריקאַנער פּאָליטישער שרייבער ה ע נ ר י ד ז ש אָ ר ד ז ש, דער בעריהמטער פּרפאָסער פון דעם בוך „פּראָגרעס און אַרמוטה", האָט זיך דערמיט בענוצט, אום בעסער צו פערשפּרייטען זיין עקאָנאָמישע לעהרע, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען „סינגל טעקס" און וועגען וועלכער עס וועט אונז שפּעטער אויסקומען צו ריידען.

* * *

אין די צייטען, ווען די רוימער האָבען געהערשט איבער ארץ־ישראל, איז צווישען די אידען אויך אויפגעקומען אַ קאָמוניסטישע סעקטע, וועלכע איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען ע ס ע ע ר (אסיים) און וועלכע האָט געשפּילט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום.

זייער ערשטער פּרינציפּ איז געווען, אַז עס זאָל ניט עקזיסטירען קיין פּ ר י וו אַ ט ־ א י י ג ע נ ט ו ם. זיי פלעגען לעבען אין קליינע חברות און אין אַזאַ גלייכהייט, ווי דאָס איז איבערהויפּט נור מעגליך צווישען די בעסטע און עדעלסטע מענשען. זיי פלעגען אויך געהן גלייך געקליידעט. זייער בעשעפטיגונג איז געווען אַקער־בוי. זיי פלעגען זיך אָבער בעזאָנדערס פערנעהמען מיט קורירען קראַנקע. דערפון שטאַמט זייער נאָמען, וואָס בעדייטעט: היילען.

האַנדעל איז געווען שטרענג פערבאָטען צווישען זיי, ווייל דאָס טרייבט מענשען צו עגאָאיזם און האַבזוכט. זייער פרייע צייט

פלעגען זיי פערברענגען אין טראַכטען איבער גאָט־זאַכען. אום צו קענען בעסער לעבען נאָך זייערע אידעען, האָבען זיי זיך אָפּגעזונ־דערט פון זייערע שכנים און געזוכט צו בעזעצען זיך אין איינזאַמע ערטער. פון פערגניגען אויף דער וועלט האָבען זיי איבערהויפּט וועניג געהאַלטען. זיי זיינען געווען אַסקעטען, אָדער נזירים.

נאָכ'ן חורבן בית־שני האָבען זיך איינינגע פון דיזע סעקטאַנ־טען בעזעצט אין מצרים, וואו זיי זיינען געוואָרען מעהר בעקאַנט אונטער דעם גריכישען נאָמען „טעראַפּעטען" (בעדייטעט אויך: היילער). זיי זיינען געווען נאָך גרעסערע אַסקעטען פאַר די אסיים אין פּאַלעסטינא. זיי האָבען געלעבט אין דער וויסטענעס, וואו זיי פלעגען זיך אַלץ פּייניגען לשם שמים.

מען רעכענט, אַז די ערשטע קריסטען זיינען עס אויפגעקומען אַט צווישען די דאָזיגע סעקטאַנטען. יעדענפאַלס האָבען זיי גע־זוכט צו לעבען אין קליינע קאָמונעס. דאָס זיינען אַלץ געווען טיעף־רעליגיעזע מענשען און טרוימער, וועלכע האָבען איבערהויפּט גע־האַלטען גאַנץ וועניג פון דער וועלט און אַלץ געטראַכט פון יענער וועלט.

דיזע מערקווירדיגע סעקטאַנטען, בעזאָנדערס די טעראַפּעטען פון מצרים, מעגען אויך גערעכענט ווערען פאַר די גרינדער פון די ערשטע קריסטליכע קלויסטערס. דיזע נזירים, וועלכע האָבען זיך אויך אָבגעזאָגט פון אַ פערקעהר מיט פרויען, זיינען עס גע־וואָרען די מוסטערס פאַר אַלע מאָנאַכען און „הייליגע" אין דער קריסטליכער וועלט.

* * *

אין מיטעלאַלטער זיינען אין אייראָפּאַ אויך אויפגעקומען קאָמוניסטישע סעקטען נאָך דעמזעלבען מוסטער. די בעקאַנטעסטע פון זיי זיינען די זאָ־גענאַנטע מ א ר א ו י ש ע ב ר י ד ע ר. נור אַזעלכע סעקטען און חברות האָבען וועניג איינפלוס געהאַט אויף די אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האָבען געלעבט אונטער דער סיסטעם, וואָס טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען „פעאָ־דאַלע".

די אַקערבויער זיינען דאַן געווען פּאַנסטשיזניקעס אָדער לייב־קנעכט (אויף רוסיש: קרעפּאָסטניקעס), און איבער זיי האָבען געוועלטיגט די ריטער, באַראָנען, גראַפען, פירסטען און בכלל דער קלאַס פון אַדעליגע. זעלטען ווען אימיצער, אויסער די גייסטליכע, האָט דאַן געקענט לעזען.

עס פערשטעהט זיך, אַז מענשען, וואָס קוקען אַלץ אַרויף צום הימעל, וואָס זיינען נור פערטהאָן אין געטליכע זאַכען, וואָס קלערען נור וועגען די רעטונג פון זייערע נשמות, קענען אפילו אונטער בעזאָנדערס גינסטיגע אומשטענדען פאַר די פערשפּרייטונג פון זייערע געדאַנקען וועגען די גלייכהייט און ברידערליכקייט פון אַלע מענשען, גאַנץ ווענינ ווירקען אויף די מאַסען צו פּראָבירען גרינדען וועלטליכע קאָמוניסטישע געמיינדעס.

די אַרבייטער־מאַסען זיינען דאַך געווען פּשוט פערשקלאַפט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער. מען האָט זיי געהאַלטען אין אַרמוטה און אין פינסטערניס. די אַדעליגע פון איין זייט און די גלחים פון דער אַנדער זייט האָבען געהערשט. אַלע זיינען דאַן געווען פערגראָבט. צוזאַמען מיט דער פערשפּרייטונג פון קריסטענטום, ריכטיגער געזאָגט, פון דער קאַטוילישער קירכע, האָט זיך אויך פערשפּרייט גייסטיגע פינסטערניס. מען מעג זאָגען, אַז די גייסטיגע ענטוויקלונג פון דער גריכיש־רוימישער וועלט איז אָבגעהאַלטען געוואָרען ווענינסטענס אויף אַ טויזענד יאָהר דורך דעם זיעג פון דער קריסטליכער רעליגיאָן, וועלכע ווערט גראָדע געוועהנליך פאַרגעשטעלט אַלס דער שטאַרקסטער זייל פון ציוויליזאַציאָן.

דער אמת איז, אַז די גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציאָן האָט אויפגעלעבט, ווען די קאַטוילישע פינסטערניש איז שוואַכער געוואָרען. ערשט אין 15טען יאָהרהונדערט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין וועסט־אייראָפּאַ, בעזאָנדערס אין איטאַליען און אין פראַנקרייך, די צייט פון השכלה, פון אויפקלעהרונג, וועלכע טראָגט טאַקע אין דער וועלט־געשיכטע דעם גוט־צוגעפּאַסטען נאָמען „רענעסאַנס“, וואָס עס בעדייטעט: אויפלעבונג, ווידערגעבורט.

דאָס איז ווירקליך געווען אַן אויפלעבונג פון די וויסענשאַפטען

און קונסטען פון דער גריכישער וועלט. די חכמי יון זיינען ווי אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים, און זייער פילאָזאָפיע האָט אַלץ מעהר פעריאָגט די פינסטערע כמאַרעס פון קאַטויליציזם, פון פאַנאַטישען אַבערגלויבען, און האָט אַלץ העלער בעלויכטען די וועלט מיט די שטראַהלען פון פערנונפט און פרייען געדאַנק.

צוזאַמען מיט דיזער אַלגעמיינער גייסטיגער אויפלעבונג זיינען אויך אַלץ לעבעדיגער געוואָרען די שטרעבונגען צו א בעסערען און אַנגענעהמערען לעבען אויף דער ערד גופא. עס האָט אַזוי אויפגעפלאַקערט אַ קאַמפף ניט נור פאַר גייסטיגע און פאָליטישע פרייהייטען, זאָנדערן אויך פאַר סאָציאַלע גערעכטיגקייט און פאַר עקאָנאָמישע גלייכהייט, ווי מיר וועלען עס זעהן אין די ווייטערע קאַפּיטלער.

קאַפּיטעל 3.

קאָמוניסטישע טרוימער אין פערשיעדענע צייטען און אַ קאָמוניסטישע איבערקעהרענעס אין פערסיען.

אויסער אַזעלכע פּראָבעס איינצופיהרען געמיינשאַפטליכע אייגענטום וועניגסטענס אויף לאַנד און איבערהויפּט צו לעגען אַ פונדאַמענט פאַר עקאָנאָמישע גלייכהייט אין דער געזעלשאַפט־ליכער אָרדנונג, ווי מיר האָבען עס געזעהן אין פאָריגען קאַפּיטעל איבער די געזעצגעבונגען פון משה אין ארץ־ישראל און פון ליקורג אין ספּאַרטאַ, זיינען אויך אין אַלטע צייטען פערפאַסט געוואָרען פון גרויסע דענקער און מענשענפריינד אַזעלכע סאָציאַליסטישע פּלענער, וועלכע זיינען נור פערבליבען אַלס אַן אידעאַל פון אַ גליקליכער געזעלשאַפט און וועלכע טראָגען אין אונזערע צייטען דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אוטאָפּיאַ“.

אין דיזע פאַנטאַסטישע פּלענער דריקט זיך עס אויס בעזאָנדערס די שטענדיגע, מען קען זאָגען, די **איינגעבאָרענע שטרעבונג פון מענשען צו גלייכהייט**. דער מוסטער פאַר זיי אין דער אייראָפּעאישער וועלט איז געווען פּלאַטאָן'ס „רעפּובליק“.

אָבער דיזער געניאַלער דענקער, דער גרעסטער פון די אַלט־גריכישע פילאָזאָפען נאָך אַריסטאָטעל, איז געווים ניט געווען דער ערשטער אוטאָפּיסט. ער האָט אייגענטליך נור בעסער, שעהנער

און סיסטעמאטישער אויסגעדריקט די געפיהלען און געדאנקען פון אנדערע פילאזאפען און בכלל פון אזעלכע גריכען אין זיין צייט, וועלכע האבען געזוכט עפעס א וועג, ווי אזוי בעסער צו בעשיצען די ארימע געגען די רייכע און ווי אזוי איינצופיהרען אין אלגעמיין מעהר גערעכטיגקייט און גלייכהייט אין זייערע קליינע רעפובליקען.

אלס פראקטישער מוסטער האט פאר דעם ערהאבענעם פער־פאסער פון דער „רעפובליק" געדיענט די געזעלשאפטליכע ארדנונג פון די ספארטאנער, וועלכע איז אויך שטארק אידעאליזירט געווא־רען אין פלוטארך'ס לעבענסבעשרייבונג פון ליקורג, ווי דאס איז איבערגעגעבען געווארען אין פאריגען קאפיטעל. מען געפינט אויך פארשטעלונגען וועגען א לאנד, א „גאלדען לאנד", וואו מענשען לעבען ווי ברידער, וועגען א גן־עדן אויף דיזער וועלט, אין די לעגענ־דען פון פערשיעדענע פעלקער. די בעקאנטעסטע און פערשפריי־טעסטע פון אזעלכע גרוי־אלטע לעגענדען איז וועגען א לאנד מיט'ן נאמען „אטלאנטים", וואס זאל זיך האבען אמאל געפונען אויף דעם אקעאן, וועלכער ווערט צוליעב דעם עד היום גערופען דער „אט־לאנטישער".

* * *

אויך אין די מזרח־לענדער פון אזיען, וועלכע האבען זיך געפו־נען ווייט פון דעם איינפלוס פון די גריכען און בכלל פון די ציווי־ליזירטע פעלקער ארום דעם מיטעללענדישען ים, האבען ניט געפעהלט פאנטאסטישע פלענער און אויך פראבעס, איינצופיהרען גלייכהייט און גערעכטיגקייט אין געזעלשאפטליכען לעבען. אויף דעם בודהיזם אלס א ס א צ י א ל ע ב ע וו ע ג ו נ ג געגען די בראהמאניסטישע הערשאפט און פאר די אפשאפונג פון קאסטען אין אינדיען, איז שוין אנגעוויזען געווארען אין ערשטען קאפיטעל. דא וועלען מיר יעצט אנצייגען אויף אן ערשטוינענדע קאמוניסטישע בעוועגונג אין פערסיען, וועלכע איז בעקאנט אונטער דעם נאמען „מאזדאקיזם" און וועלכע קען דיענען אלס בעווייז, דאס אפילו אזא אלטע רעליגיאן, ווי די ז א ר א א ס ט ר י ש ע (דער גרינדער פון דיזער מערקווירדיגער רעליגיאן, וועלכע איז שוין געווארען, מעג

מען זאָגט: אַ מאָנאָטעאיסטישע צו דער צייט פון כורש און פון עזרא הסופר און וועלכע האַלט נאָך אָן, ספּעציעל ביי די פּאַרסען אין אינדיען, האָט געלעבט וועניגסטענס מיט אַ יאָהר טויזענד בעפאָר די קריסטליכע צייטרעכנונג), האָט שוין אויסגעדריקט הויכע געדאַנקען וועגען געזעלשאַפטליכע גלייכהייט און ברידערליכקייט.

לויט די שילדערונגען פון דזשאָרדזש ראָלינסאָן, דעם בעריהמטען פּערפּאָסער פון „די זיעבען גרויסע מאָנאַרכיעס פון דער אַלטער וועלט" *), איז צו ענדע פון פינפטען יאָהרהונדערט נאָך קריסטוס אויפגעקומען אין פּערסיען, אונטער דעם קעניג קאָבאָד, אַ סעקטע, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט געקעמפּפט פאַר אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג. דער אָנפיהרער פון דיזער אינטערעסאַנטער סעקטע איז געווען אַ מערקווירדיגער מאַן מיט'ן נאָמען מאָזדאָק, וועלכער האָט זיך גערופען כהן־גדול פון דער זאָראָאַסטרישער רעליגיאָן און וועלכער איז אַרויסגעטראָטען ניט בלויז אַלס אַ רעליגיעזער, זאָנדערן אויך אַלס אַ סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר.

ער האָט געפּרעדיגט, אַז אַלע מענשען זיינען גלייכע יחסנים ביי גאָט, אַז קיינער ווערט ניט געבאָרען מיט אייגענטום, אַז אייגענטום און אויך חתונות זיינען מענשליכע ערפינדונגען, וועלכע זיינען געגען גאָט'ס ווילען. אויף דיזען גרונד האָט ער פערלאַנגט ניט נור אַ קאָמוניסטישע פערטהיילונג פון לאַנד און פון אַלע זאַכען, זאָנדערן אויך די אָבשאַפונג פון חתונות. אין די קאָמונעס, וועלכע זיינע שילער און אָנהענגער האָבען געגרינדעט, איז אויך אַפּנים (לויט די איבערגעבליבענע בעריכטען פון די געגנער) איינגעפיהרט געוואָרען „פרייע ליעבע". אין דערזעלבער צייט האָט ער אָבער געפּרעדיגט, אַז מען דאַרף לעבען וואָס איינפאַכער, איינגעהאַלטענער, אסקעטישער און טראַכטען וואָס מעהר וועגען יענע וועלט.

*) The seven great Monarchies of the Ancient Eastern World, by George Rawlinson. — History of the Sassanian or New Persian Empire, Chas. XVIII — XX.

דיזער פּערסישער רעפאָרמאַטאָר האָט איבערגענומען ביי די בודהיסטען, אַז מען דאַרף זיך אויך צוריקהאַלטען פון ט ה י ע ר־ ש פּ י י ז. די מאַזדאַקיסטען זיינען דארום מייסטענס געוואָרען וועגעטעריאַנער. מען דאַרף אָבער ניט רעכענען, אַז זייער אָבשאַ־ פונג פון חתונות און איינפיהרונג פון פרייע ליעבע איז געקומען פון צורייצטע ליידענשאַפטען. מען מעג אַננעהמען, אַז דאָס איז געווען איינער פון די רעזולטאַטען פון זייערע שטרעבונגען צו וואָס מעהר ג ל י י כ ה י י ט צ ווי ש ע ן מ ע נ ש ע ן, פון זייער האַס צו פּריוואַט אייגענטום, וויל אויף פרויען קוקט מען דאָך אין אַזיאַטישע לענדער עד היום, ווי אויף שקלאַפינען.

דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואונדערט זיך ראַלינסאָן, וואָס ניט נור רייכע לייט און אַריסטאָקראַטען זיינען צוגעשטאַנען צו אַזאַ סעקטע, זאָנדערן אפילו דער קעניג זעלבסט איז געוואָרען מאַזדאַק׳ס אַ שילער. מען דערצעהלט, אַז דער קעניג איז בעקעהרט געוואָרען צו דער נייער רעליגיאָן דורך עפּעס אַ נס, וואָס מאַזדאַק האָט בעוויזען אויף אַ מזבח מיט׳ן שטענדיגען הייליגען פייער (די זאָראָאַסטריאַנער זיינען אָנפאַנגס געווען פּשוט׳ע פייער־פערגעטע־ רער). יעדענפאַלס האָבען זיך דיזע סעקטאַנטען זעהר שנעל און שטאַרק פערשפּרייט אין פּערסיען אַ דאַנק דער אָפענער שטיצע פון דעם קעניג.

עס זיינען דורך דעם פאָרגעקומען ניט נור גרויסע שטרייטען זאָנדערן אויך אויפשטאַנדען און גרויסע בלוטפערגיסונגען. מיר וועלען זיך דאָ אָבער ניט פאַרנעהמען מיט איינצעלהייטען פון דיזען סאָציאַלען קאַמפּף אין פּערסיען אונגעפעהר מיט אַ הונדערט יאָהר בעפאָר דער פערשפּרייטונג פון מחמד׳אַניזם אין וועסט־אַזיען. מיר וועלען נור איבערגעבען, אַז קאָבאַד׳ס זוהן, דער בעריהמטער כאָזראָעס דער גרויסער, האָט שרעקליך פערפאָלגט די מאַזדאַקיסטען און האָט זיי טאַקע כמעט אינגאַנצען אויסגעראָטעט אין פערלויף פון זיין לאַנגער הערשאַפט (פון 531 ביז 579 נאָך קריסטוס).

* * *

לאָמיר זיך יעצט אומקעהרען צו די אוטאָפּיעס, וועלכע האָבען אויפגעלעבט אין וועסט־אייראָפּא צוזאַמען מיט דער „רענעסאַנס“

פון דער גריכיש־רוימישער ליטעראַטור און קונסט אין 15טען יאָהר־הונדערט און וועלכע ווערען נאָך היינט צו טאָג אויך פערפאַסט (ווי ווייט מיר איז בעקאַנט, איז „די רייזע נאָך פריילאַנד“ פון טהעאָדאָר הערטצקאַ, וועלכע איז ערשינען אין עסטרייך אין 1893, די לעצטע פון דיזען סאָרט פאָרלויפיג).

דאָס וואָרט „אוטאָפּיאַ“ איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי גריכישע ווערטער, וועלכע בעדייטען: „קיין־פּלאַץ“. דערמיט האָט סער טהאָמאַס מאָר, וועלכער האָט אין 1516 אַרויסגעלאָזען זיין בעריהמטע בעשרייבונג פון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אויף דעם „נייעם אינזעל אוטאָפּיאַ“, געוואָלט אויסדריקען, אַז דאָס איז פּשוט אַן אויסגעטראַכטער אָרט. דיזער נאָמען איז אַריין אין דער מאָדע פאַר אַלע אַזעלכע שילדערונגען און בעשרייבונגען פון אויסגעטראַכטע און פאַנטאַזירטע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען.

מאָר'ס „אוטאָפּיאַ“ האָט אויך געדיענט אַזוי ווי פּלאַטאָן'ס „רע־פּובליק“ אַלס מוסטער פאַר אַנדערע דענקער, וועלכע האָבען גע־וואָלט פאָרשטעלען פאַר די ליידענדע מענשהייט אַזאַ געזעלשאַפט־ליכע אָרדנונג, וואָס זאָל יעדען איינעם צוציהען און ווי ווייט מעג־ליך צופרידענשטעלען. דער צעטעל פון אַזעלכע אויסגעטראַכטע געזעלשאַפטען אָדער אוטאָפּיעס איז אַ גאַנץ לאַנגער. ווען מען זאָל איבערגעבען אפילו די וויכטיגסטע פּונקטען פון יעדער פון זיי, דאַרף עס פערנעהמען אַ זעהר דיקען בוך. מיר וועלען זיך דערווייל בעגנוגענען בלויז מיט די נעמען פון די וויכטיגסטע אָדער, ריכטיגער, בעקאַנטעסטע פון זיי.

דער גרויסער ענגלישער פילאָזאָף פראַנסיס בעיקאָן האָט אין 1624 פערפאַסט אַן אוטאָפּיע אונטער דעם נאָמען „נייע אַטלאַנטיס“, אין וועלכער ער האָט געוואָלט צייגען, אַז וויסענשאַפט איז דער גרונד פון מענשליכען גליק. אין דערזעלבער צייט האָט דער איטאַליענישער פילאָזאָף טהאָמאַס קאַמפּאַנעלאַ אַרויסגעלאָזען אויף דער זינדיגער ערד זיין בעריהמטע שילדערונג פון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אונטער דעם נאָמען „זונען־שטאָדט“. דערביי איז ער שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון

פּלאַטאָנ׳ס „רעפּובליק״, וועגען וועלכער עס וועט זיין די רייד אין נעכסטען קאַפּיטעל.

צו ענדע פון דעם זעלבען יאָהרהונדערט (דעם 17טען) האָט דער בעריהמטער פראַנצויזישער אַרכיביסקופּ פ ע נ ע ל אָ ן אויך פּרובירט פאָרשטעלען אַן אידעאַלע געזעלשאַפט אין זיין מערקוויר־דיגע מייסטערווערק „טעלעמאַק״, וואָס ער האָט אָנגעשריבען ספּע־ציעל פאַר זיין פּרינצליכען שילער דעם דוקעס פון בורגונדיען, וועל־כער האָט געזאָלט ווערען קעניג פון פראַנקרייך. דאָס איז געווען אַ פערשטעלטע קריטיק פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע אין דער צייט פון לודוויג דעם 14טען. דאָרטען ווערט אויך אויסגעדריקט אַ גלויבען אין דער ברידערליכקייט פון פעלקער, אין אַ פ ע ר־ב אַ נ ד פ ו ן נ אַ צ י אָ נ ע ן פאַר פרידען און גערעכטיגקייט אויף דער ערד.

אין איין אָרט ווערט דאָרטען ערקלעהרט: „איך האָב ליעב מיין פאַמיליע בעסער ווי זיך זעלבסט, מיין פאָטערלאַנד בעסער ווי מיין פאַמיליע, און די וועלט בעסער ווי מיין פאָטערלאַנד״.

אָה, ווי ווייט מיר זיינען נאָך דערפון אפילו אין אונזער צוואַנ־ציגסטען יאָהרהונדערט!

אין די שריפטען פון פערשידענע גרויסע און טיעפע דענקער, אַט ווי למשל דער ענגלישער פילאָזאָף ט ה אָ מ אַ ס ה אָ ב ב ס אין זיין בעריהמטען בוך „לויתן״ אין 17טען יאָהרהונדערט, געפינען זיך אויך קאַפּיטלעך מיט שילדערונגען פון אידעאַלע געזעלשאַפט־ליכע סיסטעמען.

פון די פיעלע אוטאָפּיעס, וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר, זיינען פאָלגענדע די בעקאַנ־טעסטע:

„דער קאָדעקס פון דער נאַטור״, פון דעם פראַנצויזישען פילאָ־זאָף מ אָ ר ע ל י, אין מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט. מיט זיינע ווערק האָט ער אויך געהאַט אַ זעהר גרויסען איינפלוס אויף איניגע וויכטיגע פיהרער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט.

„די רייזע נאָך איקאַריען“, פון דעם פראַנצויזישען שרייבער עטיען קאַבע אין 1840.

„די קומענדע ראַסע“, פון לאָרד בולווער ליטאָן אין 1871.

„לוקינג בעקוואָרד (קוקענדיג צוריק)“, פון דעם אַמעריקאַנער שרייבער עדוואַרד בעלאַמי.

„ניוס פראָם נאָ־הוועער (נייעס פון ערגעץ־ניט“), פון דעם ענג־לישען פּאָעט און סאָציאַליסט וויליאַם מאָררים אין 1890.

דיזע אוטאָפּיעס אונטערשיידען זיך אפילו זעהר פיעל אין זייערע פּלענער און אנזיכטען, ווי אויך אין דער ליטעראַרישער פאָרם, אָבער אַלע האָבען זיי, ווי געזאָגט, דעם צוועק צו צייגען פאַר דער וועלט אַ מוסטער פון אַ בעסערע, גערעכטערע און גליקליכערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, ווי די עקזיסטירענדע.

מיט אייניגע פון אזעלכע אוטאָפּיסטישע פּלענער וועלען מיר זיך בעקענען אין די נעכסטע קאַפּיטלען.

קאפיטעל 4.

פלאַטאָנ'ס אידעאַלע רעפּובליק און די שקלאַ־ פעריי אין דער גריכיש־ רוימישער וועלט.

פלאַטאָן (אפלטון), איינער פון די טיעפסטע און העכסטע דענ־קער פון די חכמי יון נאָך אריסטאָטעל, מעג גערעכענט ווערען, ווי באַמערקט אין אַ פאָריגען ארטיקעל, פאַר דעם פאָטער פון דעם זאָגענאַנטען „אוטאָפּישען סאָציאַליזם". אין זיין „רעפּובליק" האָט ער פאָרגעשטעלט אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן, אין וועלכער עס זאָלען גאָרניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע און אַלע בירגער זאָלען קענען לעבען אַזוי צופרידען און גליקליך, ווי ווייט דאָס איז איבערהויפּט מעגליך פאַר מענשען.

אַלס הויפּט־מיטעל צו דערגרייכען דיזען ערהאַבענען אידעאַל, אום אויסצופיהרען די שטרעבונג צו גלייכהייט, וואָס איז איינגע־וואָרצעלט ביי יעדען דענקענדען מענש, האָט פלאַטאָן פאָרגעשלאָ־גען אַ קאָמוניזם ניט נור פון אייגענטום, זאָנדערן אויך פון פרויען. דיזער געניאַלער פילאָזאָף און עדעלער מענשענפריינד האָט איינ־געזעהן, אַז אַזוי לאַנג ווי פּריוואַט־אייגענטום עקזיסטירט אין אירגענד וועלכער פאָרם, קענען מענשען ניט לע־בען פריי און צופרידען, און איין טהייל פון דער געזעלשאַפט, די רייכע און שטאַרקע, וועלען שוין בעהערשען און עקספּלואַטירען דעם אַנדערן טהייל, די אָרימע און שוואַכע.

אום אַנצוהאַלטען וואָס מעהר און פעסטער די עקאָנאָמישע גלייכהייט צווישען די בירגער פון זיין אידעאַלער רעפּובליק, האָט פּלאַטאָן אויך געהאַלטען פאַר נויטיג איינצופיהרען, אַז אַלע זאָלען לעבען געמיינשאַפטליך און ניט נור אַרבייטען צוזאַמען, זאָנדערן אויך עסען צוזאַמען. זיין רעפּובליק האָט געזאָלט פערשאַפען אַלעם פאַר איהרע בירגער. דער קהל'שער אייגענטום, אַלס רעזולטאַט פון דער געמיינשאַפטליכער אַרבייט, האָט געזאָלט געהערען צו אַלעמען גלייך און אויך פּערטהיילט ווערען גלייך.

קיינער האָט ניט געטאָרט האָבען עפּעס, וואָס זאָל נור איהם אַליין געהערען, אפילו ניט אַ פרוי און קינדער. דער געשלעכטליכער פערקעהר האָט געזאָלט זיין אַ פרייער, לויט די נייגונגען. אַזוי ווי אונטער אַזאַ סיסטעם פון פרייע חתונות אָדער ליעבע וואָלטען דאָך די קינדער מייסטענס געבליבען ביי זייערע מוטערס, דאָרום האָט אין פּלאַטאָנ'ס „רעפּובליק" געזאָלט איינגעפיהרט ווערען אַ קהל'שע אויפהאַלטונג און ערציהונג פון קינדער.

קורץ, קינדער ווערען גערעכענט אין פּלאַטאָנ'ס „רעפּובליק" פאַר שטאַאַטס־אייגענטום און דאַרפען דאָרום ערנעהרט און ערצויגען ווערען אויף דער רעכנונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אין זיין בעריהמטער „ביאָגראַפישער געשיכטע פון פילאָזאָפיע", אין דעם קאַפּיטעל איבער פּלאַטאָנ'ס עטהיקס, בעמערקט דער ענגלישער פילאָזאָף און ליטעראַרישער קריטיקער דזשאָרדזש ליועס *), אַז „דער פּראָגרעס פון דער סאָציאַלער וויסענשאַפט איז געוועזען אַזוי לאַנגזאַם אין פערגלייך מיט אירגענד וועלכער אַנדער וויסענשאַפט, אַז פיעלע פון פּלאַטאָנ'ס אידעען (אין זיין „רעפּובליק") ווערען נאָך אַלץ אַנערקענט פון זעהר ערנסטע דענקער, וועהרענד פּלאַטאָנ'ס אידעען איבער פיזיק, מעטאַפיזיק אָדער מאָראַל וועלען היינט קוים געפינען אַ פּאַרטיידיגער".

*) A biographical History of Philosophy, by G. H. Lewes. p. 231 etc.

דערביי גיט ער איבער איינינע פון פּלאַטאָנ'ס סאָציאַלע אי־
דעען מיט די ווערטער:

„די שוואַכקייט פון מענשען איז די אורזאַך, פאַר וואָס שטאַאַטען זיינען אויפגעקומען. אַזוי ווי דער מענש קען ניט אויס־קומען אַליין, מוז ער לעבען אין אַ געזעלשאַפט. דיזע געזעלשאַפט דאַרף זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון איהם. די פעהיגקייטען, וועל־כע געהערען צו איהם, דאַרפען געפינען אַ פּאַסענדען פעלד פון טהעטיגקייט אין דער געזעלשאַפט. און דיזע גרויסע און ברייטע פעראייניגונג פון אינטעלעקטען דאַרפען בילדען בלויז איין אינ־טעליגענץ... דעם מענשענ'ס טוגענדען (גוטע מדות) זיינען: 1) ווייזקייט; 2) מוטה; 3) מעסיגקייט; 4) גערעכטיגקייט. דער שטאַאַט דאַרף דאַרום האָבען אַלס רעגירער פילאָזאָ־פען, וועלכע זאָלען רעפּרעזענטירען די ווייזהייט; זיינע סאָל־דאַטען, וואָס זאָלען אַרויסווייזען מוטה; זיינע האַנדווערקער און פרייע בירגער, וואָס זאָלען פאַרקערפּערען די מעסיגקייט. און וואָס אַנבעלאַנגט גערעכטיגקייט, איז עס אַ מעלה וואָס מוז גע־הערען צו אַלע קלאַססען, ווייל דאָס איז דער וואָר־צעל פון יעדער טוגענדהאַפטער האַנדלונג. אין ווייזהייט און אין גערעכטיגקייט האָבען מיר דעם „א" און „ת" פון פּלאַטאָנ'ס לעהרע: גערעכטיגקייט איז ווייזהייט אין דער טהאַט. די אויפ־גאַבע פון די רעגירער איז דאַרום צו פּראָקלאַמירען אַזעלכע געזעצע, וועלכע זאָלען טאַקע באמת ניט דערלאָזען צו אונגערעכטיגקייטען אין דער מלוכה".

פּלאַטאָ האָט געהאַלטען, אַז די ערשטע זאָרג אָדער אויפגאַבע פון די רעגירער בעדאַרף זיין צו ווירקען אויף דעם גייסט פון די בירגער, אַז זיי זאָלען האָבען ריכטיגע בעגריפען וועגען גאָט־הייט. ער האָט ערקלעהרט, אַז אַלע די יעניגע וואָס שרייבען צו די ליידענשאַפטען און שוואַכקייטען פון מענשען צו די געטער, דאַר־פען פעריאָגט ווערען. דערפון קומט עס זיין בעריהמטע פאַר־שריפט אויסצושליסען פּאָעטען פון זיין רעפּובליק. ער איז בכלל אַרויסגעטראָטען געגען פּאָעטען אויף דעם גרונד, וואָס אויסער דעם וואָס זיי פאַנטאַזירען וועגען די געטער, פער־

דאַרבען זיי נאָך די בירגער דורך פאַרשטעלונגען און בילדער פון ליידענשאַפטליכע בעגעהרען. אפילו מוזיק האָט ער קוים געדולדעט אין זיין אידעאַלער רעפּובליק.

ער איז אויך אַרויסגעטראָטען געגען פאַמיליען־לעבען. אין מאַנכע פּרטים האָט ער זיך אַרויסגעוויזען עפּעס אַלס אַ פּרוש. ער האָט געהאַלטען, אַז עס איז כּלל ניט גוט פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסען, וואָס עלטערן זיינען צו שטאַרק צוגעבונדען צו זייערע קינדער און וואָס מענער ווערען פאַרליעבט אין זייערע פרויען. אום אויסצומיידען אַזאַ עגאָאיזם און אָנצוהאַלטען אַ בעסערע אָרדנונג אין דער מלוכה, האָט ער דאַרום פאַרגעשריבען פאַר זיין אידעאַלע רעפּובליק די געמיינשאַפטליכקייט פון פרויען און די אָנגעהעריגקייט פון קינדער צום שטאַאט, אָבער ניט צו זייערע עלטערן. די מוטערס האָבען נור געזאָלט פאַרבלייבען אַלס אָנגעשטעלטע פון שטאַאט צו זויגען און צו האָדעווען די קינדער.

צו דער געמיינשאַפטליכקייט פון פרויען און צו דער אָבשאַפונג פון פאַמיליען־לעבען, ווי אויך צו דער פערשטאַאטליכונג פון קינדער איז פּלאַטאָן געקומען דורך זיין פערדאַמונג פון פּריוואַט־אייגענטום בכלל. ער האָט ערקלעהרט, אַז אייגענטום איז אַ גרויסע שטערונג איז געזעלשאַפטליכען לעבען, אַז דאָס פיהרט צו פערברעכען און אויך צו לוקסוס, וואָס איז קוים בעסער פון פערברעכען. דאַרום דאַרף מען אָפּשאַפען אייגענטום. אַלע רייכטימער דאַרפען בעלאַנגען נור צום שטאַאט. און אַזוי ווי די געמיינשאַפטליכקייט פון פרויען מוז שוין נאַטירליכערווייזע פיהרען צו געמיינשאַפטליכקייט פון אייגענטום, דאַרום האָט ער עס אַזוי פאַרגעשלאָגען אין זיין אידעאַלער רעפּובליק.

נור איין אונגלייכהייט האָט פּלאַטאָן פונדעסטוועגען איבערגעלאָזען אין זיין אידעאַלער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, און דאָס איז גראָדע שקלאַפעריי! ווי זאָנדערבאַר און פשוט אונגלויבליך דאָס זאָל ניט קלינגען אין אונזערע אויערען, אָבער דיעזער ערלער דענקער האָט אָנערקענט די שקלאַפעריי אַלס אַ נויטווענדיגע אינסטיטוציאָן אין אַ שטאַאט! זיין „רעפּובליק“ האָט ער געפּלאַנעוועט

בלויז פאר פ ר י י ע ב י ר ג ע ר, אבער ניט פאר די אונגליקליכע, וועלכע זיינען צוליעב אירגענד וועלכע אורזאכען פערשקלאפט גע־ווארען. ער האט אפנים גארניט געקענט פארשטעלען זיך, ווי אזוי עס קען עקזיסטירען א געזעלשאפט אהן שקלאפען, און ער האט עס געהאלטען פאר א נויטווענדיגען איבעל, אזוי ווי אין אונזערע צייטען געפינען זיך טיעפע דענקער און גרויסע פילאזאפען, ווי, למשל, הערבערט ספענסער, וועלכע מיינען, אז די קאפיטאליסטישע ארדנונג מיט איהר לוין־שקלאפעריי מוז פערבלייבען און אז א סאציאליסטישע ארדנונג מוז ניט אנדערש פיהרען צו דער פער־ניכטונג פון פערזענליכע פרייהייט און פון איניציאטיווע און דארום פשוט צו אלגעמיינע שטאאטס־שקלאפעריי.

אויך אריסטאטעל, דער גרעסטער פון די חכמי יון, וועלכער ווערט אנערקענט פאר דעם גרעסטען גאון אין דער גאנצער וועלט, האט בעטראכט שקלאפעריי אלס א נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע ג ע־ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע א י י נ ר י כ ט ו נ ג. און דאס ווערט אנגענומען און דארף אנגענומען ווערען אלס דער שטארקסטער בעווייז, ווי שווער עס איז אפילו פאר די גרעסטע קאפ־מענשען זיך צו בעפרייען אין גאנצען פון די אנזיכטען, גלויבענס און גע־פיהלען פון ז י י ע ר צייט.

אגב וועלען מיר דא איבערגעבען, אז אריסטאטעל האט שארף קריטיקירט פלאטאנ׳ס אידעאלע קאמוניסטישע ,רעפובליק. ער האט בכלל ניט געגלויבט אין דעם, אז מענשען זאלען טאקע קענען לעבען באמת קאמוניסטיש. „עס זיינען נור פאראן אינדיווידועלע פערגעניגען”, האט ער ערקלעהרט. ספעציעל איז איהם ניט גע־פעלען געווארען פלאטאנ׳ס פלאן וועגען די געמיינשאפטליכקייט פון פרויען. די ארגומענטען, וועלכע אריסטאטעל האט אנגעווענ־דעט געגען פלאטאנ׳ס „רעפובליק”, ווערן אלץ ווידערהאלט פון די געגנער פון קאמוניזם עד היום. דער גרונד פון דיעזע אנווענדונגען איז דער א י נ ד י ו ו י ד ו א ל י ז ם און ,פשוט גערעדט, דער עגאאיזם.

אלענפאלס, אין גאנץ גריכענלאנד, ווי אויך אין אנדערע לענ־

דער, וועלכע האָבען זיך געפונען גראַדע אויף דעם העכסטען שטאַפעל פון דעם קולטור־לייטער אין אַלטערטום, איז מענשליכע שקלאַפעריי געוואָרען דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט. וואָס רייכער און שטאַרקער אַ לאַנד איז דאָן געווען, אַלץ מעהר שקלאַפען זיינען דאָרטען צוזאַמענגעשלעפּט געוואָרען. די געזעלשאַפט איז דאָן אייגענטליך געווען צוטהיילט אין צוויי קלאַסען: פרייע און שקלאַפען. עס איז אמת, אַז די מייסטע שקלאַפען זיינען בעשטאַנען געוועהנליך פון פרעמדע, פון קריעגס־געפאַנגענע, וועלכע מען פלעגט פערקויפען אין שקלאַפעריי. איבערהויפּט, דעם אַנפאַנג פון שקלאַפעריי דאַרף מען זוכען אין מלחמות. דאָס ווערט היינט אַנערקענט פון אַלע גרינדליכע קולטור־פאָרשער. אַבער מיט דער צייט, דורך דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט בכלל און פון פּראָדוקטיווע קרעפטען בפרט, וואָס גרעסער עס זיינען געוואָרען די אונטערשיעדע אין די פערמעגענס פון די פרייע בירגער, האָט מען אויך אַלץ מעהר געטריבען די אַרימערע פון די אייגענע שטאַמען אין יאָך פון שקלאַפעריי. פערשידענע אורזאַכען האָבען דאָן געטריבען צו דיעזען שרעקליכען צושטאַנד, בעזאָנדערס ווען מען האָט ניט געקענט צאָהלען חובות אין צייט.

יעדענפאַלס פלעגען די פרייע גריכישע בירגער, וואָס זייער צאָהל איז געוואָרען אַלץ קלענער, וואָס העכער עס איז געשטיגען די קולטור פון זייערע רעפּובליקען, קוקען אויף שקלאַפען, ווי אויף נידעריגע בעשעפענישען, פּשוט ווי אויף בהמות, נאָך ערגער ווי אַ פּריץ, למשל אין פּוילען, פלעגט קוקען אויף די לייבקנעכט אָדער פּאַנסטשיזניקעס.

און אַזאַ צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט האָבען עס די בעסטע, די עדעלסטע דענקער פון גריכענלאַנד און בכלל פון דער אַנטיקער וועלט געהאַלטען פאַר אַ נאַטירליכען! זיי האָבען ניט געזעהן און ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, אַז אַ ציווילızירטער שטאַאַט זאָל קענען אויסקומען אָהן דער אַרבייט פון שקלאַפען. זיי האָבען געהאַלטען, אַז אַ פרייער בירגער דאַרף ניט פערנעהמען זיך מיט פיזישע אַרבייט און אַז זיין אויפגאַבע איז צו פיהרען דעם

שטאאט, צו האנדלען, צו קאמאנדעווען און אויך צו קולטיווירען די שעהנע קונסטען און צו פילאזאפירען.

אט אפילו אין דער ספארטאנער רעפובליק, וואו עס זיינען איינגעפיהרט געווארען איינינע פון ליקורג׳ס געזעצען, אום אנצו־האלטען וואס מעהר עקאנאמישע גלייכהייט, ווי מיר וויסען עס שוין פון צווייטען קאפיטעל, האבען זיך געפונען א סך שקלאפען. דאס זיינען געווען מייסטענס די אונגליקליכע ה ע ל א ט ע ן , וועלכע זיינען פערשקלאפט געווארען פון די זיעגרייכע ספארטא־נער. די „גלייכע" פרייע בירגער פון דיזער שטאלצער און קריעגע־רישער רעפובליק, וועלכע האט געוויסערמאסען געדיענט אלס מוס־טער פאר פלאטאנ׳ס אוטאפישער „רעפובליק", האבען געלעבט אויף דער רעכנונג פון די העלאטען, וועלכע פלעגען הארעווען ווי בהמות און אויך ניט בעסער בעהאנדעלט ווערען.

און גראדע אין דער ספארטאנער רעפובליק האט מען עס אם גרויזאמסטען בעהאנדעלט די שקלאפען. דאסווארט „העלאט" איז דארום אנגענומען געווארען צו בעצייכענען דעם אונטער־דריקטעסטען און אונגליקליכסטען סארט שקלאפען. מען רעכענט, אז אפילו אין די פערדארבענסטע צייטען פון דער אלט־רוימישער אימפעריע, ווען מען פלעגט זעהר ברוטאל און גרויזאם בעהאנדלען די שקלאפען, וועלכע מען פלעגט ברענגען צושלעפען אלס געפאנ־גענע אין מאסען נאך יעדען זיעגרייכען קריעג אין אזיען און אין אפריקא, האט מען אלץ ארויסגעצייגט מעהר מיטלייד און מענש־ליכקייט צו דיעזע אונגליקליכע, איידער אין ספארטא צו די הע־לאטען. די שטאלצע פרייע בירגער פון ספארטא פלעגען אויך ערנידריגען די העלאטען ביי יעדער געלעגענהייט.

פלוטארך שילדערט אויך אין זיין ביאגראפיע פון ליקורג, ווי גרויזאם און פשוט מערדעריש מען פלעגט בעהאנדלען די העלאטען אין ספארטא. מען פלעגט ארויסשיקען יונגע ספארטאנער אויס־צושלאכטען דיעזע אונגליקליכע איינפאך צוליעב מיליטערישע אי־בונגען, אום אויסצופרובירען זייער קריעגערישען מוטה. און ער בעמערקט דערביי:

„עס איז טאַקע ריכטיג בעמערקט געוואָרען, אַז דער וואָס איז געוועזן פריי אין ספּאַרטאַ איז עס געווען מעהר ווי אנדערסוואו. און דער וואָס איז דאָרטען געווען א שקלאַף, איז געווען דער גרעסטער שקלאַף אין דער וועלט. נאָר וואָס מיך אַנבעלאַנגט, בין איך מיט דער מיינונג, אַז דיעזע רציחות און מערדערייען האָט מען אָנגעפאַנגען אין ספּאַרטאַ אין שפּעטערע צייטען, בעזאָנדערס נאָך דער גרויסער ערדציטערניס, ווען די העלאָטען האָבען געמאַכט אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד און צוזאַמען מיט די מעסניער האָבען זיי פערוויסטעט די מדינה און געשטעלט די שטאָדט ספּאַרטאַ אין דער גרעסטער געפאַהר. ווייל איך קען ניט צולאָזען דעם געדאַנק צו צושרייבען אַזעלכע געמיינע און באַרבאַרישע פיהרונגען צו ליקורג׳ן, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ ווייכהערציגקייט און גערעכטיגקייט אין פיעלע אַנדערע זאַכען, ווי דאָס ווערט אויך בעשטעטיגט פון דעם אָראַקעל“.

לויט די פאָרשונגען פון היסטאָריקער אין אונזערע צייטען, פלעגען טאַקע די העלאָטען מאַכען אויפשטאַנדען געגען זייערע גרויזאַמע הערשער פון צייט צו צייט. דערפאַר פלעגען זיך די ספּאַרטאַנער אַברעכענען מיט זיי ווי ווילדע חיות.

* * *

עס פערשטעהט זיך, אַז ביי א געלעגענהייט פלעגען שקלאַפען בעפאַלען זייערע הערען און זוכען אַראָבצושליידערען פון זיך מיט געוואַלט דעם יאָך. מאַנכע פלעגען ליעבערסט בעגעהן זעלבסטמאָרד, איידער אַריינצופאַלען אין די הענט פון די זיעגערס, וועלכע פלעגען געוועהנליך פערשקלאַפען די געפאַנגענע. עס זיינען פאָרגעקומען א סך אויפשטאַנדען פון שקלאַפען אין פערשידענע לענדער פון דער גריכיש־רוימישער וועלט. דער גרעסטער און בעריהמטעסטער פון זיי האָט פּאַסירט אין רוים גופא מיט א יאָהר 70 פאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. די שקלאַפען האָבען זיך דאַן פערבונדען אונטער דער פיהרונג פון א מערקווירדיגען מאַן מיט׳ן נאָמען ס פּ אַ ר ט אַ ק ו ס, וועלכער האָט פריהער געדיענט אין די רוימישע לעגיאָנען און איז פערקויפט געוואָרען אין שקלאַפעריי

אלס א שטראף דערפאר, וואס ער איז אנטלאפען. פון זיין לעבען ווייסט מען גאנץ ווייניג, נור זיין העלדישער קאמפף געגען די רוימישע הערשער איז גוט בעקאנט.

פון אלע זייטען זיינען צו איהם צוגעשטאנען אנטלאפענע שקלאפען, וועלכע האבען אין פערלויף פון צוויי יאהר געהאלטען אין שרעק דעם סענאט און אלע גענעראלען פון רוים. זיי האבען עטליכע מאל בעזיעגט די רוימישע לעגיאנען, וואס זיינען קאמאנדירט געווארען פון די בעסטע רוימישע גענעראלען. אבער צוליעב אינערליכע רייסערייען איז דיעזער אויפשטאנד דערשטיקט געווארען אין טייכען בלוט, און ספארטאקוס אליין איז געפאלען אין דער לעצטער פערצווייפעלטער שלאכט, ווען געגען איהם איז ארוים א ריזיגע רוימישע ארמעע אונטער דער קאמאנדע פון דעם גרויסען פאמפעי. דער נאמען פון דיזען אנפיהרער פון שקלאפען איז פעראייביגט געווארען אלס א טיפ פון א קעמפפער, וואס אפפערט מיט זיין לעבען פאר די בעפרייאונג פון די פערשקלאפטע.

„מען מוז צוגעבען, אז פון אלע מלחמות, איז די דאזיגע פון ספארטאקוס, די גערעכטעסטע און פיליכט די *איינציג* גערעכטע“, בעמערקט וואלטער אין אן ארטיקעל איבער שקלאפעריי אין זיין גייסטרייכען „פילאזאפישען ווערטערבוד“.

אה, ווי רעכט ער האט, דיעזער זעלטענער זשעניע און אויך גרויסער קעמפפער פאר דעם פרייען געדאנק.

נאר ווען מען נעהמט אין בעטראכט, וויפיעל פון אונזערע מיטבירגער עם גלויבען אלץ עהרליך און אויפריכטיג, אז א געזעלשאפט קען ניט עקזיסטירען, ניט נור אהן פריוואט־אייגענטום, זאנדערן אויך ניט אהן דער הערשאפט פון קאפיטאליסטען איבער ארבייטער, אהן אירגענד וועלכע *לוין־סיסטעם*, דארף מען זיך גארניט אזוי וואונדערן, וואס אין דער גריכיש־רוימישער וועלט האט פלאטאן געבויט *אפילו זיין אידעאלע געזעלשאפטליכע ארדנונג אויף דער שקלאפעריי פון א טהייל פון דער מענשהייט*.

מיר הערען דאך אויך היינט פון אלע זייטען טענות, אז פריוואט־אייגענטום מוז בלייבען דער פונדאמענט פון יעדער ציווילי־

זירטער געזעלשאַפט; אַז סאָציאַליזם איז פּשוט אַז אונזין, ווייל מענשען זיינען דאָך עגאָאיסטיש, זעלבסטזיכטיג; אַז עקאָנאָמישע גלייכהייט איז אונמעגליך, ווייל מענשען ווערען דאָך פון דער נאַטור בעשאַפען מיט אונגלייכע קרעפטען און פעהיגקייטען. אָבער בשעת מיר הערען אַזעלכע בעהויפּטונגען, וועלכע ווערען שטענדיג ווי־דערהאָלט פון די קאַפּיטאַליסטען און פון זייערע פערטהיידיגער אין דער פּרעסע, אין די אוניווערזיטעטען און אין קירכען (די גלחים פון אַלע רעליגיאָנען זיינען געוועהנליך די טרייעסטע פערטהיידיגער און דיענער פון הערשער געגען אונטערדריקטע, פון רייכע געגען אָרימע) — לאָמיר זיך דערמאָנען אַז די גרעסטע פילאָזאָפען פון דער גריכיש־רוימישער וועלט, אַז אַריסטאָטעל און פּלאַטאָ, וועלכע האָבען גערעכענט, אַז עס קען פּשוט ניט עקזיסטירען אַ געזעלשאַפט אָהן אַ קלאַס פון שקלאַפען.

ווי אַזוי אַנדערע טרוימער און דענקער האָבען זיך פאָרגע־שטעלט אַ גערעכטע און גליקליכע געזעלשאַפט, דאָס וועט איבער־געגעבען ווערען אין נעכסטען קאַפּיטעל.

קאפיטעל 5.

מוסטערס פון אויסגעטראכטע אידעאלע געזעל־שאפטען.

סער טהאמאס מאר'ס „אוטאפיא" (פון די גריכישע ווערטער: „או"־ניט, „טאפאס"־פלאץ) האט א סך ענליכקייטען מיט פלאטאנ'ס „רעפובליק". אין צייט זיינען דיזע דענקער אפילו גאנץ ווייט איינער פון דעם אנדערן, אבער דערפאר גאנץ נאהענט אין גייסט. דער געניאלער אלט־גריכישער פילאזאף פלאטאן איז געבארען גע־ווארען אין אטהען מיט 429 יאהר פאר די קריסטליכע צייט־רעכ־נונג, און דער עדעלמוטהיגער ענגלענדער מאר איז געבארען געווא־רען מיט 1478 יאהר נאך דיזער צייט־רעכנונג. צווישען זייערע געבורטען זיינען אזוי פארשוואונדען אין דער אייביגקייט איבער 19 יאהרהונדערטע.

זייערע סאציאלע שטרעבונגען, זייערע אנזיכטען איבער א ווירקליך גערעכטער און גליקליכער מענשליכער געזעלשאפט זיינען אין אלגעמיין פארבליבען דיזעלבע, טראץ די פארשיעדענע און אונ־געהייער וויכטיגע פאליטישע און אויך רעליגיעזע איבערקעהרעני־סען אין פערלויף פון דיזע כמעט צוויי טויזענד יאהר. די אלטע וועלט, די גריכיש־רוימישע אנטיקע וועלט, איז שוין לאנג געווען אונטערגעגאנגען, און אויך די פינסטערע מיטעלאלטערליכע וועלט, די וועלט פון פאפסטליכען קאטאליציזם און פון קרייץ־ציגע, האט אלץ מעהר געהאלטען אין זינקען אין 15טען און 16טען יאהרהונ־

דערטע דורך די אונטערגראבונגען און אפטע אטאקעס פון השכלה, נעמליך: דורך די גריכיש־רוימישע „רענעסאנס" פון איין זייט און די קריסטליכע „רעפארמאציאן" פון דער אנדער זייט. אבער די סאציאל־פאליטישע אונגערעכטיגקייטען פון דער געזעלשאפט זיינען אלץ געבליבען אין מאר'ס צייטען, אזוי ווי אין פלאטאנ'ס, און די ארימע און „פראסטע" מענשען זיינען געבליבען אונטערדריקט און פערשקלאפט פון די רייכע און „אדעליגע".

קורץ, קלאסען־הערשאפט האט אנגעהאלטען אין מאר'ס ענגלאנד אזוי ווי אין פלאטאנ'ס גריכענלאנד, און די וועגען און מיטעל, וועלכע דיזע צוויי ערהאבענע מענער און טיעפע דענקער האבען פארגעשלאגען אין זייערע באשרייבונגען פון אויסגעטראכטע גליקליכע לענדער, אלס מוסטערס פאר די ליידענדע מענשהייט, האבען געזאלט פיהרען צום זעלבען ציעל, נעמליך: צו גלייכהייט און ברידערליכקייט אין דער געזעלשאפט.

טהאמאס מאר פאדערט אויך די אפשאפונג פון פריוואט־אייגענטום אלס די ערשטע און וויכטיגסטע בעדינגונג פון א גערעכטע און גלייכע געזעלשאפטליכע ארדנונג. אין זיין „אוטאפיא" געהערען אלע אינסטרומענטען פון פראדוקציאן, די ערד אריינגערעכענט, צום ק ה ל, צום גאנצען פאלק, און די פראדוקטען ווערען אויך צוטהיילט צווישען די בירגער לויט ז י י ע ר ע ב ע ד י ר פ נ י ס ע, ווי דאס דארף צו זיין אין א ריכטיגער ק א מ ו נ י ס ט י ש ע ר געזעלשאפט. דארטען, אין זיין אידעאלער געזעלשאפט אויף דעם אינזעל „אוטאפיא", ווייס מען ניט פון קיין געלד. דער געברויך פון געלד איז דארט שטרענג פערבאטען. אום אלע זאלען זיך פיהלען ווי מיטגליעדער פון איין פאמיליע, זיינען אויך אין דער „אוטאפיא" איינגעפיהרט געווארען געמיינשאפטליכע סעודות, אזוי ווי אין פלאטאנ'ס „רעפובליק".

נאר אין איין וויכטיגען פרט אונטערשיידען זיך דיזע ביידע קאמוניסטישע רעפובליקען. דאס איז נעמליך אין פ א מ י ל י ע ן־ ל ע ב ע ן. מיר ווייסען דאך פון פאריגען קאפיטעל, אז פלאטאן איז אויך געווען פאר די איינפיהרונג פון ק א מ ו נ י ז ם פ ו ן פ ר ו י ע ן אין זיין אידעאלער געזעלשאפט. ער איז ארויסגע־

טראטען געגען מאנאגאמיע אין זיין רעפובליק, ווייל ער האט גע־רעכענט, אז דאס וועט זיין א שטערונג פאר די גאנצע קאמוניסטישע ארדנונג. אין דער באשרייבונג פון זיין „רעפובליק" געברויכט פלאטאן די ווערטער: „די פאסעסיע און דער געברויך פון פרויען און קינדער", וואס עס צייגט, אז ער האט אויך ניט געקענט אין גאנצען זיך באפרייען פון דעם בליק אויף פרויען, ווי אויף אן אייגענטום פון מענער. מאנכע מיינען אבער, אז דערמיט האט ער גאר געציעלט צו געווינען סאציאלע גלייכהייט פאר פרויען, ווייל ער האט פארגע־שריבען, אז זיי זאלען ערצויגען און בעהאנדעלט ווערען און אויך האבען דיזעלבע רעכטע, ווי מענער.

אין מאר'ס „אוטאפיא" איז אבער מאנאגאמיע דער פונדאמענט פון פאמיליען־לעבען. אלס א קריסט, און דערצו נאך א גאנץ פרו־מער, האט מאר אנערקענט די הייליגקייט פון חתונה. אין דיעזען פונקט איז דיזער מערקווירדיגער מאן, וועלכער האט שארף קרי־טיקירט אלע אנדערע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציאנען, געווען גראדע זעהר קאנסערוואטיוו. ער איז אפילו געווען א געגנער פון גט'ן. מען מעג זאגען, אז דערפאר האט ער פשוט בעצאהלט מיט זיין לעבען *).

*) Sir Thomas More (1478 — 1535).

דיזער עדעלמוטיגער מאן, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסע קענטניסע און זעלטענע פעהיגקייטען, איז געפאלען אלס קרבן פון קעניגליכער טיראניי. דערזעלבער הענריך דער אכטער, וואס האט איהם אויסגעקליבען פאר דעם הויפט־ריכטער פון ענגלאנד, האט איהם נאכהער פערהאסט און פערפאלגט ביז'ן טויט אויפ'ן עשאפאט, אויף דער פאלשער קלאגע אין האכפערראטה. דאס איז איינער פון די בעריהמ־טעסטע און שענדליכסטע יוסטיץ־מארדען אין דער וועלט־געשיכטע. און די אורזאך דערפון איז געווען, וואס מאר האט זיך ענטזאגט צו רעכט־פערטיגען דעם גט פון דיזען טיראנישען און אויסגעלאסענעם קעניג מיט זיין עשרטער פרוי, אום צו קענען חתונה האבען מיט דער שעהנער אננא באלעין, וועלכע האט נאכהער אויך געענדיגט איהרע יאהרען אויפ'ן עשאפאט. די לעבענסבעשרייבונג פון דיזען גרויסען דענקער און שטאאטסמאן, וועלכער איז געשטארבען ווי א מארטירער פאר זיינע אי־בערצייגונגען, איז איבערהויפט א זעהר אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע, נאר מיר קענען זיך דא דערמיט ניט פערנעהמען. זעהר זאנדערבאר איז עס, וואס די קאטוילישע קירכע האט מאר'ן שיער ניט ערקלערט אין אונזערע צייטען פאר א הייליגען. אין 1886 איז ער נעמליך

אין דיזען פונקט האָט זיך אַרויסגעצייגט בעזאָנדערס דער איינפלוס פון קריסטענטום, וואָס האַלט די צערעמאָניע פון חתונה פאַר אַ געטליכע געהיימניס. זאָנסט איז טהאָמאַס מאָר געווען אַ זעלטענער פרייער גייסט, צו פריי פאַר זיין צייט, בעזונדערס אין ענגלאַנד, וואו דער גייסט פון „רענעסאַנס", וואָס מעג גערעכענט ווערען אין אַלגעמיינען פאַר אַן אַפּיקורס'ישען, איז אַריינגעדרונגען שפּעטער ווי אין איטאַליען און אין פראַנקרייך. ער איז געווען אַ זעהר נאָהנטער פריינד פון דעם בעריהמטען האָלענדישען פילאָזאָף און קעמפּפער פאַר רעליגיעזע פרייהייט ע ר אַ ז מ ו ס, וועלכער ווערט גערעכענט, און מיט רעכט, פאַר איינעם פון די גרעסטע שטערן פון רענעסאַנס און פאַר אַ פאָטער פון לוטהער'ס רעפאָרמאַציאָן.

אַלס קריטיקער פון דער געזעלשאַפט פון זיין צייט, מעג טהאָמאַס מאָר גערעכענט ווערען זאָגאַר פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. אין זיינע געדאַנקען האָט ער געלעבט אין דער ווייטער צוקונפט. אין זיין „אוטאָפּיאַ", וועלכע ער האָט אָנגעשריבען אין לאַטיין (דאָס איז געווען די אַלגעמיינע ליטעראַרישע שפּראַך פון וועסט־איירופּאַ אין מיטעלאַלטער) און וועלכע איז צוערשט געדרוקט געוואָרען אין האָלאַנד אין 1516, פיער־און־צוואַנציג יאָהר נאָך דער ענטדעקונג פון אַמעריקא, האָט ער זאָגאַר געוואָגט צו קריטיקירען די האַנדלונגען און די רעגירונג פון זיין קעניג, נאַטירליך פערשטעלטערהייט.

זיין אידעאַלע געזעלשאַפט האָט מאָר פאָרגעשטעלט ניט נור אַלס אַזעלכע, וואו אַלע גלויבענס ווערען געדולדעט, זאָנדערן אויך אַלס אַ פילאָזאָפישע מיט אַ ברייטען און פרייען בליק אויף דער וועלט.

„געבענשט" געוואָרען פון פּאַבסט לעאָ דעם דריייצעהנטען לויט דער צערעמאָניע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בעאַטיפיקאַציאָן" און וואָס ווערט געפּראָוועט פאַר די „קאַנאָניזאַציאָן", דאָס הייסט, פאַר די „פערהייליגונג". אויב אַן אַנדער פּאַבסט וועט זיך ווען עס איז פערגלוסטען דורכצומאַכען אויך די צערעמאָניע פון „קאַנאָניזאַציאָן" פאַר דעם פערפאַסער פון דער „אוטאָפּיאַ", וועט דער לאַנגער צעטעל פון די קאַטאָלישע הייליגע פערגרעסערט ווערען מיט נאָך איינעם: מיט ס ע נ ט טאָמאָס מאָר.

ווען מען נעהמט אין בעטראַכט, דאַס ער האָט געלעבט און געשריבען אין דער צייט פון דער אינקוויזיציאָן, ווען אפילו די פּראָטעסטאַנטען זיינען נאָך געווען גאַנץ ווייט פון רעליגיעזע טאָלעראַנץ, ווען מען האָט געפיהרט פערוויסטענדע מלחמות אין נאָמען פון רעליגיאָן, מוז מען זיך פּשוט וואונדערן, ווי ליבעראַל ער איז געווען. נאָך מעהר אויפפאַלענד איז עס, ווען מען ווערט געוואָהר פון זיין לעבענס-בעשרייבונג, ווי ער איז אין אמת'ען געווען זעהר רעליגיעז און ווי אַ געוויסע צייט האָט ער זאָגאַר געלעבט אַלס אַ פּרוש, געפּייניגט זיין גוף און געוואָלט ווערען אַ מאָנאַך.

יעדענפאַלס איז ער געשטאַנען מיט פיעלע קעפּ העכער פאַר פיעלע זעהר געבילדעטע לייט פון זיין צייט. זאָגאַר אין ענגלאַנד האָט מען דאַן געקוקט אויף דעם שטודיום פון גריכיש, ווי אויף אַן אפּיקורסות, ווי אויף אַ „טריף פּסול" (אונגעפעהר אַזוי ווי אונזערע עלטערן אין דער ליטא און אין פּוילען האָבען געקוקט אויף דעם שטודיום פון דייטש, רוסיש און זאָגאַר העברעאיש).

די „אוטאָפּיאַ" איז איבערזעצט געוואָרען פון לאַטייניש אין ענגליש און אין אַנדערע לעבעדיגע שפּראַכען און האָט געפונען אַ גרויסען און סימפּאַטישען אָבקלאַנג אין דער וועלט. מען האָט איהר בכלל מעהר געלעזען, ווי אַנדערע אַזעלכע ווערק. אין ענגלאַנד גופא האָט זי מייסטענס צוגעצויגען לעזער צוליעב די קריטיק פון דער געזעלשאַפט און די סאַטירע אויף דער קעניגליכער רעגירונג.

צוזאַמען מיט פּלאַטאָנ'ס „רעפּובליק" האָט מאָר'ס „אוטאָפּיאַ" געדיענט אַלס אַ מוסטער פאַר פיעלע אַנדערע דענקער און טרוימער צו שילדערען אידעאַלע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען, ווי דאָס איז שוין אויבען בעמערקט געווען. דער פונדאַמענט, נעמליך דער ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר פונדאַמענט, בלייבט אַלץ דערזעלבער, נור די אַרכיטעקטור איז פערשיעדען. יעדער פערפאַסער פּלאַנעוועט זיין אידעאַלע געזעלשאַפט נאָך זיינע נייגונגען, איינבילדונגען און געשמאַק. נור אַזוי ווי די איינצעלהייטען פון די פערשידענע אוטאָפּיעס זיינען בכלל ניט וויכטיג, און עס איז ניט די אבזיכט

פון דעם פּערפאסער פון דיזען בוך איבערצייגעבען זייער אינהאַלט אפילו אין אַלגעמיינע שטריכען, דארום וועט גענוג זיין דאָס אוי־בענגעזאָגטע וועגען זייערע מוסטערס.

* * *

צווישען די פערפאסערס פון אוטאָפּיעס אין 17טען און 18טען יאָהרהונדערטע פערנעהמט אַ בעזונדערען פּלאַץ דער פראַנצויז מ אַ ר ע ל י, וועגען וועמעס לעבען מען ווייס זעהר ווענינ. זיינע ווערק צייגען, אַז ער איז געווען אַ טיעפער און אַ זעהר פרייער און ראַדיקאַלער דענקער. אַלע זיינע קאָמוניסטישע געדאַנקען וועגען אַ נייע געזעלשאַפט, וועגען אַ בעסערע און גערעכטערע אָרדנונג, האָט ער אויסגעדריקט אין אַ בוך מיט'ן נאָמען „קאָדעקס פון דער נאַטור, אָדער דער ריכטיגער גייסט פון די נאַטורגעזעצע", וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין 1755. מיט עטליכע יאָהר פריהער האָט ער עס אָנגעשריבען אַלס אַ ראָמאַן מיט'ן נאָמען „שיפּבּרוך און רעטונג לעבען די שווימענדע אינזלען, אָדער די באַזיליאַדע". דאָר־טען האָט ער עס פאַרגעשטעלט אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג.

אין דער זעלבער צייט איז ער אַרויסגעטראָטען אַלס פרייער דענקער און שאַרפער קריטיקער פון דער בעשטעהענדער אָרדנונג. דורך דעם האָט ער אויך געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף איי־ניגע פריהייטס־קעמפּפער אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציאָן. עס איז זיכער, אַז ב אַ ב ע ף, מיט וועמעס לעהרע און פערשווערונג מיט וועלען זיך שפּעטער בעקענען, האָט געשעפּט אַ סך פון מאַרעלי'ס „קאָדעקס". אויך האָט לואי בלאַן, וועלכער האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָן פון 1848, זיך בענוצט אין זיין בעריהמטער בראָשורע „אָרגאַניזאַ־ציאָן פון אַרבייט" מיט מאַרעלי'ס פּלענער.

פון דיזען אוטאָפּיסט שטאַמט עס די עכטע קאָמוניסטישע פאָרמולע: „יעדער זאָל שאַפען נאָך זיינע פעהיגקייטען און בעקו־מען נאָך זיינע בעדערפעניסען".

ער האָט ערקלעהרט, אַז די ביבלישע מעשה, דאָס די מענשען ווערען געבאָרען פערשאָלטענע און זינדיגע, איז אַ אונזין, און

האָט געזוכט צו בעווייזען, אַז פון דער נאַטור זיינען מענשען גוט, נור זיי ווערען פערדאָרבען דורך די אונגערעכטע און שלעכטע געזעלשאַפטליכע פיהרונגען און איינריכטונגען. די גרעסטע מענשליכע זינד, האָט ער געלערענט, קומען פון פּריוואַט־אייגענטום. אין איין אָרט שרייבט ער אויסדריקליך: „דאָרטען וואו עס וועט ניט עקזיסטירען קיין אייגענטהום, וועלען ניט קענען עקזיסטירען איר־גענד וועלכע פון זיינע שלעכטע רעזולטאַטען“.

ער ווייזט אויך אָן, אַז פון דער נאַטור זיינען מענשען א ק ט י װ . אפילו רייכע, זאָגט ער, מוזען זוכען עפּעס אַ בעשעפטי־גונג, כאָטש צום צייט־פערטרייב, אַבי ניט צו בלייבען לעדיג. דאָ־רום האָט ער געגלויבט, אַז מען וועט זיך ניט פוילען צו אַרבייטען אויך אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

נור די פראַגע, פאַרוואָס די געזעלשאַפטען און די געזעצען ווערען אַזוי שלעכט, וועהרענד די מענשען ווערען געבאָרען גוט, האָט מאָרעלי גאַרניט פּרובירט פערענטפערען.

וואָס אַנבעלאַנגט פאַמיליען־לעבען איז ער ניט נור אַרויס געגען פרייע ליעבע, זאָנדערן האָט געפונען פאַר נויטיג ג ע־צ װ ו נ ג ע נ ע חתונות אין זיין אוטאָפּיע.

קאפיטעל 6.

דער קלאסענקאמפף און די ענטוויקלונג פון דער בורזשואזיע אין מיטעלאלטער.

„קיין גרויסע זאך איז ניט לייכט" — אזוי האט פלאטאן געענטפערט זיינע קריטיקער, וועלכע האבען אנגעוויזען אויף די אונגעהייער גרויסע שוועריגקייטען דורכצופיהרען אין פראקטישען לעבען זיינע קאמוניסטישע פלענער, צו ארגאניזירען טאקע זיין אידעאלע „רעפובליק".

געווים איז עס אזוי אין אלע צייטען און אין אלע לענדער. יא, עס קומט אן זעהר שווער דורכצופיהרען א גרויסע זאך, בפרט נאך אזעלכע, ווי אן איבערבויאונג פון א געזעלשאפטליכער ארדנונג אויף גאנץ אנדערע יסודות. ניט איין רעוואלוציאן האט די ציוויליזירטע מענשהייט געמוזט דורכמאכען אין די אונגעפעהר 2500 יאהר, וואס טהיילען אונז אפ פון דער צייט פון די גרויסע אלטגריכישע פילאזאפען, אום צו שאפען א בעסערע און גערעכטערע געזעלשאפטליכע ארדנונג. אבער די שוועריגקייטען אויף דעם וועג צו פארווירקליכען פלאטאנ'ס אידעאל בלייבען נאך אלץ אונגעהויער גרויסע.

פלאטאנ'ס ערקלעהרונג אין איין ארט פון זיין „רעפובליק", אז „אירגענד וועלכע שטאדט, ווי קליין זי זאל ניט זיין, באשטעהט פאקטיש פון *צוויי שטעדט*: איינע פון *רייכע* און די אנדערע פון *ארימע*, אין *קריעג* איינע מיט די אנדערע" —

איז היינט אַזוי ריכטיג, ווי אין זיין צייט. אין דיזע עטליכע צייי־לען האָט דער טיעפער אַלט־גריכישער פילאָזאָף אַנגעוויזען אויף דעם שטענדיגען קלאַסענקאַמפּף אין יעדער ציוויליזירטער געזעלשאַפט.

יאַ, יעדע שטאָדט, יעדער דאָרף איז אייגענטליך צוטהיילט אין צוויי קלאַסען. מיר האָבען דאָך צוויי וועלטען אין איין וועלט: אַ וועלט פון רייכע און אַ וועלט פון אָרימע. אין דיזען פּרט, ווען מען באַטראַכט די מענשהייט בלויז פון דעם אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט, דאָס די עקאָנאָמישע אונגלייכהייטען זיינען נאָך אַלץ גרויסע, דאָס די מאַסען ווערען נאָך אַלץ עקספּלואַטירט און אונטערדריקט, טראָץ אַלע ריזיגע פאָרטשריטע אין וויסענשאַפטען און קונסטען און טראָץ די אַלץ־שטייגענדע פּראָדוקציאָן מיט דער הילפע פון מאַשינען — שיינט עס, אַז מען האָט גאָר ווענִיג פּראָגרעס געמאַכט אין פערלויף פון דער גאַנצער געשיכטליכער צייט.

אָבער ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט בלויז דעם פאַקט, דאָס עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די שקלאַפעריי, וועלכע אפילו פּלאַטאָן האָט געהאַלטען פאַר אַן אונפערמיידליכען איבעל, מוז מען קומען צום שלוס, אַז מען האָט זעהר פיעל אויפגעטהאָן אויף דעם וועג צו גלייכהייט אין דער געזעלשאַפט.

היינט, ווען מען טרעט אַרויס געגען די קעמפּפער פאַר עקאָ־נאָמישע גלייכהייט, די פּרעדיגער פון סאָציאַליזם, מיט טענות, אַז זייערע געזעלשאַפטליכע אידעאַלען זיינען אין גרונד אַזעלכע אוטאָפּיסטישע ווי פּלאַטאָנ'ס, אַז עס איז אונגעהויער שווער, פּשוט אונמעגליך, דורכצופיהרען אין פּראַקטישען לעבען די סאָציאַליסטי־שע פּראָגראַמען — היינט קענען זיי שוין ענטפערען ניט בלויז מיט פּלאַטאָנ'ס ווערטער, אַז „קיין גרויסע זאַך איז ניט לייכט“, זאָנדערן זיי קענען אויך אָנווייזען אויף וויכטיגע און ראַדיקאַלע איבערקעהר־רעניסען אין דער געזעלשאַפט, אויף אַזעלכע רעוואָלוציאָנען, וועל־כע האָבען געשטירצט אַלטע אָרדנונגען און געפיהרט צו דער אויפ־בויאונג פון נייע אָרדנונגען אויף נייע פונדאַמענטען.

עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז די געשיכטע פון

דער ציוויליזאַציאָן אין דער נייער צייט איז אַ געשיכטע פון דעם פּאָרטשריט פון די אַרבייטענדע מאַסען.

די סאָציאַליסטען פון אונזער צייט האָבען שוין אַ געשיכ־טע, אויף וועלכע זיי קענען זיך שטיצען אין זייערע אויספיהרונ־גען און פּלענער. לאַנגזאַם ווערען דורכגעפיהרט סאָציאַלע רעפאָר־מען בכלל; אַבער די לאַגע פון די פעלקער האָט זיך דאָך פערבע־סערט און ווערט אַלץ בעסער. פיעלע רעפאָרמען, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאַר אוטאָפּיעס אפילו גאָרניט לאַנג צוריק, זיינען שוין דורכגעפיהרט געוואָרען אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. מען מעג אין אַלגעמיין זאָגען, אַז דער סאָציאַליזם דרינגט אַלץ שטאַרקער און טיעפער אריין אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. „דער סאָ־ציאַליזם איז אין דער עפענטליכער מיינונג, אין דער לופט, אין פאָלק“, האָט נאָך מיט אַ יאָהר 70 צוריק אויסגערופען דער פראַנ־צויזישער סאָציאַליסט וויקטאָר קאָנסידעראַן *, וועלכער האָט אויך פּרובירען איינריכטען אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע נאָך פוריע׳ס פּלענער אין טעקסעס אין 1852.

אין 1844 האָט ער אָנגעוויזען מיט אַ פּראָפעטישען בליק אויף דער וועלט־איבערקעהרענדער צוקונפט פון סאָציאַליזם. ער האָט דאַן געשריבען: „היינט איז נאָך דער סאָציאַליזם ניט געקומען צו זיין זעלבסטבעוואוסטזיין; היינט רופט ער זיך נאָך קאָמוניזם. עס געפינען זיך היינט אַרום 100,000 קאָמוניסטען, אפשר 200,000...

*) Victor Considerant (1808—1893).

ער האָט געענדיגט די פּאָליטעכנישע שולע אין פּאַריז און האָט אויך געדיענט אַלס אינזשעניער אין דער אַרמעע, ביז ער איז געוואָרען אַ הייסער אָנהענגער פון פוריע׳ס לעהרע אין 1831.

נאָך פוריע׳ס טויט, אין 1837, איז ער געוואָרען דער הויפּט פון דער פוריערוסטישער בעוועגונג און דער רעדאַקטאָר פון דעם פוריערים־טישען זשורנאַל „לאַ פּאַלאַנזש“. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן אין 1848 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעד פון דער קאָנסטי־טואַנטע (גרינדונגס־פּערלאַמענט). ער איז געוועזען דער טהעטיגסטער און פעהיגסטער פון פוריע׳ס שילער. איינע פון זיינע וויכטיגסטע ווערק טראָגט דעם נאָמען „די פּרינציפּען פון סאָציאַליזם“ (ערשיענען אין 1847). אַלע זיינע פּראָבעס צו גרינדען קאָמוניסטישע געמיינדעס, אָדער פּאַלאַנסטערען, ווי פוריעריסטען רופען עס, סיי אין פראַנקרייך סיי אין אַמעריקא, זיינען דורכגעפאַלען. נור אַזוי איז ביז יעצט געוועזען דער שיקזאַל פון אַלע קאָמונעס.

אָבער נאָך איידער די העלפט פון אונזער יאָהרהונדערט וועט פאַר־איבערגעהן (איך האָב קיין צווייפעל ניט אין דעם), וועט שוין די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט פיהלען אונזער מעכטיגען איינפלוס". און זי פיהלט עס טאַקע אַלץ מעהר זייט דער רעוואָלוציאָן פון 1848, ווי דאָס וועט שפּעטער געשילדערט ווערען.

די יעניגע וואָס מיינען נאָך אַלץ, אַז דער סאָציאַליזם איז אַן אוטאָפּיע, אַז די סאָציאַליסטען זיינען טרוימער, זאָלען שטודירען די געשיכטע פון אונזער צייט, בעזאָנדערס די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. דאַן וועלען זיי זעהען, ווי „אוטאָפּיעס" ווערען פערווירקליכט, ווי אַזוי אַלטע געזעלשאַפטליכע סיסטעמען ווערען צושמעטערט און נייע ווערען אויפגעבויט. דאַן וועלען זיי זיך אַרומזעהן, אַז עס קען אויך קומען אַ צייט, ווען די היינטיגע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן פון דער געזעלשאַפט וועט אַבטרעטען פּלאַץ צו אַ סאָציאַליסטישער.

נור אום צו פערשטעהן, וואָס פאַר ענדערונגען עס זיינען אַרויס־געקומען דורך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אויסגעבראָכען ווי אַ שטורם צו ענדע פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, נאָך דער צושטערונג פון דער באַסטיליע, די פעסטונג פון קעניג־ליכער טיראַניי, דעם 14טען יולי, 1789, איז נויטיג צו בעקענען זיך מיט דעם פריהערען צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, מיט דער סיס־טעם, וועלכע טראָגט אין דער וועלט־געשיכטע דעם נאָמען פעאָדאַלע.

* * *

נאָך דעם פאַל פון דער וועסטליכער רוימישער אימפּעריע אין פינפטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג האָט די שקלאַפעריי, וועלכע איז געווען זעהר אַ וויכטיגער עקאָנאָמישער זייל פון דיזער אימפּעריע, ווי בכלל פון די גרויסע אַלטע מלוכות, אָנגענומען אַן אַנדער פאָרמע אין אייראָפּאַ, נעמליך: די פאָרמע פון קנעכטשאַפט, אָדער פאַנסטשיזנע. דאָס איז געווען אַ לייכטערע פאָרמע פון דער אַלטער שקלאַפעריי. די אַקערבויער זיינען צוגע־בונדען, צוגעפעסטיגט געוואָרען צו די שטיקלעך ערד, וועלכע זיי

האָבען בעאַרבייט פאַר זייערע פריצים, פאַר דעם קלאַס פון די זאָ־גענאַנטע „אדעליגע“. די פּאָליטישע מאַכט איז דאַן געלעגען אין די הענד פון די פריצים און אויך פון די גלחים. דאָס זיינען געווען די צוויי פּריווילעגירטע און הערשענדע קלאַסען ניט נור אין פינס־טערען מיטעלאַלטער, זאָנדערן אויך ביז גאָר ניט לאַנג צוריק אין איינינע אָבגעשטאַנענע לענדער, ווי, למשל, אין רוסלאַנד, וואו פּאַנסטשיזנע, אָדער קרעפּאַסטניטשעסטוואָ, איז אָבגעשאַפט גע־וואָרען ערשט אין 1861.

דיזע פאָרמע פון פערשקלאַפונג פון די פאָלקסמאַסען איז גע־ווען איינער פון די רינגען אין דער קייט פון דער פעאָדאַלער סיס־טעם. די אדעליגע זיינען געווען איינגעטהיילט אין בעשטימטע גרופּען, וועלכע זיינען געווען מעהר אָדער ווייניג אָפּהענגיג איינע פון די אנדערע, אַט ווי ריטער, באַראָנען, גראַפען, פירסטען. אי־בער זיי אַלעמען איז געשטאַנען דער קעניג. גאָר אונטען אויף דער לעצטען שטופע פון דיזען געזעלשאַפטליכען לייטער, זיינען געשטאַנען די אַקערבויער, וועלכע האָבען געמוזט ארבייטען אַ בע־שטימטע צייט פאַר זייערע הערען אַלס קנעכט אָדער „לייב־איי־גענע“.

די אדעליגע, צו וועלכער גרופּע זיי האָבען ניט געהערט, האָבען שרעקליך געדריקט די אונגליקליכע קנעכט. די ריטער האָבען גע־הערשט מיט'ן רעכט פון זייער פויסט, טאַקע אין בוכשטעבליכען זינען פון דיזען וואָרט. ניט נור פלעגט מען צווינגען די פערשקלאַפּ־טע אַקערבויער, די פּאַנסטשיזניקעס, צו שאַפען וואָס מעהר פּראָ־דוקטען פאַר די פריצים, זאָנדערן מען פלעגט זיי אויך קויפען און פערקויפען.

* * *

אין זייער פערצווייפלונג האָבען דיזע אונגליקליכע געזוכט רע־טונג אין געוויסע ערטער, וואו עס זיינען מיט דער צייט אויפגעקו־מען האַנדעלס־שטעדט.

און פון צייט צו צייט פלעגען די פערשקלאַפטע פויערים זיך

אויפהויבען און בעפאַלען זייערע אונטערדריקער. דאַן פלעגען די אונגליקליכע אויסגיסען זייער גאַנצען צאָרן אויף די אַדעליגע, אויסשלאַכטען זיי און צושטערען זייערע שלעסער.

דער גרעסטער און שרעקליכסטער פון אַזעלכע פויערשע אויפ־שטאַנדען האָט אויסגעבראָכען אין פראַנקרייך אין 1357. ער איז פערשריבען מיט בלוטיגע בוכשטאַבען אין דער געשיכטע אונטער דער נאָמען „זשאַקעריע“. דער נאָמען איז געקומען פון די קורטקעס אָדער „זשאַקעטקעס“, וואָס די פראַנצויזישע פויערים פלעגען טראַ־גען. נאָך עד היום, ווען מען זאָגט אין פראַנקרייך „זשאַק באָנאָם“ (בעדייטעט אייגענטליך: גוטמוטהיגער פראָסטאַק), אָדער סתם „זשאַק“, פערשטעהט מען אונטער דעם אַ פויער.

ארום יענער צייט, ווען די פראַנצויזישע פויערים האָבען גע־נומען ברענען די הייזער און שלעסער פון די אַדעליגע און אויס־שלאַכטען די פריצים בכלל, האָט זיך פראַנקרייך געפונען אין אַ זעהר טרויעריגער לאַגע דורך די מלחמות מיט ענגלאַנד (זיי טראַ־גען אין דער געשיכטע דעם נאָמען „הונדערט יעהריגער קריעג“; זיי האָבען זיך געצויגען פון 1337 ביז 1453). און די איינוואוינער פון די שטעדט האָבען זיך דאַן געוועלט בענוצען מיט דער שוואַכ־קייט פון דעם קעניג און פון די פעאָדאַלען, אום צו געווינען מעהר פרייהייט און דעה אין דער מלוכה פאַר דעם מיטעל־קלאַס. דער הויפט־פיהרער פון די קויפלייטע אין פאַריז און פון דער בורזשואזיע בכלל איז דאַן געוועזען דער בעריהמטער עטיען מארסעל, וועלכער האָט געוואָלט איינפיהרען אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, נור ער איז ערמאָרדעט געוואָרען פון איינעם פון זיינע געגנער.

די זשאַקעריע איז אָבער שנעל דערטרונקען געוואָרען אין טייכען בלוט. די אַדעליגע האָבען צוזאַמענגעקליבען אַלע זייערע קרעפטען און אין אַ שלאַכט אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַרל דעם שלעכטען, קעניג פון נאַוואַר, האָבען זיי בעזיעגט די מחנות פויערים, וועלכע זיי האָבען נאָכהער אויסגעשלאַכטעט מיט אַ ווילדע רציחה.

אַ סך דערפֿער זיינען דאָן פֿערברענט געוואָרען און גרויסע געגענ־
דען זיינען פֿערוויסטעט געוואָרען.

*   *   *

אין דעם זעלבען יאָהרהונדערט, מיט 24 יאָהר נאָך דער זשאַ־
קעריע אין פֿראַנקרייך, האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסער אויפֿשטאַנד
פֿון פּויערים אין ענגלאַנד אונטער דער פֿיהרערשאַפֿט פֿון ו ו אַ ט
ט י י ל ע ר און פֿון דעם גלח דזשאָהן באָלל. זיי האָבען אויך גע־
פֿאָדערט די גענצליכע אָבשאַפֿונג פֿון לייבאייגענשאַפֿט, און דער
קעניג ריטשאַרד דער צווייטער איז געצוואונגען געווען דאָס צו צו־
זאָגען אין 1381. אָבער דער פּאַרלאַמענט האָט זיך ענטזאָגט דעם
נעכסטען יאָהר דאָס צו בעשטעטיגען. דאָך האָט דיזער אויפֿשטאַנד
געפֿיהרט דערצו, אַז שוין אין 14טען יאָהרהונדערט האָט פֿאַנסטשיז־
נע אויפֿגעהערט אין ענגלאַנד.

טיילער איז ערמאָרדעט געוואָרען און דזשאָהן באָלל, וועלכער
האָט אויך געפּרעדיגט קאָמוניסטישע אידעען, איז הינגעריכטעט
געוואָרען צוזאַמען מיט אַנדערע געפֿאַנגענע פֿיהרער פֿון דיזען גרוי־
סען אויפֿשטאַנד אין 1381 אין דער אַנוועזענהייט פֿון דעם קעניג
גופֿא, וועלכער האָט מיט עטליכע מאָנאַטען פֿריהער געמוזט זיך
בויגען פֿאַר טיילער'ן און דריקען זיין האַנד.

דזשאָהן באָלל פֿלעגט געוועהנליך אַזוי פּרעדיגען צו די רעוואָל־
טירטע פּויערים: „זיינען מיר דען ניט קינדער פֿון די זעלבע אורעל־
טערן אָדם און חוה? און מיט וואָס קענען די אַדעליגע בעווייזען,
אַז זיי דאַרפֿען עס זיין די אויבערהאַרען? פֿאַר וואָס קומט עס זיי
מעהר ווי אונז?... זיי זיינען אָנגעטאָן אין טהייערע בגדים, אין
סאַמעט בעפּוצט מיט ערמין און אַנדערע טהייערע פֿוטער, און מיר
געהען אָרום אָפּגעריסען; זיי האָבען טהייערע מאכלים און וויין,
און מיר האָבען נור קאָרן־ברויט געמישט מיט שטרוי... און דאָס
אַלעס, זייער גאַנצער לוקסוס, קומט דאָך פֿון אונזער אַרבייט..."

דיעזער קאָמוניסטישער פּרעדיגער איז געווען דער שילער
פֿון אַ זעהר גרויסען און מערקווירדיגען מאַן, נעמליך פֿון דעם בע־
ריהמטען גלח ד ז ש אָ ה ן ו ו י ק ל י ף, וועלכער ווערט גערע־
כענט פֿאַר איינעם פֿון די ערשטע און איינפֿלוסרייכסטע פֿאָרגענגער

פון דער רעפאַרמאַציע אָדער פון דער פּראָטעסטאַנישער בעוועגונג געגען די קאַטוילישע קירכע. דאָס איז געווען אַ זעהר געלעהרטער מענש און טיעפער דענקער. ווען ער וואָלט ניט געשטאָרבען אין 1384 פון פּאַראַליז, וואָלט מען איהם געוויס פערברענט אַלס אַן אַפּיקורס, אַזוי ווי מען האָט עס געטהאָן אין 1415 מיט זיין טשעכישען שילער און נאָכפאָלגער יאָהאַן הוסס. אויפ'ן בעפעהל פון דעם פּאַבסט מאַרטין דעם פינפטען האָט מען טאַקע אין 1423 פערברענט וויקליף'ס אפּיקורסישע ביינער, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבען פון זיין קבר... זיינע נאָכפאָלגער אין ענגלאַנד, וועלכע האָבען זיך ביסלעכווייז פערמעהרט און זיינען שטאַרק פערפאָלגט געוואָרן פון די פּאַבסטליכע קאַטאָליקען אַלס אַפּיקורסים, האָט מען גערופען „לאָלאַרדס" (פון אַ וואָרט וואָס בעדייט: שטיל זינגען) און אויך „אָרימע פרעדיגער".

אויב וויקליף האָט געהאַט עפּעס אַ דירעקטע פערבינדונג מיט דעם גרויסען אויפשטאַנד פון די פּויערים, איז ניט פעסטגעשטעלט, נור עס איז זיכער, אַז ער האָט אויך געטרוימט וועגען אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג און האָט בעאיינפלוסט דזשאָהן באָלל'ן, וועלכער איז מיט זיינע שריפטען געווירקט אויף יאָהאַן הוסס'ן, און דער לעצטער האָט געווירקט אויף מאַרטין לוטהער, דאָרום קען מען איהם רעכנען פאַר אַ פאָטער פון דער רעפאָרמאַציע, וועלכע האָט שליסליך געבראָכען די מאַכט פון דער „הייליגער" קאַטאָלישער קירכע אַ הונדערט יאָהר נאָכדעם ווי מען האָט פערברענט זיינע ביינער אין נאָמען פון גאָט...

* * *

אַט אַזוי האָט זיך עס אויך אין פינסטערן מיטעל־אַלטער געשמידט אַ קייט פון גייסטיגען פּראָגרעס, אַ קייט מיט פערשיעדענע רינגען — פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און רעליגיעזע. אַלע וועלטליכע אַנגעלעגענהייטען זיינען דאַמאָלס איבערהויפּט זעהר ענג פערבונדען געווען מיט רעליגיאָן. און דער קאַמפּף פאַר גלייכהייט, דער קאַמפּף פאַר אַ בעסערע און גערעכטערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג איז געגאַנגען צוזאַמען מיט'ן קאַמפּף פאַר די פרייהייט פון געוויסען און

פאַר השכלה בכלל. נאָך די רעליגיעזע רעפאָרמאַטאָרס זיינען גע־קומען סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרס, מייסטענס אַלס מיטגלידער פון קריסטליך־קאָמוניסטישע סעקטען.

און אַזוי האָט עס אויך פּאַסירט, דאָס נאָך לוטהער׳ס ער־קלעהרונג געגען די רוימיש־קאַטאָלישע קירכע אין 1521 האָט אויס־געבראָכען אויך אַ גרויסער אויפשטאַנד פון די פּויערים אין דייטש־לאַנד און עס זיינען אויפגעקומען קאָמוניסטישע סעקטען, אַט ווי די בעריהמטע אַ נ אַ ב אַ פּ ט י ס ט ע ן אונטער דער פיהרער־שאַפט פון די „פּראָפעטען" ט ה אָ מ אַ ס מ י נ צ ע ר און י אַ־ה אַ ן ב אַ ק ה אָ ל ד ט, וועלכער האָט זיך געמאַכט אונשטערב־ליך אונטער דעם נאָמען י אָ ה אַ ן פ ו ן ל י י ד ע ן (זיין גע־בורטה־שטאָדט).

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז בעפאָר לוטהער׳ס רעפאָרמאַ־ציע האָבען די דייטשע פּויערים גאָר קיינע אויפשטאַנדען ניט גע־מאַכט געגען די פּריצים. אין פערשידענע געגענדען פון דער דייט־שער אימפּעריע האָבען די פּויערים רעוואָלטירט אין 15טען יאָהר־הונדערט. אין 1461 איז פאָרגעקומען אַ גאַנץ גרויסער אויפשטאַנד פון די פּויערים, אום אָראָפּצושלײדערען פון זיך דעם יאָך פון פּאַנסטשיזנע. דער אַלגעמיינער נאָמען פון די פּויערשע בונטען צום סוף פון 15טען און אין אָנפאַנג פון 16טען יאָהרהונדערטע איז „בונדשוה", ווייל אַ שוך אויף אַ שטאַנג האָט זיי געדיענט אַלס די פאָהן פון רעוואָלט. אין 1514 האָט אין ווירטעמבערג אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד פון פּויערים, וואָס איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „אָרימער קאָנראַד".

דאָס זיינען אַלץ געווען פאָרשפּיעלען צום גרויסען אויפשטאַנד פון די פּויערים, וועלכער טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען „בויערן קריעג" און וועלכער האָט אויסגעבראָכען אין 1522 אין שוואָביען. די פּויערים, וועלכע האָבען אָנפאַנגס געזיעגט אין פיעלע ערטער, האָבען אַרויסגעשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען, אַז לוטהער אַליין, וועלכער איז אָריבער אַלץ מעהר אויף דער זייט פון די פּריצים, איז ביטער אַרויסגעטראָטען געגען זיי און האָט פער־לאַנגט, אַז מען זאָל זיי דערפאָר אונטערדריקען און בעשטראָפען.

דיזער בעריהמטער בויערן־קריעג האַט זיך געענדיגט נאָך דער גרויסער שלאַכט לעבען פראַנקענהויזען אין מאַי 1525, ווען די פּרינ־צען און די אַדעליגע האָבען מיט זייערע אַרמעען בעזיעגט די מחנות פון די פּויערים. די בעסטע אַנפיהרער פון דעם אויפשטאַנד זיינען דאָן געפאַלען אין דער שלאַכט, און אַנדערע, דאַרונטער אויך טהאָמאַס מינצער, זיינען הינגעריכטעט געוואָרען. די פּריצים האָ־בען דאַן גענומען שרעקליכע נקמה אָן די בעזיעגטע „קנעכט“.

אָבער די אַנאַבאַפּטיסטען, וועלכע האָבען פאַנאַנדערגעשיקט זייערע מיסיאָנערען ניט נור איבער דייטשלאַנד, זאָנדערן אויך אי־בער האָלאַנד און שווייץ, אום צו פערשפּרייטען זייער רעליגיעזע לעהרע, האָבען פאָרטגעזעצט דעם קאַמפף נאָך אַ יאָהר צעהן אין איינינע ערטער, בעזאָנדערס אין דער שטאָדט מינסטער, וואו יאָהאַן פון ליידען איז געוואָרען דער אונבעשרענקטער הערשער אין נאָ־מען פון גאָט. דיזער שניידער, וועלכער איז פּלוצלונג אומגעוואַנ־דעלט געוואָרען אין אַ גענעראַל, האָט זיך ערקלעהרט ניט נור פאַר אַ פּראָפעט, זאָנדערן אפילו פאַר גאָט'ס זוהן. ער איז עפּעס אין גאַנצען אַראָפּ פון זינען. אַלע זיינע משוגע'נע שטיק און אויך ווילדע רציחות האָט ער ערקלעהרט צו זיינע פאַנאַטישע אַנהענגער אַלס גאָט'ס בעפעהלען. איינע פון זיינע „געטליכע ענטפּלעקונגען“ איז געווען וועגען פּאָליגאַמיע. ער האָט ערלויבט זיינע „אונטער־טאַנען“ צו האָבען אַ סך ווייבער און אַליין האָט ער זיך אויסגע־קליבען ניט ווענינער פון פיער. נור איינע פון זיי האָט ער אין אַן אַנפאַל פון משוגעת געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער. ער האָט איהר איינגענהענדיג געקעפּט אויף דעם מאַרק־פּלאַץ פון מינסטער! זיינע ווילדע פיהרונגען און אויסגעלאַסענהייט זיינען געקומען צו אַן ענד, ווען מינסטער איז אין 1525 גענומען געוואָרען מיט שטורם פון די אַדעליגע. און מיט איינינע מאַנאַטען שפּעטער האָט מען איהם צוזאַמען מיט זיינע הויפּט־נאָכפאָלגער הינגעריכ־טעט אויף דעם מאַרק־פּלאַץ נאָך גרויזאַמע פּייניגונגען.

אונטער דער פיהרערשאַפט פון טהאָמאַס מינצער האָבען דיזע פאַנאַטישע סעקטאַנטען געוואָלט איינפיהרען קריסטליך קאָמוניס־טישע געמיינדעס. אַלע האָבען געזאָלט לעבען ווי ברידער מיט

געמיינשאַפטליכע אייגענטום. זייער קריסטליכען קאָמוניזם האָבען די ערשטע אַנאַבאַפּטיסטען געפּרעדיגט אונגעפעהר אַזוי ווי דזשאָהן באָלל מיט אַ 150 יאָהר פריהער אין ענגלאַנד. נאָך דער אונטערדריקונג פון די אויפשטאַנדען פון די פּויערים און נאָך דעם פאַל פון מינסטער און דער הינריכטונג פון יאָהאַן פון לײדען, האָט מען שרעקליך פערפאָלגט די אַנאַבאַפּטיסטען אין דייטשלאַנד און אויך אין האָלאַנד. אַ סך פון זיי האָט מען פּשוט געקעפּט, געהאַנגען און פערברענט, ניט נור אַלס אַפּיקורסים, זאָנדערן אַלס געפעהרליכע מענשען פאַר די מלוכה און פאַר די גאַנצע געזעשאַפטליכע ארדנונג.

* * *

אין אַלגעמיינען, אום צו פערטהיידיגען זיך געגען זייערע פעאָדאַלע הערען און געגען די רויבערישע באַראָנען, וועלכע האָבען נור אַנערקענט פויסט־רעכט, פלעגען די אַנטלאָפענע קנעכט צוזאַמען מיט האַנדווערקער בויען וועגט אַרום זייערע שטעדטלעך אָדער, ווי מען האָט עס דאָן גערופען, בורגען.

דאָס איז געווען אין אַלגעמיין דער אָנפאַנג פון שטעדט אין די ווילדערניסען פון גערמאַניען און איבערהויפּט פון צענטראַל־אייראָפּאַ. די איינוואוינער פון דיזע בורגען האָבען זיך געהאַלטען פאַר פרייע מענשען. זייער פרייהייט פלעגען זיי פערטהיידיגען מיט געוועהר אין די הענד, ווען זיי פלעגען בעפאַלען ווערען פון די רויבערישע ריטער, אָדער זיי פלעגען קויפען דעם שוץ פון העכערע אַדעליגע פאַר געוויסע סומען. דערפון קומט עס דער נאָמען בירגער פאַר אַ פרייען איינוואוינער (פראַנצויזיש: בורזשואַ), און אַזוי איז ענטשטאַנען אין מיטעלאַלטער דער בירגער־קלאַס, אָדער פראַנצויזיש גערעדט, די בורזשואַזיע.

די צאָהל פון די בורגען און פון זייערע איינוואוינער איז ביסלעכוויז אַלץ געוואַקסען אין מיטעלאַלטער, מייסטענס דורך די אַנטלאָפענע פאַנסטשיזניקעס. דיזע שטעדט זיינען שנעל געוואָרען צענטערס פון אינדוסטריע און האַנדעל. אונטער דעם שוץ פון די ווענט, ווי אויך דורך אָפּמאַכען מיט די באַראָנען, פירסטען און קעניגע, איז אַזוי אויפגעקומען אַ קלאַס פון הענדלער און האַנד־

ווערקער. די ערשטע זיינען געווען צוטהיילט אין ג י ל ד י ע ס, די צווייטע — אין צ ע כ ע ן.

אנפאנגס איז דער אונטערשיעד צווישען דיזע צוויי טהיילען פון דער בירגערליכער, אדער שטאדטישער, בעפעלקערונג געווען א גאנץ קליינער. אלע האבען זיי געהאט איין גרויסען אינטערעס, נעמליך: דעם אינטערעס צו בעשיצען זיך געגען די פאדערונגען פון די פריצים און אויך געגען די אנפאלען פון רויבערישע ריטער. די איינוואוינער פון די בורגען האבען געמוזט צאהלען געוויסע קאנטריבוציעס צו די ארומיגע באראנען און פירסטען, אדער אויפהאלטען אייגענע מיליטער: פרייוויליגע (מיליץ) אדער געדונגענע.

אום צו זיין מעהר געזיכערט געגען די אטאקעס פון די אדעליגע, האבען די בורגען אנגעפאנגען אויך צו שליסען פ ע ר ב א נ ד ע ן. איין שטאדט פלעגט אונטער געוויסע אומשטענדען העלפען מיט געלד און אויך מיט געוועהר אן אנדערע געגען זייער אלגעמיינעם שונא, נעמליך: געגען דעם קלאס פון אדעליגע, אדער פעאדאלען.

אזוי האט זיך אנגעפאנגען דער קאמפף צווישען דעם בירגערקלאס, צו וועלכען עס זיינען צוגעשטאנען אלץ מעהר אויך די פרייע ארבייטער, אויסער די אנטלאפענע קנעכט פון די דערפער, און איבערהויפט די אונצופריעדענע מיט דער עקזיסטירענדער ארדנונג, און דעם קלאס פון אדעליגע, וואס איז געווען אונטערשטיצט פון דעם קלאס גלחים. און וואס ווייטער זיינען די בורגען געווארען ניט נאר שטארקער אין בעפעלקערונג, זאנדערן אויך רייכער דורך האנדעל און אינדוסטריע. איינס האט, נאטירליך, מיטגעבראכט דאס אנדערע. איניגע פון זיי האבען זיך ערווארבען זעלבסט-פערוואלטונג און זיינען געווארען וואס מען רופט „פרייע שטעדט". אנדערע איז געלונגען צו געווינען זאגאר פאליטישע אונאבהענגיגקייט. אין פערלויף פון מיטעל-אלטער זיינען איניגע שטעדט, בעזאנדערס אין איטאליען, אומגעוואנדעלט געווארען אין רעפובליקען, וועלכע האבען זיך געהאלטען א לאנגע צייט, אט ווי מילאן, פלארענץ, גענוא, ווענעדיג, א. ז. וו.

און וואס מעהר די בורגען זיינען געוואקסען און די בירגער

זיינען רייכער געוואָרען דורך האַנדווערק און האַנדעל, אַלץ וועניגער האָבען זיי שוין געדולדעט בּי הערשאַפט פון די צוויי פּריווילעגירטע קלאַסען: די אַדעליגע און די גייסטליכע, און אַלץ מעהר און העכער האָבען זיי גענומען פאָדערען אַ דעה אין די פיהרונגען פון דער מלוכה.

עס האָט זיך אַזוי געבילדעט אַ ד ר י ט ע ר שטאַנד אָדער קלאַס אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, נעמליך: דער קלאַס פון אַלערליי האַנדווערקער, סוחרים און פּראָפעסיאָנעלע לייטע אין אַלגעמיינען, דאָס וואָס מען רופט געוועהנליך מ י ט ע ל - ק ל אַ ס, אָדער בורזשואַזיע (מיינט אייגענטליך דאָס זעלבע וואָס בירגערטהום אויף דייטש אָדער מיעסטשאַנסטווע אויף רוסיש).

דער קאַמפּף פון דיזען אויפגעקומענעם מיטעל־קלאַס, צו וועלכען עס זיינען צוגעשטאַנען אַלץ מעהר און פעסטער אַלע אונצופרידענע מיט דער פעאָדאַלער אָרדנונג, אַלע קעמפּפער געגען די פּריווילעגיעס פון די אַדעליגע און די גייסטליכע און פאַר די רעכטע פון „פאָלק“ בּכלל (די פּויערים אַריינגערעכענט), איז געוואָרען שטאַרקער און פייערדיגער מיט יעדען יאָהר נאָך דער ענטדעקונג פון אַמעריקא און בּכלל פון נייע לענדער און האַנדעלס־וועגען, ביז עס האָט געפיהרט צו דער גרויסער וועלט־איבערקעהרענדער רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך, ווי מיר וועלען ער בעטראַכטען אין נעכסטען קאַפּיטעל.

קאַפּיטעל 7.

דער קלאַסענקאַמפּף נאָך דער צערשטערונג פון דער באַסטיליע און די יאַקאָבינער קאָנסטיטוציאָן אין 1793.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אויסגעבראָכען ווי א מעכטיגער שטורם נאָך אַ לאַנגען און שווערען קאַמפּף פון די קויפלייטע, האַנדווערקער און שטאָדט־לייט, אָדער בירגער־קלאַס בכלל, וואָס מען האָט דאַן גערופען „דריטער שטאַנד“, געגען די פּריווילעגיעס און הערשאַפט פון די אָדעליגע און גייסטליכע, געגען די גאַנצע פעאָדאַלע סיסטעם, ווי דאָס איז געשילדערט געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל — איז געווען דער אָנפאַנג פון אַ בעוועגונג צו ערווערבען פּאָליטישע פרייהייטען פאַר די פעלקער און אויך עקאָנאָמישע גלייכהייט פאַר די אַרבייטער־מאַסען. מען מעג זאָגען, אַז די פּאַריזער קאָמונע פון 1871, ווען די אויפגעקלעהרטע פּראָלעטאַריער איז עס טאַקע געלונגען צו פערכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט אין זייערע הענט, איז געווען אַ פּאָרטזעצונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, וועלכע איז אויפגעקומען אין 1793, אין דעם רעכטען ברען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, בשעת די פראַנצויזישע אַרבייטער האָבען אָנגעפאַנגען אַלץ פעסטער און ציעלבעוואוסטער צו פאָדערען ראַדיקאַלע סאָציאַלע רעפאָרמען צו פערבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאַגע.

נאָך דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם, וואָס האָט געפיהרט צו דער צושטערונג פון דער באַסטיליע דעם 14טען יולי 1789, ווען די קעניגליכע מאַכט מיט „גאָטעס גנאַדען“ איז געבראָכען געוואָרען און די אַלטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג האָט געקראָגען אַ טויט־קלאַפּ, — נאָך דיזער פּאָליטישער רעוואָלוציע האָבען די אַרבייטער פון פּאַריז און פון אַלע אַנדערע שטעדט אין פראַנקרייך אָנגעהויבען אַלץ מעהר און קלאָהרער זיך אַרומצוזעהן, אַז זייערע אינטערעסען זיינען ווייט ניט דיזעלבע, ווי די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע; אַז דער „דריטער שטאַנד“ איז נור איינִיג געגען די צוויי פּריווילעגירטע קלאַסען, אָבער איז אַליין צוטהיילט אין צוויי באַזונדערע קלאַסען מיט גאַנץ אַנדערע עקאָנאָמישע אינטערעסען; אַז עס קומט אויף אַ „פערטער שטאַנד“, וואָס שליסט איין אין זיך די אַרבייטענדע מאַסען, די האַנדווערקער און טאָגלוינער פון די שטעדט און די אַקערבויער פון די דערפער.

אין דעם קאַמפּף פאַר פּאָליטישע פרייהייטען זיינען די אַרבייטער געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די קליינבירגער און בכלל מיט די מיטגלידער פון דער בורזשואַזיע. בשעת מען האָט געהאַט צו פערטהיידיגען די נייע אָרדנונג, די רעפּובליק, געגען די אַטאַקעס פון די אַדעליגע, גלחים און אַלערליי רעאַקציאָנערען מיט זייערע „גאָטס־געזאַלבטע“ מלכים, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט צו בעשיצען די אַלטע אָרדנונג און צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָן, זיינען די אַרבייטער געגאַנגען מיט אַ מערקווירדיגען העלדענמוטה אין די שלאַכטען און האָבען טייכענווייז פערגאָסען זייער בלוט. איין אַרמעע נאָך דער אַנדערער איז דאָן געשאַפען געוואָרען אין פראַנקרייך צו פערניכטען די אויסלענדישע שונאים, און אונטער די קלאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע“ האָבען זיי טאַקע איבעראַל געזיעגט.

אָבער ווען עס איז געקומען צו בענוצען זיך מיט די פריכטע פון דער רעוואָלוציאָן, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען סאָציאַלע רעפאָרמען, וועגען אַ גערעכטערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועגען אַ בעסערע פערטהיילונג פון נאַציאָנאַלע רייכטהימער. וועגען ערלייכטערען

די לאַגע פון די אַרימע מאַסען — דאַן האָט שוין אויסגעבראָכען אַן אינערליכער קאַמפּף, אַ קאַמפּף צווישען די צ ו ו י י טהיילען פון דעם פריהערען „דריטען שטאַנד“, אַ קאַמפּף צווישען אַ ר י מ ע א ו ן ר י י כ ע, קורץ, דער קאַמפּף וואָס מיר רופען היינט קורץ און שאַרף: ק ל אַ ס ע נ ק אַ מ פּ ף.

ווי אַ רויטער שנור, טאַקע אַ ב ל ו ט ־ ר ו י ט ע ר, ציהט זיך דיזער קאַמפּף אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן און פון די ווייטערע רעוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען געפונען אַ מעכטיגען אָפּקלאַנג אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער. מיר קענען זיך ניט אַריינלאָזען אין דער געשיכטע פון דיזע פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען ביז דעם מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. מיר ווילען דאָ בלויז פאַרצייכענען, אַז אין 1793, נאָכדעם ווי די יאַקאָבינער, וועלכע האָבען זיך געוואָלט שטיצען אויף די פאָלקמאַסען, האָבען בעזיעגט די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען זיך געשטיצט אויף דער בורזשואזיע (אום צו פערשטעהן די אונטערשיעדע צווישען דיזע צוויי גרויסע פּאַרטייען, דאַרף מען לעזען אַ געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וואָס יעדער אויפגעקלעהרטער אַרבייטער דאַרף טאַקע טאָן *), אַנגענומען געוואָרען אַ קאָנסטיטוציאָן, וועלכע מעג גערעכענט ווערען זאָגאַר פאַר אַ סאָציאַליסטישע.

די דאָזיגע קאָנסטיטוציאָן איז איבערהויפּט אַ מערקווירדיג דעמאָקראַטישע, טאַקע אַ פּראָדוקט פון אַ פייערדיגער רעוואָלוציאָנערער צייט. זי טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען: „קאָנסטיטוציאָן פון ערשטען יאָהר פון דער רעפּובליק“. דער פּרינציפּ פון ר ע פ ע ר ע נ ד ו ם, וועלכער ווערט היינט בעטראַכט אַלס דער העכסטער פּונקט פון דעמאָקראַטיזם און פּראָגרעסיזם אויך אין אַמעריקאַ, איז געוועזען איהר פונדאַמענט. דאָס לעצטע וואָרט וועגען געזעץ און רעגירונג האָט געזאָלט געהערען צ ו ם פ אָ ל ק ד ו ר ך אַ ן אַ ב ש ט י מ ו נ ג. די בעשטימונגען פון פאַרלאָ־

---

*) וואָס אָנבעלאַנגט די געשיכטע פון דער ערשטער אָדער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועל איך אָנווייזען די לעזער אויף צוויי אין אידיש, נעמליך: קראָפּאָטקינ׳ס און מיינע.

מענט זיינען גערעכענט געווען פאר געזעץ נור דאן, ווען אין מיט איינעם מעהר פון א העלפט פון די דעפארטעמאן (גובערניעס אדער פראווינצען) פון גאנץ פראנקרייך האט זיך א צעהנטעל פון די בירגער ניט אויסגעשפראכען געגען. אלע בעשליסע פון פארלאמענט האט מען געדארפט שיקען צו די קאמונען (דאס איז דער געוועהנליכער נאמען פאר געמיינדען אדער קהלות אין פראנקרייך; מען דארף עס ניט צוזאמענמישען מיט קאמוניסטישע קאלאניעס), אז זיי זאלען אויסדריקען זייער מיינונג דורך אן אבשטימונג. יעדער דיסטריקט האט געהאט א רעכט פארצושלאגען א קאנדידאט פאר דעם רעגירונגס־קאבינעט, וואס האט געזאלט בעשטעהן פון 24 מיטגלידער.

פון אן אלגעמיין סאציאליסטישען שטאנדפונקט איז דיזע ראדיקאל־דעמאקראטישע קאנסטיטוציאן פון 1793 בעזאנדערס מערקווירדיג דערמיט, וואס זי האט אנערקענט דאס „רעכט אויף ארבייט“. איינע פון איהרע פונקטען האט געלויטעט אזוי: „עפענטליכע אונטערשטיצונגען זיינען א הייליגע פליכט; די געזעלשאפט דארף זארגען צו העלפען די אונגליקליכע בירגער דורך שאפען ארבייט פאר זיי, אדער דורך פערזיכערען עקזיסטענץ־מיטעל פאר די יעניגע, וואס זיינען אונפעהיג צו ארבייטען“.

דאס איז געווען ניט בלויז אן אנערקענונג פון עפענטליכע שטיצע, זאנדערן אויך פון א פליכט פון שטאאט צו העלפען די נויטליידענדע דורך שאפען פאר זיי ארבייט, וואס די מאסען ארבייטסלאזע פון יענער רעוואלוציאנערער צייט האבען טאקע אלץ שטארקער געפאדערט.

אט זינט דיזער קאנסטיטוציאן האט זיך עס אנגעהויבען דער קאמפף פאר „דאס רעכט אויף ארבייט“, וואס האט געשפיעלט א בעזאנדערס גרויסע ראלע אין דער פראנצויזישער רעוואלוציאן פון 1848, ווען די סאציאליסטישע בעוועגונג האט אויפגעלעבט, ווי מיר וועלען עס זעהן אין א ווייטערען קאפיטעל.

ליידער אבער איז דיזע קאנסטיטוציאן פערבליבען בלויז א פאפירענער אנדענקען פון דעם פייערדיגסטען רעוואלוציאנערען

יאָהר פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. די יאַקאָבי־נער האָבען זיך גאַרניט געאײלט איהר איינצופיהרען. זיי וואָלטען עס אויך ניט געקענט בעוויזען, אויב זיי וואָלטעןווירקליך געוואונ־שען גלייך איבערגעהן פון שעהנע רעוואָלוציאָנערע פראַזען צו טהאַ־טען, פון טהעאָריעס צו פּראַקטיקע.

דער קאָנווענט (אַזוי האָט מען דאָן גערופען דעם פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט) האָט בעשטימט, אַז מען קען ניט אַנווענדען די „קאָנסטיטוציאָן פון ערשטען יאָהר פון דער רעפּובליק", ביז מען וועט ענדיגען די מלחמות פון דער רעפּובליק און קענען איינפיהרען רוהע און פרידען אין לאַנד. אין אַזאַ אונרוהיגער צייט, ווען פראַנק־רייך איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אויסלענדישע שונאים פון אַלע זייטען, האָט מען אַלץ געמוזט קאָנצענטרירען מעהר די רעגירונגס־מאַכט אין איינצעלנע הענד. די יאַקאָ־בינער האָבען טאַקע פּאַקטיש איינגעפיהרט אַ דיקטאַטור. זייער רעגירונג איז געווען אַ שטרענג צענטראַליסטישע. מיט דיזער מערקווירדיגער יאַקאָבינער קאָנסטיטוציאָן האָט אַזוי פּאַסירט דאָס זעלבע, וואָס מיט משה'ס לאַנד־געזעצע, ספּעציעל מיט'ן יובל־יאָהר: ביידע זיינען קיינמאָל ניט פּראַקטיצירט גע־וואָרען...

אויסער די מלחמות מיט אַלע מאָנאַרכישע לענדער, אויסער דעם וואָס מען האָט געמוזט שיקען אַלץ מעהר רעוואָלוציאָנערע אַרמעען צו די גרענעצען, האָבען זיך אָנגעפאַנגען אויפשטאַנדען אין פיעלע פּראָווינצען פון פראַנקרייך. די זשיראָנדיסטען האָבען געפונען אַ סך אָנהענגער אין איינינע פּראָווינצען, און עס האָט גע־נומען אַ צייט, ביז די יאַקאָבינער אונטער דער לייטונג פון דאַנטאָן און ראָבעספּיער האָבען אונטערדריקט די אויפשטאַנדען פון די מאָנאַרכיסטען פון איין זייט און פון די זשיראָנדיסטען פון דער אַנדער זייט.

ניט לאַנג אָבער האָט אָנגעהאַלטען די הערשאַפט פון די יאַ־קאָבינער מיט דעם „רויטען טעראָר". דעם נעכסטען יאָהר, דעם 27טען יולי 1794 (נאָך דעם נייעם קאַלענדער, דעם רעוואָלוציאָנערען, וואָס איז דאָן איינגעפיהרט געוואָרען אין פראַנקרייך, איז עס גע־

ווען דער „9טער טערמידאָר"), איז אויך ראָבעספּיער'ס קאָפּ געפאַלען אונטער דער גילאָטינע. אַלע זיינע געגנער האָבען זיך פערבונדען געגען איהם אין דעם קאָנווענט, ווען זיי האָבען געזעהן, אַז זיי האַלטען גאַנץ נאָהענט צו ווערען מיט קעפּ קירצער, און זיי האָבען געמאַכט אַ קורצען און בלוטיגען סוף פון דיזען מערקווירדיגען מאַן, וועלכער איז געווען פיער מאָנאַט דער הערשער, דער דיקטאַטאָר פון פראַנקרייך.

נאָך דעם פאַל פון ראָבעספּיער און פון די יאַקאָבינער בכלל, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ר ע א ק צ י א ן, וועלכע טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען ט ע ר מ י ד א ר י ש ע. דעם טאָג פון דיזען פאַל, דעם 9טען טערמידאָר, רעכענען איינינע היסטאָריקער זאָגאָר פאַר דעם סוף פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. יעדענפאַלס האָט דאַן די בורזשואַזיע טריאומפירט איבער די רעוואָלוציאָנערען און אויפגעקלעהרטע אַרבייטער, וועלכע האָבען געשטיצט די יאַקאָבינער פּאַרטיי. אויך די מאָנאַרכיסטען האָבען אויפגעהויבען דעם קאָפּ. די מיטגליעדער פון דער „ערשטער פּאַריזער קאָמונע" זיינען היננעריכטעט געוואָרען צוזאַמען מיט די הייסעסטע יאַקאָבינער און אַנהענגער פון ראָבעספּיער.

די יאַקאָבינער האָבען אפילו פּרובירט מאַכען אויפשטאַנדען מיט דער הילפע פון די פּאַריזער אַרבייטער, אָבער זיי זיינען בעזיעגט געוואָרען. דיזע אויפשטאַנדען האָבען אַלץ פערשטאַרקט די טערמידאָריסטען, ווייל די בעסטע רעוואָלוציאָנערע קרעפטען זיינען פערלאָרען געגאַנגען דורך די שטענדיגע בלוטלאָזונגען און געגענזייטיגע קעמפונגען אונטער דעם מעסער פון דער גילאָטינע. די רייהען פון די מוטהיגסטע רעוואָלוציאָנערען זיינען אַזוי אַלץ שוואַכער געוואָרען, און ווען דער קאָנווענט, דיזער רעוואָלוציאָנערסטער פון אַלע ביז־יעצטיגע פּאַרלאַמענטען אין דער וועלט, האָט אין אָקטאָבער 1795 געשלאָסען זיינע זיצונגען נאָך אַ דריי־יעהריגער הערשאַפט אונטער געשרייען „עס לעבע די רעפּובליק!", האָט שוין אָנגעהויבען גלענצען נאַפּאָלעאָנ'ס שטערן...

אנשטאָט די יאַקאָבינער קאָנסטיטוציאָן פון 1793, וועלכע איז ליידער געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב, האָט מען שוין איינגעפיהרט

די טערמידאָרישע „קאָנסטיטוציאָן פון דעם דריטען יאָהר פון דער רעפּובליק“, וועלכע איז געווען אַ גאַנץ רעאַקציאָנערע און האָט געפּאַסט מעהר פאַר אַ מאָנאַרכיע ווי פאַר אַ רעפּובליק. מען האָט זאָגאַר אײַנגעפיהרט אינדירעקטע וואהלען און אַ פערמעגענס־צענזוס פאַר די בירגער. מען האָט אויך אײַנגעפיהרט אַ פּאַרלאַמענט פון צוויי הייזער: פון אַ רעפּרעזענטאַנטען אָדער דעפּוטירטען־הויז און פון אַ סענאַט. און די רעגירונגס־מאַכט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו פינף פּערזאָן, וועלכע האָבען געטראָגען דעם נאָמען „דירעקטאָרען“.

געגען דיזע רעאַקציאָנערע קאָנסטיטוציאָן, און איבערהויפּט געגען די טערמידאָריסטען און מאָנאַרכיסטען, וועלכע האָבען זיך אַלץ ווייטער פערבונדען, האָבען די איבערגעבליבענע יאַקאָבינער און אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערען אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּף וואָס האָט זיך געענדיגט אין 1796 מיט אַ פערשווערונג, וועלכע טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען פון איהר פיהרער גראַקכוס באַבעף און וועלכע מיר וועלען שילדערען אין נעכסטען קאַפּיטעל.

קאפיטעל 8.

די קאמוניסטישע פאדערונגען און די פערשווערונג פון די באבעפיסטען.

אין פערלויף פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן זיינען געמאכט געווארען אזוי פיעל אויפשטאנדען, וועלכע האבען שליסליך געפיהרט צו אומזיסטע בלוטפערגיסונגען און האבען יעדענפאלס קיינע נוצען ניט געבראכט די ארבייטער־מאסען, אז אפילו די ארבייטער פון די פאריזער פארשטעדט, וואו די יאקאבינער און בכלל די רעוואלוציאנערע גרופען און פארטייען האבען געפונען זייערע בעסטע רעקרוטען, הייסעסטע אנהענגער און מוטהיגסטע קעמפפער אויף די באריקאדען, האבען א מאך געטהאן מיט די הענד אין פערצווייפלונג און פערלארען דעם חשק צו ווייטערע רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען. די רעאקציאנערע ווינטען, וועלכע האבען אליין שטארקער גענומען בלאזען נאך דעם פאל פון ראבעספיער און פון דער גאנצער יאקאבינער פארטיי, ווי דאס איז אנגעוויזען געווארען אין פאריגען קאפיטעל, האבען אויך געווירקט אויף די רעוואלוציאנערע ארבייטער־מאסען פון פאריז.

מיט קיינע פייערדיגע פראקלאמאציעס, מיט קיינע פערשפרעכונגען און אויפמונטערונגען האט מען שוין ניט געקענט בעוועגען דיזע פיעל־געפרופטע מאסען צו בויען ווידער באריקאדען אין זייערע קווארטאלען. זיי האבען זיך ארומגעזעהן, אז נאך אלע זייערע אויפשטאנדען און בלוטפערגיסונגען האבען זיי גארניט פער־

בעסערט זייער עקאנאמישע לאגע, און זיי האבען פער־לארען די האפנונג עפעס צו געווינען פאר זיך אליין, פאר זייער קלאס, דורך אונטערשטיצען מיט זייערע קרעפטען, מיט געוועהר אין די הענד איין פאליטישע פארטיי, ווי ראדיקאל איהר פראגראם זאל ניט קלינגען, געגען אן אנדערע.

און זעהענדיג, אז זיי קענען שוין ניט ארויסרופען אן אפע־נען אויפשטאנד פון די פאריזער ארבייטער, האבען די פארבליבענע פייערדיגע רעוואלוציאנערען אנגעפאנגען צו פלאנעווען פער־שווערונגען, אום פלוצלונג צו בעפאלען די רעגירונג און צו פערכאפען די פאליטישע מאכט אין זייערע הענד. אויף אזא קאנספיראטיווען וועג האבען זיי געהאפט צו דערגרייכען זייער ציעל, נעמליך: דורכצופיהרען גרויסע און ראדיקאלע סאציאלע רעפארמען און צו פערבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון גאנצען פאלק.

די ערשטע און בעריהמטעסטע פון אזעלכע פערשווערונגען איז ארגאניזירט געווארען פון די רעוואלוציאנערען באבעף, דארטהע און דרוע. זי טראגט אין דער געשיכטע די נעמען „פערשווערונג פון באבעף“, אדער „פערשווערונג פון די גלייכע“. דיזע פערשווע־רער זיינען געווען קאמוניסטען. זיי האבען פערלאנגט די אבשאַ־פונג פון פריוואט־אייגענטהום אויך אויף דעם גרונד, ווייל „מענ־שען אונטערשיידען זיך נור אין אלטער און געשלעכט“.

נאך דעם 9טען טערמידאר, ווען די דיקטאטור פון ראבעספיער איז געבראכען געווארען, איז אויך באבעף אריינגעזעצט געווארען אין געפענגניס צוזאמען מיט אנדערע יאקאבינער. דארטען האט דיזער פייערדיגער רעוואלוציאנער, וועלכער האט געליטען זעהר פיעל נויט אין זיין יוגענד *), זיך בעפריינדעט בעזאנדערס מיט

*) Gracchus Babeuf (1760—1797).

ער איז געוועזן דער זוהן פון א סאלדאט, און נאך דעם טויט פון זיין פאטער האט ער געהאט צו ארבייטען שווער ניט נור פאר זיין פרוי און קינדער, זאנדערן אויך פאר זיין מוטער, ברידער און שוועסטער. מיט לייב און לעבען איז ער אריין אין די רייהען פון די פייעריגסטע יאקאבינער, פון די הייסעסטע רעוואלוציאנערן. ער האט געקעמפט בעזאנדערס מיט זיין זעהר שארפער פעדער אלס זשורנאליסט. פון זיינע

דעם איטאַליענישען רעוואָלוציאָנער ב ו אָ נ אַ ר אָ ט י. וועלכער איז געווען א פריינד פון ראָבעספּיער און אַ מיטגליעד פון קאָנוועגט, און מיט דעם פייערדיגען יאַקאָבינער ד אַ ר ט ה ע. זיי האָבען געטרוימט און דיסקוטירט וועגען אַ בעסערע און גערעכטערע געזעלשאַפטליכע סיסטעם. זיי האָבען געטראַכט וועגען מיטעל, ווי אַזוי דורכצופיהרען די פּרינציפּען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן און טאַקע ווירקליך צו פערבעסערען די לאַגע פון אַרביימער.

ווען זיי זיינען אַרויסגעלאָזען געוואָרען פון געפענגניס צוזאַמען מיט אַנדערע יאַקאָבינער, האָט באַבעף געגרינדעט אַ צייטונג מיט'ן נאָמען „פאָלקס טריביון“, וואו ער האָט ניט נור זעהר שאַרף אַטאַקירט די טערמידאַריסטען און זייער דירעקטאַריום־רעגירונג, זאָנדערן אויך די גאַנצע בורזשואַזע געזעלשאַפט, דאָס וואָס מיר רופען יעצט „קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם“. אַליץ שטאַרקער האָט ער געפאָדערט ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ג ל י י כ ה י י ט. זיינע אַרטיקלען האָט ער דאַן אָנגעהויבען אונטערשרייבען „קאַיוס גראַקכוס“ *), אום דערמיט אָנצוציינען, אַז ער שטרעבט צו בעשיצען די אינטערעסען פון פאָלק געגען די רייכע. אין אַלגעמיין האָט ער

שריפטען איז צו זעהן, אַז ער איז פּריהצייטיג געוואָרען אַ קאָמוניסט. זיינע געדאַנקען וועגען אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט האָט ער מייסטענס געשעפּט פון ז ש אַ ן מ אָ ר ע ל י ' ס אוטאָפּיע מיט'ן נאָמען „קאָדעקס פון דער נאַטור“, וועגען וועלכער עס איז שוין גערעדט געוואָרען אין אַ פריגען קאַפּיטעל. באַבעף האָט אַליין אויך פערפאַסט אַן אוטאָפּיע, וועלכע ער האָט אָבגעדרוקט אין איינעם פון די נומערען פון זיין צייטונג „פאָלקס טריבון“. דערביי האָט ער ערקלעהרט, אַז דאָס קען נור דורכגעפיהרט ווערען, ווען די יאַקאָבינער קאָנסטיטוציאָן פון 1793 וועט אָנגענומען ווערען. אַלע דאַמאָלסדיגע קאָמוניסטען אין פראַנקרייך האָבען געפאָדערט די איינפיהרונג פון דיזער ראַדיקאַלער קאָנסטיטוציאָן אין ווירקליכען לעבען.

*) ג ר אַ ק כ ו ס איז דער נאָמען פון די צוויי בעריהמטע ברידער אין אַלטען רוים, וועלכע זיינען אַליין געווען אַריסטאָקראַטען, פּאַטריציער, נור זיינען אַלס טריבונען פון פאָלק אַרויסגעטראָטען צו גונסטען פון די אָרימע, אָדער פּלעבעיער. דער עלטערער ברודער, טיבעריוס גראַקכוס, איז געטויטעט געוואָרען אין יאָהר 123 בעפאָר קריסטוס און דער אינגערער ברודער, קאַיוס, איז ערמאָרדעט געוואָרען פון די פּאַטריציער מיט 2 יאָהר שפּעטער.

געפּרעדיגט קאָמוניזם און אַגיטירט פאַר אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואו עס זאָלען ניט זיין רייכע און אָרימע קלאַסען.

אָבער מיט אַגיטאַציעס און פּאַפּירענע אַטאַקעס האָט באַבעף זיך ניט בעגנוגענט. ער איז אויך געווען אַ ס אָ ל ד אַ ט פון דער רעוואָלוציאָן. און אַזוי ווי עס איז דאָך נאָך אַלץ געווען אַ צייט פון האַנדלונגען, פון רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, פון באַריקאַדען, האָט ער שנעל צוגעצויגען צו זיך די הייסעסטע און מוטהיגסטע רעוואָלוציאָנערען, די לעבעדיג־געבליבענע אַנהענגער פון מאַראַט און ראָבעספּיער, און בעזאָנדערס די העבערטיסטען (אַזוי האָט מען גערופען די קעמפּפער פון דער ערשטער פּאַריזער קאַמונע אונטער דער לייטונג פון ז ש אַ ק ה ע ב ע ר, וועלכער איז גיליאָטינירט געוואָרען אין 1794). איבערהויפּט אַלע די יעניגע, וואָס זיינען ניט געווען צופרידען מיט דער רעגירונג פון די טערמידאָריסטען און מיט דער בורזשואַזער אָרדנונג און וואָס האָבען געטרוימט פון אַ געזעלשאַפט אויף קאָמוניסטישע פונדאַמענטען, האָבען נאַטירליך סימפּאַטיזירט מיט באַבעף'ס לעהרען און שטרעבונגען.

פון זייערע געגנער האָבען דיזע רעוואָלוציאָנערען געקראָגען די צונעהמעניש „אויסגלייכער“, אום דערמיט ניט נור איינצושרעקען די בורזשואַזיע און אַלע וואָהלהאָבענדע לייטע, זאָנדערן אָבצוציהען פון זיי די קליינע הענדלער און אויך די פּויערים, וועלכע האָבען געקראָגען שטיקלעך לאַנד און האָבען דאָרום אַלץ ווייטער גענומען שטיצען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. אין זייער מאַניפעסט האָבען דיזע „אויסגלייכער“ *) טאַקע געפאָדערט אַ קאָמוניסטישע רע־

*) אויך אין דער צייט פון דער גרויסער ענגלישער רעוואָלוציאָן (דער קעניג טשאַרלז דער ערשטער איז דאַן געקעפּט געוואָרען), מיט אַ 150 יאָהר בעפאָר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, איז אויפגעקומען אַ פּאַרטיי מיט'ן נאָמען „לעוועלערס“ (אויסגלייכער). אָבער אין דער ווירקליכקייט זיינען איהרע אַנהענגער ניט געווען קאָמוניסטען. אַלס אַזעלכע זיינען זיי אייגענטליך פערשריען געוואָרען פון זייערע פּאָליטישע געגנער, דאַרונטער אויך פון דעם דיקטאַטאָר קראָמוועל גופא אין איינער פון זיינע רעדען אין פּאַרלאַמענט אין 1654. דזשאָהן לילבורן, דער הויפּט פון דיזער פּאַרטיי, האָט זאָגאַר פּראָטעסטירט געגען די צונעמענעס „אויסגלייכער“. דאָס איז אייגענטליך געווען אַ בורזשואַזע פּאַרטיי מיט געוויסע ראַדיקאַלע פאָדערונגען.

פּובליק. דאָס איז געווען דער בעריהמטער „מאַניפעסט פון די גלייכע". דאָרט ווערט ערקלעהרט מיט באַבעף'ס ווערטער, אַז ווען עס זאָל זיך געפינען איין מענש אויף דער ערד, וואָס זאָל זיין רייכער און מעכטיגער פאַר זיינע גלייכע, ווערט שוין דורך דעם געשטערט דאָס געזעלשאַפטליכע גלייכגעוויכט, און אונגליקען מוזען שוין קומען אויף דער ערד.

דיזער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט געהאַט אַלס מאָטאָ די ווערטער פון דעם בעריהמטען פילאָזאָף און מאַטעמאַטיקער אַנטוען קאָנדאָרסע *), אַז „גלייכהייט אין דער ווירקליכקייט איז דער לעצטער ציעל פון דעם סאָציאַלען לעבען" און האָט זיך אָנגעפאַנגען אַזוי:

„פאָלק פון פראַנקרייך! אין פערלויף פון 15 יאָהרהונדערטע האָסטו געלעבט אַלס שקלאַף, און דאָרום אונגליקליך... און מיר ווילען אַ ראַיעלע גלייכהייט אָדער דעם טויט... די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן איז נור דער אַוואַנגאַרד פון אַן אַנדערער רעוואָלוציאָן, אַ פיעל גרעסערע, אַ פיעל הערליכערע, וועלכע וועט אויך זיין די לעצטע... זאָלען פערניכטעט ווערען, אויב מען דאַרף עס, אַלע קונסטען, אַבי עס זאָל אונז נור בלייבען די ראַיעלע גלייכהייט... זאָל מעהר ניט זיין קיין אונטערשיעד צווישען מענשען, אויסער פון אַלטער און פון געשלעכט... איין איינציגער מענש אויף דער ערד, וואָס איז רייכער און מעכטיגער פאַר זיינע גלייכע, און דאָס גלייכגעוויכט איז געשטערט און פערברעכען און אונגליק קומען אָן."

דער הויפּט-געדאַנק פון דיזען „מאַניפעסט פון די גלייכע" איז

---

*) Antoine Condorcet (1743—1794).

ער האָט זיך אונשטערבליך געמאַכט מיט זיין ווערק „איבער דעם פּראָגרעס פון מענשליכען גייסט", וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין געפענגניס, וואו די יאַקאָבינער האָבען איהם אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט אַנדערע זשיראָנדיסטען. ער איז אויך געווען אַ מיטגליעד פון קאָנווענט און דער הויפּט-פערפאַסער פון דער קאָנסטיטוציאָן פון 1793. אום אויסצומיידען דעם טויט אונטער דער גילאָטינע, האָט ער זיך אַליין פערגיפטעט. ער האָט אויך אָנגעשריבען אַ פּראַכטפולע ביאָגראַפיע פון וואָלטער.

ווידערהאלט געווארען פון באבעף׳ס נאכפאלגער מיט פערשידענע ווערטער. זיי האבען געגרינדעט א קלוב, וואו זיי האבען געהאל־טען פייערדיגע רעדעס געגען אלע זייערע פאליטישע געגנער, און האבען אויך געזונגען באבעף׳ס ליעד, וואס פאנגט זיך אן מיט די ווערטער „שטארבענדיג פון הונגער, שטארבענדיג פון קעלט" און וואס איז דאמאלס געווארען אזוי פאפולער, אז מען האט עס אויך געזונגען אין די קאפעס.

דארטהע און אנדערע פייעריגע רעוואלוציאנערע רעדנער פלע־גען שילדערן דעם לוקסוס פון די רייכע און דעם עלענד פון די ארי־מע. זיי האבען אזוי צוגעקראגען א סך נייע מיטגליעדער און זיי האבען זיך געקליבען צו בעפאלען פלוצלונג די דירעקטאריום־רע־גירונג. אבער זיי זיינען פערראטהען געווארען, ווי דאס פאסירט געוועהנליך ביי פערשווערונגען.

עס פערשטעהט זיך, אז די רעגירונג האט אנגעשטעלט שפיא־נען, וועלכע האבען צוגעשטעלט בעריכטען איבער דער טהעטיג־קייט פון דעם „קלוב פון די גלייכע", וואס האט געצעהלט ארום 4000 מיטגלידער.

אזוי ווי די קאמוניסטישע פראפאגאנדע פון די באבעפיס־טען האט אויך אנגעפאנגען צו געפינען א סימפאטישען אבקלאנג צווישען די נידערגעשלאגענע ארבייטער, וועלכע האבען געליטען גרויס נויט צוליעב די אונרוהיגע און קריעגערישע צייטען, האט די דירעקטאריום־רעגירונג געזוכט צו געווינען חן אין די אויגען פון די נויטליידענדע דורך פערטהיילונגען פון ברויט און פלייש.

מיר קענען זיך דא אבער ניט אריינלאזען אין היסטארישע בע־שרייבונגען און איינצעלהייטען. דער סוף איז געווען, אז גראדע ווען די באבעפיסטען און אנדערע רעוואלוציאנערען האבען זיך גע־קליבען אויסצופיהרען זייער פערשווערונגס־פלאן, זיינען די אנפיה־רער ארעסטירט געווארען.

באבעף אליין האט דאן איבערהויפט געמוזט זיך בעהאלטען. ער האט ארויסגעגעבען אין געהיים זיין „פאלקס־טריבון", אזוי ווי מאראט האט עס מיט דריי יאהר פריהער געמוזט טהאן, ווען ער פלעגט ארויסגעבען זיין „פאלקס פריינד". די שפיאנען האבען איהם

אַבער געפונען. די דירעקטאָריום־רעגירונג, וועלכע האָט זיך דאַן גע־שטיצט אויף גענעראַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, האָט יע־דענפאַלס באַשלאָסען צו צושליסען דעם „קלוב פון די גלייכע“ און צו פאַנגען די פיהרער.

אונטער די געשריען: „עס לעבע די קאָנסטיטוציאָן פון 1793! עס לעבען די גלייכהייט!“ האָבען די פערשווערער געוואָלט בעפאַלען די דירעקטאָריום־רעגירונג און אויך ביידע הייזער פון פאַרלאַמענט, און נאָכהער פעריאָגען די רעאַקציאָנערע דעפּוטאַטען און פּראָקלאַ־מירען די יאַקאָבינער „קאָנסטיטוציאָן פון דעם ערשטען יאָהר פון דער רעפּובליק“, וועלכע איז געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב, ווי מיר ווייסען עס פון פאָריגען קאַפּיטעל. נאָר ווי געזאָגט, די פער־שווערער זיינען פערראַטהען געוואָרען, און דעם 10טען מאַי 1796, איז באַבעף צוזאַמען מיט דאַרטהע, בואָנאַראָטי און אַנדערע „אויס־גלייכער“ איינגעשפּאַרט געוואָרען אין געפענגניס. די רעגירונג האָט זיך בענוצט מיט די דאָקומענטען, וועלכע זי האָט געפונען ביי באַ־בעף'ן און אַנדערע הויפּט־פערשווערער, אום צו אַרעסטירען איהרע פּאָליטישע געגנער בכלל. 65 פון די אַרעסטירטע זיינען איבער־געגעבען געוואָרען צו אַ הויכען געריכט אין אַ פּלאַץ אויסערהאַלב פּאַריז (מען האָט מורא געהאַט זיי צו פּראָצעסירען אין פּאַריז, וואו אַ סך אַרבייטער האָבען נאַטירליך סימפּאַטיזירט מיט די באַ־בעפיסטען), אויף דער קלאַגע אין פערשווערונג געגען די רעגירונג און געגען די בעשטעהענדע קאָנסטיטוציאָן.

דיזער פּראָצעס האָט זיך געצויגען אַרום אַ יאָהר, און אין דיזער צייט האָבען אייניגע יאַקאָבינער און אויך באַבעפיסטען, וועלכע האָבען זיך ווי עס איז אַרויסגעדרעהט פון אַרעסטען, ווידער פּרו־בירט מאַכען אַן אויפשטאַנד, אום כאָטשע צו קענען רעטען די אַנ־געקלאָגטע. נאָר דיזער אויפשטאַנד, אין וועלכען עס האָבען אַנ־טהייל גענומען בלויז אַרום 700 שלעכט־בעוואָפענטע רעוואָלוציאָנע־רען, האָט זיך געענדיגט מיט אַ ביטערע נידערלאַגע פאַר זיי. די אַרבייטער פון די פּאַריזער פאָרשטעדט זיינען שוין דאַן געבליבען פון דער ווייטענס. אַרום 130 פון דיזע רעוואָלוציאָנערען האָט מען געפאַנגען, און די איבעריגע זיינען זיך צולאָפען ביי דער ערשטער

אטאקע פון די סאָלדאטען, וועלכע זיינען געבליבען טריי צו דער די־רעקטאָריום־רעגירונג. דיזע געפאַנגענע האָט מען גלייך איבערגע־געבען צו אַ מיליטער־געריכט, וואָס האָט 86 פון זיי פעראורטהיילט צום טויט.

דער פּראָצעס געגען די באַבעפיסטען האָט זיך געענדיגט אין פעברואַר 1797. יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט זיי ברענגען אין גע־ריכט, פלעגען זיי זינגען די מאַרסעליעזע. זיי האָבען זיך אַלע געהאַלטען מוטהיג, ווי אמת׳ע רעוואָלוציאָנערע העלדען. אויף דעם גרונד פון דער קלאַגע, אַז זיי האָבען געוואָלט אַבשאַפען מיט גע־וואַלט די קאָנסטיטוציאָן פון דריטען יאָהר פון דער רעפּובליק (די טערמידאָרישע) און איינפיהרען די קאָנסטיטוציאָן פון ערשטען יאָהר פון דער רעפּובליק (די יאַקאָבינישע), זיינען באַבעף און דארטהע פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט און בואָנאַראָטי און 6 אַנדערע פיהרער — צו פערשיקונג.

ווי נור דער טויט־אורטהייל איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען, איז צו באַבעף׳ן צוגעלאָפען זיין 11־יעהריגער זוהן, אום איהם אַרומ־צונעהמען; אָבער דערביי האָט דער אינגעל שטילערהייט דער־לאַנגט זיין פאָטער און דאַרטהע׳ן שפּיזען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך גלייך געשטאָכען. זיי האָבען זיך אָבער נור געמאַכט שמערצ־ליכע וואונדען. ווען מען האָט דיזע ערדעלמוטיגע קעמפּפער און מאַרטירער געפיהרט דעם נעכסטען מאָרגען צו דער גיליאָטינע, האָ־בען זיי נאָך גע׳גוסס׳ט. מען האָט געלאָזען די שפּיזען אין זייערע וואונדען, כדי צו פערלענגערען זייערע שמערצען! זייערע קערפּערס האָט מען אַ שליידער געטהאָן אויף אַ פעלד, וואו זיי זיינען געבלי־בען ליעגען, ביז עטליכע פויערים האָבען אוים מיטלייד זיי בעדעקט מיט ערד...

אזוי האָבען געענדיגט זייער לעבען צוויי העלדענמוטהיגע פאָלקס־קעמפּפער, וועלכע האָבען געוואָלט העלפען די אַרבייטער־מאַסען ניט בלויז מיט פאָליטישע פרייהייטען, זאָנדערן אויך מיט ראַדיקאַלע עקאָנאָמישע רעפאָרמען, וועלכע האָבען ניט נור געפּרע־דיגט קאָמוניזם, זאָנדערן אויך פּרובירט דורכפיהרען

ז י י ע ר ע פ ל ע נ ע ר צום וואָהל און בעסטען פון דער גאַנצער מענשהייט. זייערע קעפּ זיינען אָבער ניט געפאַלען אומזיסט אונ־טער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע, וועיל זייערע לעהרען און פאָדערונגען האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג אין דער וועלט, ווי מיר וועלען עס זעהן אין די נעכסטע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטעל 9

סען-סימאָן און זיינע נאָכפאָלגער

אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און בעזאָנדערס נאָד דעם וויענער פריעדענס-קאָנגרעס אין 1814, ווען עס איז אויפגעקומען דער „הייליגער" בונד פון די „גאָטס-געזאַלבטע" מלכים פון רוסלאַנד, עסטרייד־אונגאַרן און פּרייסען, און אויף דעם טראָן פון פראַנקרייך איז, מיט „גאָטעס גנאַדען" אין דער געשטאַלט פון רוסישע קאָזאַקען, ארויפגעזעצט געוואָרען איינער פון דער „געזעצליכער" פראַנצויזישער בורבאָנען־דינאַסטיע אונטער דעם נאָמען לואי (לודוויג) דער אכצעהנטער (אַ ברודער פון לואי דעם זעכצעהנטען, וועלכער איז גיליאָטירט געוואָרען אין פּאַריז אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן) — אָט אין אַזאַ רעאַקציאָנערער צייט האָבען קעמפּפער פאַר עקאָנאָמישע גלייכהייט, פאַר סאָציאַלע גערעכטיגקייט פּשוט ניט געקענט אויפהויבען אַ קאָפּ אויך אין פראַנקרייך.

די אידעען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן זיינען שוין פון דעסטוועגען אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט געוואָרען, אַז מיט קיינע רעאַקציאָנערע אָנשטרענגונגען האָט מען זיי ניט געקענט אַרויסרייסען, און אפילו די בורבאָנען האָבען געמוזט אָנערקענען אַ קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האָט באַשרענקט זייער קעניגליכע מאַכט. די אַלטע פעאָדאַלע און מאָנאַרכישע אָרדנונג איז טאַקע אונטערגעגאַנגען נאָד די רעוואָלוציאָנערע אַטאַקעס און שטורמען, אָבער אין דער נייער אָרדנונג איז די שפּאַלטונג אין דעם „דריטען שטאַנד"

דורך גענענגעזעצטע אינטערעסען צווישען די מיטעלע קלאסען און די ארבייטער־מאסען, געווארען אלע ברייטער און טיעפער.

אין פראנקרייך זיינען פארבליבען אפילו אין די ערגסטע יאהרען פון דער נאפאלעאנישער און בורבאנישער רעאקציאן ניט וועניג אזעלכע בירגער, וועלכע האבען אלע געטרוימט וועגען די דורכפיהרונג פון די הויכע אידעאלען, וועלכע די גרויסע רעוואלוציאן האט איבערגעלאזען בירושה, און זיי האבען געווארט נור אויף א גינסטיגע געלעגענהייט פארטצוזעצען ווייטער דעם קאמפף פאר אמת'ע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

דיזע גינסטיגע געלעגענהייט איז געקומען צו דער צייט פון דער רעוואלוציאן אין יולי 1830, ווען די „געזעצליכע" בורבאנישע דינאסטיע איז ווידער פעריאגט געווארען פון פראנקרייך. דאן זיינען אויך אויפגעקומען די ס ע ן ־ ס ע מ א נ י ס ט ע ן, די שילער און נאכפאלגער פון דעם גרויסען און טיעפען דענקער סען־סימאן*).

ווען בואנאראטי, איינער פון באבעף'ס פריינד, וועלכער איז פעראורטהיילט געווארען צו פערשיקונג אין 1797, ווי מיר ווייסען

---

*) Comte Claude Henri Saint-Simon (1760—1825).
ער איז געוועזען א מיטגליעד פון איינער פון די בעריהמטעסטע אריסטאקראטישע פאמיליעס אין פראנקרייך. אין זיינע יונגע יאהרען האט ער זעהר פיעל שטודירט און פריהצייטיג האט ער אנגעהויבען צו טראכטען און צו טרוימען וועגען א גערעכטע געזעלשאפטליכע ארדנונג. צוזאמען מיט לאפאיעט'ן און אנדערע יונגע פראנצויזישע אריסטאקראטען האט דיזער גראף גענומען אנטהייל אין דער אמעריקאנער רעוואלוציאן. דערביי האט ער זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו שטודירען די פאליטישע ארגאניזאציאן פון דער נייע־געבארענער רעפובליק אין דער נייער וועלט. ער האט אויך ארומגערייזט איבער אייראפעאישע לענדער, אום צו בעקענען זיך נעהענטער מיט זייער פאליטישען און סאציאלען צושטאנד. די גרויסע רעוואלוציאן אין זיין פאטערלאנד האט נאטירליך געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף איהם, אבער ער האט זיך ניט געמישט אין דעם פויערדיגען פארטיי־קאמפף. אום צו האבען פינאנציעלע מיטעל דורכצופיהרען די סאציאלע פלענער, מיט וועלכע ער האט זיך יאהרענלאנג ארומגעטראגען, האט ער גראדע דאן גענומען ספעקולירען אין ריעל־עסטייט (אונבעוועגליכע אייגענטהום) צוזאמען מיט אן אנדער אריסטאקראט. ער האט אבער שליסליך פערלארען דורך דעם זיין גאנצען פערמעגען און האט געענדיגט זיינע יאהרען אין ארמוטה. פאר זיין טויט האט ער געזאגט צו איינעם פון זיינע טריישטע שיללער: „פערגעסט קיינמאל ניט, מיין פריינד, אז מען מוז זיין בעגייסטערט אום צו בעגעהן גרויסע טהאטען".

עס פון פאַריגען אַרטיקעל, האָט זיך צוריקגעקעהרט אין פּאַריז נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1830, האָט ער שוין דאָרטען געפונען אַנדערע קאָמוניסטען און איבערהויפּט נייע קעמפּפער פאַר אַ בעסערע און גערעכטערע סאָציאַלע אָרדנונג.

מען מעג זאָגען, אַז אין יענע יאָהרען האָט זיך עס אָנגעפאַנגען אַט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, ווי מיר פאַרשטעהען זי היינט. מען מעג אויך זאָגען, אַז דער פאָטער פון דער מאָדערנער סאָציאַ־ליסטישער לעהרע איז געוועזן סען־סימאָן, וועלכער ווערט אַנערקענט פאַר איינעם פון די אָריגינעלסטע און טיעפסטע דענקער פון 19טען יאָהרהונדערט.

די גרונד געדאַנקען פון זיין לעהרע קענען אויסגעדריקט ווע־רען אין קורצען אַזוי:

„פערבעסערן דורך די וויסענשאַפט דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט, בעזאָנדערס פון דעם אַ ר ב י י ט ע ר־ק ל אַ ס; רעאָרגאַניזירען די געזעלשאַפט, אָננעהמענדיג אַ ר ב י י ט אַלס דעם פ ו נ ד אַ מ ע נ ט פון דער גאַנצער אָרדנונג; פערבאָטען פוילקייט און לעדיג־געהן און אויפנעהמען נ ו ר פּ ר אָ ד ו צ י ר ע ר אין דער נייער געזעלשאַפט, פון וועלכער די געלעהרטע, אַרטיסטען און אינדוסטריעלע פיהרער בילדען די איינציגע אַריסטאָקראַטיע; אָרגאַניזירען די פאַמיליע, די רעליגיאָן און דאָס אייגענטהום אויף נייע יסודות".

אַזוי ווי סען־סימאָן האָט געלערנט, דאָס יעדער מענש דאַרף קריגען בעלוינט לויט זיינע פ ע ה י ג ק י י ט ע ן אוּ ן אַ ר ב י י ט, איז עס געוועזן געגען די קאָמוניסטען, וואָס האָבען געפּרעדיגט די ווייטגעהענדסטע גלייכהייט אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, זאָ דאָס יעדער מענש זאָל בעקומען נ י ט נ אָ ך ז י י נ ע פ ע ה י ג־ק י י ט ע ן א ו ן אַ ר ב י י ט, נ ו ר נ אָ ך ז י י נ ע ב ע־ד ע ר פ ע נ י ס ע ן. אָט אין דעם בעשטעהט דער אונטערשיעד צווישען קאָמוניזם און קאָלעקטיוויזם. אָהן אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן, אַז יעדער איינער זאָל קענען און מעגען בעפרידיגען זיינע בעדערפעניסען מיט קהל'שע זאַכען, עס מאַכט ניט אויס ווי

פיעל ער האָט אַליין געשאַפען אָדער בייגעטראָגען אין דער פּראָ־דוקציאָן — איז קאָמוניזם נאָר אַ פּוסטער וואָרט.

סען־סימאָן איז געווען גאַנץ ווייט פון קאָמוניזם. אַלס זיין מאָטאָ האָט ער גענומען פאָלגענדע ערקלערונג פון קאָנדאָרסע*), וועלכער האָט עס אויך אויסגעדריקט אין דער רעוואָלוציאָנערער קאָנסטיטוציאָן פון 1793:

„אַלע סאָציאַלע איינריכטונגען דאַרפען האָבען אַלס צוועק די מאָראַלע, אינטעלעקטועלע און פיזישע פערבעסערונג פון דעם צאָהלרייכסטען און אָרימסטען קלאַס."

עס איז איבריג צו בעמערקען, אַז דערמיט האָט קאָנדאָרסע, ווי אויך סען־סימאָן און זיינע צאָהלרייכע שילער געמיינט דעם אַרבייטער־קלאַס.

אום דיזען הויכען צוועק צו דערגרייכען, האָט סען־סימאָן אויך פאָרגעשלאָגען די אָבשאַפונג פון ירושה. ער האָט ערקלעהרט, פאַר וואָס דיזע אָבשאַפונג איז וויכטיג, ווען מען וויל איינפיהרען אַ גערעכטע סאָציאַלע אָרדנונג.

גלייך נאָך זיין טויט האָבען זיינע שילער, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע זשעניען און צוקונפטיגע בערימהייטען, ווי אַגוסט קאָנט, דער פאָטער פון פאָזיטיוויזם אָדער פאָזיטיווע פילאָזאָפיע, אַגוסט בלאַנקי**), דער בעריהמטער

---

*) זעה די אַנמערקונג וועגען דיזען מיעטען דענקער און עדלען מענשענפריינד אין פאָריגען קאַפּיטעל.

**) August Comte (1798—1857), Blanqui (1805—1881), Armand Carrel (1819—1872).

דער טיעפער דענקער אַגוסט קאָנט איז אויך געווען אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער. מיט פּאָליטיק האָט ער זיך ניט פערנומען און געלעבט האָט ער טאַקע ווי אַ פילאָזאָף.

וואָס אָנבעלאַנגט בלאַנקי, האָט ער ביז זיין לעצטען אָטהעם געלעבט ווי אַ פייעדריגער רעוואָלוציאָנער. אַ העלפט פון זיין שטורמדיגען לעבען האָט ער פערבראַכט אין געפענגניסע. ער האָט אַלץ געזוכט דורכצופיהרען זיין קאָמוניסטישע פּראָגראַם דורך פערשוועהרונגען, אויפשטאַנדען און אַ דיקטאַטור. דערפאַר האָט מען איהם שוין אין 1840 פעראורטהיילט צום טויט, נור נאָכהער האָט מען איהם בעגנאַדיגט מיט לעבענסלענגליכע געפענגניס. אָבער אין 1848, ווען עס האָט

רעוואָלוציאָנער, אַ ר מ אַ ן ק אַ ר ד ע ל, אַ גלענצענדער פּובליציסט, און דער שוין אונז בעקאַנטער פּ י ע ר ל ע ר ו, — געגרינדעט אַ וואָכענשריפט מיט'ן נאָמען „לע פּראָדוקטויר“ (דער פּראָדוצירער), אום צו פערשפּרייטען זיין לעהרע און בעקאַנט צו מאַכען זיינע סאָציאַלע פּלענער.

אויב מען זאָל די גרויסקייט און פעהיגקייט פון אַ לעהרער אורטיילען נאָך די פעהיגקייטען און ווערק פון זיינע שילער, דאַן מוז מען בעזאָנדערס בעוואונדערן סען־סימאָן'ען, וועמעס לעהרע האָט בכלל געהאַט אַ גרויסען און טיעפען איינפלוס אויף דער געבילדעטער יוגענד ניט נור פון פראַנקרייך, זאָנדערן אויך פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם פערנעהמט סען־סימאָן יעדענפאַלס אַ הויכען און וויכטיגען פּלאַץ, וועלכען ער פערדיענט אויך.

* * *

זיינע שילער האָבען זיך נאָכהער צוטהיילט אין צוויי בעזונדערע גרופּען צוליעב די ירושה־פראַגע און די פרויען־פראַגע און אויך צוליעב רעליגיעזע אַנזיכטען. די גרופּע אונטער דער לייטונג פון „פאָטער“ אַ נ פ אַ נ ט ע ן *), וועלכער האָט זיך גאָר אַרויסגעגעבען פאַר אַ מין משיח, איז ביסלעכווייז אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ זאָנדערבארער רעליגיעז־פילאָזאָפישער סעקטע. דאָס

אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע, וועגען וועלכע מיר וועלען ריידען אין אַ בעזונדערען קאַפּיטעל, האָט מען איהם בעפרייט. מיט אַ זעלטענען העלדענמוטה האָט ער געקעמפּפט פאַר די אינטערעסען פון פאָלק אויך אַלס רעדנער און שרייבער. דאָס איז אַ מערקווירדיגע רעוואָלוציאָנערע פיגור אפילו אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך, וועלכע איז אַזוי רייך מיט רעוואָלוציאָנען און העלדישע פאָלקסקעמפּפערס. זיין לעבען רופט אַרויס ערשטוינונג און בעוואונדערונג. זיינע מאַנוסקריפּטען זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען נאָך זיין טויט אונטער דעם נאָמען „סאָציאַלע קריטיק“. דער בעריהמטער אויסדרוק „קיין גאָט, קיין האַר“ קומט פון איהם. דאָס איז געווען זיין לאָזונג און דאָס האָט ער אויך געזוכט צו פערווירקליכען דורך אויפשטאַנדען. וועגען בלאַנקי'ס לעהרען און טהעטיגקייטען, ווי אויך וועגען זיינע נאָכפאָלגער, וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידען שפּעטער.

*) Barthelemy Enfantin (1796—1864).

דאָס איז געווען אַ גרויסער טרוימער.

איז טהיילווייז געקומען פון סען־סימאָן׳ס רעליגיעזע לעהרע איבער פערגעניגען, גאָטטהייט א. אז. וו.

אַנפאַנטען׳ס אנהענגער האָבען זיך געניינט מעהר צום קאָמו־ניזם. זיי זיינען אַרויסגעטראָטען פאַר די גענצליכע אָבשאַפונג פון ירושה און געגען „די טיראַניי פון חתונה“. זיי האָבען אויך גע־פּרעדיגט פרייע ליעבע, וואָס עס האָט בעזאָנדערס אָבגעשטויסען פון זיי די ערנסטע סען־סימאָניסטען און געפיהרט צו אַ שנעלען אונטערגאַנג פון דיזער זאָנדערבאַרער סעקטע.

קאַפּיטעל 10

די לעהרען פון פוריע און אָוען

צוויי אַנדערע גרויסע און ערעלמוטהיגע מענער, ווי אויך אָרי־גינעלע דענקער, האָבען גלייכצייטיג מיט סען־סימאָן׳ס שילער גע־צויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער דענקענדער וועלט און פיעל געווירקט צו פערשפרייטען סאָציאַליסטישע געדאַנקען. דאָס זיינען געווען שאַרל פוריע *) אין פראַנקרייך און ראָבערט אָוען **) אין ענגלאַנד.

אין זיין הויפּטווערק אונטער דעם נאָמען „די נייע אינדוסט־

*) Charles Fourier (1772—1837).

זיין פאָטער איז געווען אַ טוך־פאַבריקאַנט. ער האָט געקראָגען אַ גוטע ערציהונג און האָט אויך אַרומגערייזט איבער איניגע אייראָפּע־אישע לענדער. נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער האָט ער גע׳ירש׳עט אַ היבשען פערמעגען, נור ער האָט אַלעס פערלאָרען אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, ווען די שטאָדט ליאָן איז בעלאַגערט געווען. ער האָט נאָכדעם געלעבט אָרים און איינזאַם, אָבגעבענדיג זיין גאַנצע פרייע צייט צום דענקען, שטודירען און שרייבען זיינע ווערק, וועלכע האָבען געהאַט אַ זעהר גרויסען איינפלוס ניט נור אין פראַנקרייך, זאָנ־דערן אויך אין אַנדערע לענדער.

**) Robert Owen (1772—1858).

זיין פאָטער איז געווען אַ קליינער געשעפטס־מאַן. ער האָט גע־לערנט אין אַ פאָלקס־שוהלע בלויז ביז ער איז אַלט געוואָרען 9 יאָהר. נאָכהער האָט ער זיך אויסגעצייכענט אַלס אַ גוטער און פראַקטישער מאַנופעקטשורער און האָט זיך אונשטערבליך געמאַכט מיט זיין טהעטיג־קייט אַלס ערציהער און פילאַנטראָפּ, ווי אויך אַלס גרינדער פון פראָ־דוקטיווע קאָאָפּעראַציאָנען און פון קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אַמע־ריקאַ.

ריעלע וועלט“ ערקלעהרט פוריע זיין געזעלשאַפטליכע סיסטעם מיט אַ סך איינצעלהייטען. זיין שפּראַך איז אַ טרוקענע און אַ שווערע, אַבער ווען מען טיעפט זיך אַריין אין דעם ענין, זעהט מען, אַז דיזער גרויסער אוטאָפּיסט האָט אַלעס לאַנג און גרינדליך נאָכגעדענקט. זיין קריטיק פון דער בורזשואַזער אָרדנונג איז יעדענפאַלס אַ גרינדליכע און טרעפליכע, אַזוי ווי סען־סימאָן׳ס.

פוריע האָט אָנגעוויזען, אַז אַלע אונזערע געזעלשאַפטליכע צרות און אונגליקען בכלל קומען מייסטענס פון אונזער אונוויסענהייט, וואָס עס איז טאַקע גאַנץ ריכטיג, און ער האָט געזוכט מיטלען און וועגען, ווי אַזוי איינצופיהרען מעהר בילדונג, גערעכטיגקייט, אייניגקייט און אויך רעגעלמעסיגקייט אין דער געזעלשאַפטליכער וועלט, אַזוי ווי דאָס צייגט זיך אַרויס אין דער פיזישער וועלט, אין דער גאַנצער נאַטור. אין אַלגעמיינען האָט ער עס אויסגעדריקט מיט׳ן וואָרט האַרמאָניע.

די גרונדלאַגען פון זיין געזעלשאַפטליכער סיסטעם זיינען געווען אַסאָציאַציאָן, קאָראָפּעראַציאָן, געמיינשאַפטליכע פּראָדוקציאָן און ווירטהשאַפט בכלל. דורך דעם האָט ער געדענקט צו קענען דערגרייכען אויך צו האַרמאָניע פון אינטערעסען און זאָגאַר פון געפיהלען און ליידענשאַפטען.

פוריע האָט אויך געזוכט צו צייגען דאָס דורך די אַבשאַפונג פון קליינע ווירטהשאַפטען קען מען איינשפּאַרען דער גאַנצער געזעלשאַפט זעהר פיעל צייט, אַרבייט און אויסגאַבען, וואָס עס איז לכל הדעות ריכטיג. עס איז גענוג צו נעהמען אין בעטראַכט, ווי פיעל אַרבייט און זאַכען עס געהען אין ניוועץ, ווערען פערלאָרען בלויז דורך דעם, וואָס יעדע פאַמיליע בעזונדער פיהרט איהר הויז־ווירטהשאַפט. אום איינצוזעהן, וויפיעל די גאַנצע געזעלשאַפט וואָלט געוואונען און וואָס פאַר גרויסע עקאָנאָמיעס מען וואָלט געמאַכט, ווען מען וואָלט איינגעפיהרט ווירטהשאַפטען פאַר אַ געוויסע צאָהל פאַמיליען צוזאַמען, ווען מען וואָלט איינגעריכטעט פאַר זיי אַלעמען אַ געמיינשאַפטליכע קיך, אַ זאַל צום עסען, אַ זאַל צום פערברייגגען א. אז. וו.

אט דאס האט פוריע געוואלט דורכפיהרען דורך די ארגאניזאציאן פון קליינע געמיינדען (אונגעפעהר צו 1600 נפשות אין יעדע), וועלכע ער האט אנגערופען פאלאנסטערען (פון דעם גריכישען ווארט „פאלאנקס“, וואס בעדייטעט אויך א געוויסען טהייל פון אן ארמעע).

אזעלכע פאלאנסטערען, ווי ער האט עס געפלאנעוועט און בעשריעבען מיט א סך איינצעלהייטען, האבען זיינע שילער און נאכפאלגער פרובירט איינפיהרען אין איינינע פלעצער פון פראנקרייך און אויך פון יונייטעד סטייטס. צוזאמען זיינען געגרינדעט געווארען איינינע יאהר נאך זיין טויט ארום 40 פאלאנסטערען; אבער זיי האבען אזוי ווענינ קיום געהאט, ווי דאס איז עד היום דער פאל מיט אלע אנדערע קאמוניסטישע קאלאניעס צוליעב פערשיעדענע אורזאכען, פון וועלכע די וויכטיגסטע ליעגט אין דעם נאד שטארק איינגעווארצעלטען אינדיווידואליזם און פשוט עגאאיזם אונזערן. *).

---

*) די מערקווירדיגסטע און ערפאלגרייכסטע פון אלע פוריעריסטישע פאלאנסטערען אדער, ווי מען רופט זיי אויך, פאמיליסטערען, געפינט זיך עד היום אין דער שטאדט גיז פון נארד־פראנקרייך. זי געהערט היינט צו א קאאפעראטיווער געזעלשאפט אלס ירושה פון איהר גרינדער זשאן גאדען, וועלכער איז געשטארבען אין 1888 אין אלטער פון 71 יאהר. ער איז געוועזן איינער פון די טרייעסטע שילער פון פוריע און צוגלייך א זעהר פעהיגער געשעפטספיהרער. אין 1837 האט ער אנגעפאנגען צו פאבריצירען אייזערנע אויווענס, און צו דער צייט פון זיין טויט האט ער בעשעפטיגט ארום 2000 ארבייטער. נעבען זיין פאבריק האט ער אין 1859 אויפגעבויט פראכטפאלע הייזער פאר די ארבייטער לויט פוריע׳ס פארשריפטען. דארטען געפינען זיך זאלען פאר קינדער צום שפילען, זאלען צום טאנצען און קאנצערטירען, זאלען צום לעזען און שטודירען, ווי אויך מאגאזינען מיט פערשידענע סחורות, א האספיטאל, א קינדער־גארטען, א. אז. וו. די ארבייטער און אנגעשטעלטע אין דיזער פאבריק, וועלכע האט בעפאר דעם וועלט־קריעג געמאכט געשעפטען אויף פינף מיליאן פראנק יעהרליך, לעבען טאקע מיט זייערע פאמיליעס ווי אין איין גרויסער פאמיליע. אבער נאך אלעמען איז דיזע בעריהמטע „פאלאנסטער אדער פאמיליסטער פון גיז“ דאך ניט א קאמוניסטישע געמיינדע, נור א קא־אפעראטיווע געזעלשאפט מיט א גרויסער פאבריק און מיט גרויסארטיגע געביידעס צום צוזאמענלעבען. דיעזע פאלאנסטער איז אויספיהרליך בעשריעבען געווארען פון איינינע בעזוכער, וועלכע זיינען געקומען אהין זעהען, ווי אזוי פוריע׳ס אידע־

נאָך אַלס יונגער מאַן, ווען ער איז געווען בעשעפטיגט אין קאָמערץ, איז פוריע געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פּרינ־ציפּען פון קאָנקורענץ און אינדיווידואַליזם, אויף וועלכע די בור־זשואַזע אָדער קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז בעגרינדעט, זיינען אונמאָראַליש און שעדליך. נאָכדענקענדיג מעהר און טיעפער וועגען אַ בעסערע און גערעכטערע געזעלשאַפטליכע סיסטעם, איז ער געקומען צום שלוס, אַז דער וועג צו אַ בעסערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג איז גראָדע דורך דעם ה י פּ ו ך פון קאָנקורענץ, נעמ־ליך: דורך ק אָ אָ פּ ע ר אַ צ י אָ ן און ה אַ ר מ אָ נ י ע. זיינע געדאַנקען וועגען דעם האָט ער אויסגעדריקט אין אַ בוך אונטער דעם נאָמען „טהעאָריע פון פיער באַוועגונגען" אין 1808.

ער האָט געמיינט, אַז ער האָט דערמיט ענטפּלעקט אויך אַ נייע פילאָזאָפיע און געמאַכט אַ וועלט־איבערקעהרענדע ענטדעקונג, ווען ער האָט געזוכט צו ערקלעהרען, אַז האַרמאָניע עקזיסטירט בכלל אין דער נאַטור און אַז אַלע צרות פון דער געזעלשאַפט, אַלע שלעכטע מדות און אויך פערברעכען וועלען אויפהערען, ווען מען וועט ניט שטערען די מענשען צו ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען און אויך נייגונגען און לײדענשאַפטען. ער האָט איבערהויפּט גע־גלויבט אין נאַטירליכע האַרמאָניע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט פיעלע פילאָזאָפען פאַר איהם. ער איז אָבער געווען, מעג מען זאָגען, דער ערשטער, וועלכער האָט געזוכט אַ נ צ ו וו ע נ ד ע ן די פּרינציפּען פון דיזער אָפּטימיסטישער פילאָזאָפיע, דעם גלויבען אין אַ נאַטירליכער האַרמאָניע, אַז די נאַטור גופא איז האַרמאָניש און אַז מענשען ווערען ג ע ב אָ ר ע ן ג ו ט, נור זיי ווערען פ ע ר ד אָ ר ב ע ן דורך אַ שלעכטע סאָציאַלע אָרדנונג — אויך אין דער פּ ר אַ ק ט י ק ע, אין דעם געזעלשאַפטליכען צוזאַמענ־לעבען.

אום צו שאַפען אַ האַרמאָנישע און, פאָלגליך, אַ גליקליכע גע־

אַלען ווערען דורכגעפיהרט אין דער פּראַקטיקע. פון גאָדען'ס שריפטען זיינען די באַמערקענסווערטהעסטע „די סאָציאַליסטען און דאָס רעכט אויף אַרבייט" און „די סאָציאַלע געמיינשאַפטליכקייט".

זעלשאַפט, וואו יעדער איינער זאָל קענען ענטוויקלען זיינע נאַטיר־ליכע נייגונגען און שטרעבונגען, האָט פוריע פאָרגעשלאָגען אַ קאָ־אָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָן און אַ געמיינ־שאַפטליכע פּראָדוקציאָן. דער גרונדשטיין פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן האָט געזאָלט זיין אַ קליינע געמיינדע וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען, ווי מיר ווייסען עס שוין, פּאַלאַנסטער. אַ פערבאַנד פון אַזעלכע געמיינדען אָדער קהלות האָט געזאָלט ביל־דען אַ שטאַאַט.

די גוטע און נוצליכע זייטען פון קאָאָפּעראַציאָן האָט פוריע פאָרטרעפליך ערקלעהרט. מען דאַרף גאָר ניט זיין אַ סאָציאַליסט צו זעהן און צו אַנערקענען, אַז אַ קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציאָן און דיסטריבוציאָן איז פיעל שפּאָרזאַמער, עקאָנאָמישער פאַר אַזאַ אינדיווידואַליסטישע און קאָנקורירענדע, ווי אין קאַפּיטאַליס־טישע לענדער.

ליידער אָבער האָבען אַלע פּראָבעס, וואָס זיינען געמאַכט גע־וואָרען אין פערשיעדענע לענדער אויף דעם וועג פון קאָאָפּעראַציאָן, געצייגט, אַז דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג צו ענדערען די קאַפּי־טאַליסטישע סיסטעם און אַפּילו אָבצושוואַכען דעם אינדיוויד־דואַליזם. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט בלויז וועגען די אָרגאַניזאַציאָן פון קאָאָפּעראַציאָנען, אום צו שאַפען אַ האַרמאָנישע געזעלשאַפט, ווי מיר פערשטעהען עס היינט, וואָלט שוין די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם לאַנג אָבגעשאַפט געוואָרען. די קאָ־אָפּעראַטיווע באַוועגונג פערשפּרייט זיך יעדען־פאַלס, און אין מאַנכע לענדער, ספּעציעל אין בעלגיען און אין ענגלאַנד, איז זי בעזאָנדערס ערפאָלגרייך; אָבער עס וואַרפט זיך פּשוט אין די אויגען, אַז זי איז אייגענטליך קיין גרויסע שטערונג ניט פאַר די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, און ווען מען זאָל זיך פערלאָזען בלויז אויף קאָאָפּעראַטיווע פעראיינען אין דעם קאַמפּף פאַר אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וועט מען דערצו אייגענטליך קיינמאָל ניט דערגרייכען.

פוריע און זיינע אנהענגער אין די פּאַלאַנסטערען, ווי אויך

ראַבערט אָוען און בכלל אַלע גרינדער פון קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, האָבען אויסגעפונען, אַז די גרעסטע שוועריגקייטען אויף זייערע וועגען ליעגען ניט אין דער אָדער יענער *פאָרם פון קאָאָפּעראַציאָן* און פון צוזאַמענלעבען איבערהויפּט, נור אין דעם *מענשליכען מאַטעריאַל*, אין די *מיטגליעדער* גופא, ווי זאָרגפעלטיג מען זאָל זיי ניט אויסקלייבען און סאָרטירען פאַר אַזעלכע סאָציאַלע עקספּערימענטען.

נעהמען מענשען פון דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט, ווי עדעלמוטהיג און אידעאַליסטיש זיי זאָלען ניט זיין, ווי אויפריכטיג זיי זאָלען ניט שטרעבען צו אַ לעבען אין אַ ווירקליך קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, און זיי איינקלאַמערן אין אַ קליינער געמיינדע, איינצאַמען ערגעץ אין אַ מעהר אָדער וועניגער פערוואָרפענעם ווינקעל אַלס מיטגליעדער פון אַ קאָמוניסטישער קאָלאָניע — דאָס איז אין דער פּראַקטיקע זעהר שווער אויסצופיהרען אַ לענגערע צייט. דער אינדיווידואַליסטישער גייסט איז לײדער נאָך זעהר איינגעוואָרצעלט ביי אַלעמען, און דאָס צייגט זיך אַרויס ביי דעם מינדעסטען צוזאַמענשטויס צווישען די מיטגליעדער, אפילו ביי דער מינדעסטער מיספאַרשטענדניס, זאָ דאָס עס קומט אין אַ קורצער צייט אַרום צו אַזעלכע רייסערייען און שפּאַלטונגען, וועלכע ענדיגען זיך טאַקע מיט אַ דורכפאַל, מיט דעם אונטערגאַנג פון די בעסט אָרגאַניזירטע קליינע קאָמונעס.

אַזעלכע דורכפאַלען זאָגען אָבער גאָרניט געגען אַזאַ אַלגעמיינע סאָציאַלע איבערקעהרעניס, געגען אַזאַ איבערבויאונג פון דער *גאַנצער* קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי די סאָציאַליסטען פון אונזער צייט פּלאַנעווען און פאָדערען עס. נור פאַר אַזאַ איבערבויאונג איז נויטיג אַזאַ *אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייטער־קלאַס*, אַז מען זאָל טאַקע קענען פערכאַפּען די *פּאָליטישע מאַכט* און אַזוי פיהרען דעם *גאַנצען שטאַאַט* צום *סאָציאַליסטישען ענד־ציעל*.

פון אַזעלכע *פּאָליטישע* שטרעבונגען זיינען אָבער די פוריעריסטען געווען אַזוי ווייט, ווי די סען־סעמאָניסטען, פּאָזיטיוויסטען, אָועניסטען און בכלל *סענטימענטאַלע סאָ-*

ציאַליסטען, אָדער ווי מען רופט זיי געוועהנליך, אוטאָ־פּיסטען. אַלע האָבען זיי געהאַפּט און געגלויבט, אַז מיט צו־רופען צו די גוטע געפיהלען פון די בירגער, אַפּילו די גאַנץ רייכע, קען מען זיי אויפמונטערען אַריינצוטרעטען אין קאָ־אָפּעראַציאָנען, פאַלאַנסטערען, קאָמונעס א. ז. וו., אָדער וועניגס־טענס צו שטיצען מאָראַליש און פינאַנציעל אַזעלכע פּראָבעס, אַלס אַ גוטען און איבערצייגענדען ביישפּיעל פאַר דער ציווילעזירטער וועלט.

פוריע האָט טאַקע אַלץ געוואָרט, אַפּילו נאָך דעם ווי די ערשטע פּראָבעס איינצוריכטען פאַלאַנסטערען זיינען שנעל דורכגעפאַלען, אויף רייכע לייט, וואָס זאָלען העלפען איינריכטען זיין „נייע אינ־דוסטריעלע וועלט“ צום גליק פון דער גאַנצער מענשהייט. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין אַלעס פאָראויס געזעהן און פער־זאָרגט אין זיינע פאַלאַנסטערען, אום דאָרטען זאָל טאַקע הערשען האַרמאָניע צווישען די מיטגליעדער.

ער האָט אַזוי פעסט געגלויבט אין דער האַרמאָניע פון אינ־טערעסען, אַז ער האָט זאָגאָר איבערגעלאָזען זיין פּריוואַט־אייגענטהום אין די פאַלאַנסטערען. ער איז אָבער דאָך ניט געווען אַ קאָמוניסט. אויך האָט ער אָנערקענט אַ באַזונדערען פאַמיליען־לעבען. די מיטגליעדער פון די פאַלאַנסטערען האָבען געמעגט לעבען מיט זייערע פאַמיליען אין באַזונדערע וואָהנונגען און אויך רייכער פאַר אַנדערע, ווען זיי האָבען עס געוואָלט און פערמאָגט. ער האָט נור פאָרגעשריעבען, אַז די רייכערע און אָרימערע פאַמיליען זאָלען לעבען ניט אין גאַנץ אָב־געזונדערטע ערטער, נור אין נאָהענטער שכנות, כדי די אונטערשיעדע זאָלען זיך ניט קענען וואַרפען שטאַרק אין די אויגען. ער האָט געגלויבט, אַז מיט דער צייט, ווען זיין סיסטעם וועט פעסט עטאַבלירט ווערען, וועלען די אונטערשיעדע צווישען רייכע און אָרימע ווערען אַלץ קלענער און שוואַכער, זאָ דאָס עקאָ־נאָמישע גלייכהייט וועט טאַקע שליסליך איינגעפיהרט ווערען אויף דער זינדיגער ערד.

וואָס אַנבעלאַנגט פאַמיליען־לעבען, איז פוריע בלויז אַרויסגע־

טראַטען געגען פ אַ ר מ ע ל ע חתונות, ווייל דורך דעם ווערט אַרויפגעלייגט אַן אומנאַטירליכער צוואַנג אויף די נאַטירליכע נייגונגען, ווייל דאָס איז געגען די ה אַ ר מ אָ נ י ע פון ל י י ד ע נ־ ש אַ פ ט ע ן; אָבער זיינע שילער האָבען זיך געמאַכט ניט וויסענדיג דערפון.

* * *

אין גרונד גענומען אונטערשיידען זיך פוריע'ס פאַלאַנסטערען נור מיט'ן נאָמען פון אַנדערע קאָמוניסטישע געמיינדעס, ספּעציעל פון ראָבערט אָוען'ס, וועלכער האָט זיך אויך געשטיצט בעזאָנדערס אויף דעם פּרינציפּ פון ק אָ אָ פּ ע ר אַ צ י אָ ן און וועלכער האָט געקרוינט זיין ערשטע קאָלאָניע אין יונייטעד סטייטס מיט'ן נאָמען „הארמאָני“. אָבער פוריע האָט פונדעסטוועגען זעהר שאַרף אַטאַקירט די לעהרען פון סען־סימאָן און פון אָוען אין אַ ביכעל, וואָס איז ערשיענען אין 1831 אונטער דעם נאָמען „פּאַסטקעס און שאַרלאַטאַניזם פון צוויי סעקטען, סען־סימאָן און אָוען“.

אַרום יענער צייט האָט עס געקלונגען אַ וועלט מיט דעם ענגלישען פילאַנטראָפּ אָוען, וועלכער האָט צוערשט אָנגעפאַנגען זיין געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט אַלס ערציהער און רעפאַרמער. זיינע פּראָבעס אויסצובילדען די אונגליקליכע פאַבריק־קינדער האָבען זיך אַרויסגעצייגט אַלס אַן ערשטויגענדער ערפאָלג. ניט נור פערשיעדענע רעפאַרמערס און סתם פילאַנטראָפּען, זאָנדערען אויך שטאַאַטסמענער, פאַבריקאַנטען, לאָרדען און אפילו פּרינצען, דאַרונטער אויך דער גרויספירסט ניקאָלאַי, וועלכער איז נאָכהער געוואָרען דער „אונפערגעסליכער“ צאַר פון רוסלאַנד (אין 1825), האָבען זיך אינטערעסירט צו באַטראַכטען די שולע, וועלכע אָוען האָט געגרינדעט פאַר די אַרבייטער אין זיין פאַבריק אין ניו־לאַנאַרק.

זיינע געדאַנקען איבער ערציהונג האָט אָוען פערעפענטליכט צוערשט אין 1813 אין אַ ווערק אונטער דעם נאָמען: „אַ נייער בליק אויף דער געזעלשאַפט, אָדער בעטראַכטונגען איבער דעם פּרינציפּ פון פאָרמירען דעם מענשליכען כאַראַקטער“. דאָרטען

טרעט ער אַרויס אַלס אַנהענגער פון דעם מאַטעריאַליסטישען פי־לאָזאָפּישען שטאַנדפּונקט, דאָס דער מענשליכער כאַראַקטער ווערט בעהערשט און אויך פאַרמירט פון די אומ־שטענדען. דער שלום פון זיין לעהרע איז, יעדענפאַלס, אַז אום אויסצובעסערען די מענשען און צו גרינדען אַ בעסערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, איז צוערשט נויטיג צו געבען די קינדער אַ גוטע ערציהונג.

און אַזאַ ערציהונג איז געוואָרען אָוען'ס הויפּט־אויפגאַבע. זיינע ערציהונגס־פּלענער אויך פאַר דערוואַקסענע אַרבייטער האָ־בען איהם אָבער אַלץ מעהר און ווייטער געטריעבען אויף די וועגען פון סאָציאַלע רעפאָרמען בכלל. אין 1817 איז ער שוין אַרויסגע־טראָטען מיט אַ פּלאַן צו מאַכען אַ סוף פון פּאַפּעריזם (אָרימקייט) אין ענגלאַנד. ער איז אויך געקומען צום שלום, אַזוי ווי פוריע, אַז די הויפּט צרה פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ליגט אין קאָנקורענץ און אַז דער בעסטער הילפס־מיטעל פאַר די מענש־הייט איז קאָאָפּעראַציאָן, אַלס אויסדרוק פון האַרמאָניע.

אָוען'ס פּלענער האָבען אָנפאַנגס געפונען חן און לייטזעליגקייט אין דער ענגלישער פּרעסע און אפילו אין קעניגליכען הויף (דער דיוק און קענט, דער פאָטער פון דער קעניגין וויקטאָריא, איז אויך געוואָרען אָוען'ס אַ פריינד און פערהערער); אָבער ער האָט שנעל פערלאָרען דיזע אַנהענגער און זיין גאַנצע פּאָפּולאַריטעט צווישען די העכערע און מיטעלע קלאַסען בכלל, ווען ער האָט זיך אָפען ערקלעהרט אויף אַ גרויסען מיטינג אין לאָנדאָן פאַר אַ געגנער פון דער קריסטליכער רעליגיאָן און פון אַלע אַנדערע פאָרמעלע רעליגיאָנען. די גייסטליכע האָבען איהם דאַן ערקלעהרט פאַר אַן אַטהעאיסט, און דאָס האָט זעהר פיעל געשאַדט זיינע סאָציאַלע פּלענער.

ער האָט אָבער מוטהיג פאָרטגעזעצט דעם קאַמפּף פאַר זיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען און קאָמוניסטישע קאָלאָניעס ביז זיינע לעצטע כוחות. ער האָט אויך געאָפּפערט זיין פערמעגען פאַר זיינע אידעאַלען. אין די דיסקוסיאָנען, וועלכע זיינען דאַן געפיהרט גע־וואָרען אין צייטונגען און זשורנאַלען און אויך אויף צאָהלרייכע

פערזאַמלונגען, האָט מען עס צוערשט געברויכט אין ענגלאַנד דעם וואָרט „סאָציאַליזם", ווי דאָס איז שוין בעמערקט געוואָרען אין אַנפאַנג פון דיזען בוך.

די קאָלאָניעס, אין וועלכע אוען האָט געוואָלט איינפיהרען ניט נור אַלגעמיינע אייגענטהום (ער איז ביסלעכוויז געוואָרען אַ קאָמוניסט), זאָנדערן אויך די געמיינשאַפטליכקייט פון פרויען, זיינען אַלע מעהר אָדער וועניגער שנעל דורכגעפאַלען. אָבער די סאָציאַליסטישע געדאַנקען, וועלכע ער האָט איינגעפלאַנצט, זיינען געוואַקסען אין ענגלאַנד און האָבען געבראַכט פריכטע, ווי מיר וועלען עס זעהן, ווען מיר וועלען איבערגעבען, ווי אַזוי „די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אַסאָציאַציאָן", אָדער קורץ געזאָגט, „דער אינטערנאַציאָנאַל", איז אין זעקס יאָהר ארום נאָך זיין טויט געגרינדעט געוואָרען אין לאָנדאָן.

קאפיטעל 11.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אַרום דער צייט פון די רעוואָלוציאָנען אין 1848

וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל היינט ניט האָבען וועגען דעם זאַגענאַנטען „אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם" בכלל און וועגען די לעהרען פון סען־סימאָן, פוריע און אָוען בפרט, מוז מען צוגעבען, אַז דורך דעם איז שליסליך אויסגעלייגט געוואָרען אַ וועג צום פּראַקטישען און אויך וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם פון אונזער צייט.

דאָס אַנערקענט אויך פריעדריך ענגעלס, אָבוואָהל ער בעציהט זיך אין אַלגעמיינען צו שטרענג צו אַלערליי אוטאָפּיסטען. אין זיין בראָשורע איבער דער ענטוויקלונג פון סאָציאַליזם (פון אוטאָ־פּיאַ ביז וויסענשאַפט) ווייזט ער אָן אויף די געניאַלע חריפות פון סען־סימאָן און אויף דער זעלטענער קריטישער טיעפקייט פון פוריע. אין סען־סימאָן ענטדעקען מיר, שרייבט ער, די שרשים פון כמעט אַלע סאָציאַליסטישע געדאַנקען. און פוריע שמייסט מיט ריטער דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, צייגט אָן אויף אַלע צרות, מאַטעריעלע און מאָראַלע, פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. „פוריע, — דענקט פריעדריך ענגעלס, — איז ניט בלויז אַ קריטיקער, זאָנדערן אויך אַ סאַטיריקער, זאָגאַר איינער פון די גרעסטע סאַטי־ריקער פון אַלע צייטען. ער קריטיקירט אויך מייסטערהאַפט די פערהעלטניסע צווישען געשלעכטען אונטער קאַפּיטאַליסטישע איינ־

סטיטוציאָנען און די לאַגע פון דער פרוי אין דער קאַפּיטאַליסטי־
שער געזעלשאַפט... נור אַם גרעסטען איז פוריע אין זיין בליק אויף
דער געזעלשאַפטליכער געשיכטע".

די אידעען וועגען סאָציאַלע גלייכהייט און גערעכטיגקייט זיי־
נען יעדענפאַלס אַלץ ווייטער פערשפּרייט געוואָרען און אויך טיע־
פער איינגעוואָרצעלט געוואָרען. יעדער פון די גרויסע לעהרער,
בעזאָנדערס סען־סימאָן און פוריע, האָבען געקראָגען אַ סך גוטע
פעהיגע און איינפלוסרייכע שילער, וועלכע האָבען אויך געזוכט צו
פערוויר קליכען זייערע אידעען און צו קריגען נאָכפאָלגער
און אונטערשטיצער אין די רייהען פון די אַרבייטער. צווי־
שען דיזע שילער זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען אַגיטירט
ספּעציעל צווישען די מאַסען פון פראַנצויזישען
פאָלק, אום זיי אויפצומונטערען צו אַ נייער רעוואָלוציאָן,
צו אַ רעוואָלוציאָן געגען די אויבערהערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

וואָס אַנבעלאַנגט ראָבערט אָועןן, האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסען
דירעקטען איינפלוס אויף דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין
ענגלאַנד. „אַלע סאָציאַלע בעוועגונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען
אין ענגלאַנד, דער אמת'ער פאָרמשריט וואָס איז דאָרטען געמאַכט
געוואָרען אין די אינטערעסען פון אַרבייטער, זיינען פערבונדען
מיט'ן נאָמען פון אָוען" — אַזוי זאָגט אויסדריקליך פרידריך ענ־
געלס אין זיין אויבען דערמאָנטער בראָשורע. און פּראָפעסאָר
ווערנער זאָמבאַרט בעמערקט אין זיין בוך „סאָציאַליזם און סאָ־
ציאַלע באַוועגונג פון 19טען יאָהרהונדערט", אַז ראָבערט אָוען
האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף קאַרל מאַרקס גופא.

איבערהויפּט, ווען מען רעדט וועגען אוטאָפּיסטען, דאַרף מען
אויך נעהמען אין בעטראַכט, אַז צווישען זיי האָבען זיך געפונען
מענער מיט פּראַקטישע קעפּ און מיט ווייטע ערפאַהרונגען אין
לעבען, אַט טאַקע ווי ראָבערט אָוען אַליין. מען דאַרף ניט צוזאַ־
מענמישען פערפאַסערס פון אַזעלכע גאָר אויסגעטראַכטע
געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען, ווי פּלאַטאָנ'ס „רעפּובליק" און
מאָר'ס „אוטאָפּיאַ", מיט די פערפאַסערס פון פּלענער, וועלכע זיי־
נען, אָדער דוכטען זיך צו זיין אוטאָפּיסטיש בלויז דערפאַר, ווייל

עס איז נאָך ניט געקומען די ריכטיגע צייט זיי דורכ־צופיהרען. ווען מען שטודירט גרינדליך די וועלט־געשיכטע, געפינט מען א סך ביישפּיעלען, ווי דאָס וואָס עס איז געווען אונ־דורכפיהרבאר אין איין פעריאָד, וואָס עס האט געשיינט צו זיין א טרוים, אן אוטאָפּיע אין איין צייט, איז פערווירקליכט געוואָ־רען אין אן אנדער פעריאָד, אפילו אין עטליכע יאָהר אָרום.

אָט גלויבען דאָך היינט מיליאָנען און מיליאָנען מענשען אַז דער סאָציאַליזם בכלל איז אַן אוטאָפּיע. אויף יעדען טריט און שריט טרעפען מיר זיך דאָך מיט אזעלכע, וועלכע זיינען טאַקע אויפריכטיג איבערצייגט, אַז עס איז גאָר אונמעגליך צו פער־ווירקליכען דעם סאָציאַליסטישען אידעאל. זיי טענה'ן אַלץ, אַז דאָס איז געגען אונזער איינגעוואָרצעלטען עגאָאיזם, געגען די חיה רעה, וועלכע שטעקט אין אונז פון אַן און וועלכע זאָל אונז אייביג שטערען צו לעבען טאַקע ווי אמת'ע קאַמו־ניסטען.

נור מאַלע ווען מען האט גערופען אָדער מען רופט „אוטאָ־פּיסט" אין דער וועלט פון „פּראַקטישע לייט", וועלכע זעהן גע־וועהנליך ניט וויטער פון זייערע נעזער. אבער לאָמיר זיך דער־ווייל אומקעהרען צו אונזער געשיכטע.

ווי טיעף אָוען איז אריינגעדרונגען אין דער נשמה פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, קען מען אויך שליסען פון פאָל־גענדע ווערטער אין זיין מאַניפעסט אין 1840: „אונזער געשיכטע איז געווען א רייהע פון מלחמות, פון הריגות, פון גזלות, פון ענד־לאָזע רייסערייען, פון אַלערליי אַפּאָזיציעס צו א צושטאַנד פון פריעדען און גליק — א לאַנגער פעריאָד, אין וועלכען יעדער איז געווען אין קאַמף מיט אַלעמען און אַלע מיט יעדען."

די זריעות פון אַלע היינטיגע סאָציאַליסטישע און אויך אנאַר־כיסטישע לעהרען זיינען דאַן פערפלאַנצט און צושפּרייט געוואָרען, און אַלץ מעהר האָבען זיי אנגעפאַנגען זיך פאַנאַנדער צו־וואַקסען און צו ברענגען פרוכטען אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער.

* * *

אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען די סאָציאַליסטישע **אַרבייטער** באַוועגונג אין פראַנקרייך, אָט דער ציעל בעוואוסטער קלאַסען־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט גופא, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס שאַרף אַרויסגעצייגט אין דער רעוואָלוציאָן פון 1848 און מיט 23 יאָהר שפּעטער אין דער **פּאַריזער קאָמונע**.

די סיסטעמען פון סען־סימאָן און פון פוריע זיינען זעהר פיעל שטודירט געוואָרען אין דער ערשטער העלפט פון פאָריגען יאָהר־הונדערט, און די שריפטען פון זייערע שילער האָבען אויך געפונען אַ סך לעזער צווישען די אויפגעקלעהרטע אַרבייטער. אין די גרויסע פראַנצויזישע שטעדט, ספּעציעל אין פּאַריז, זיינען די טראַדיציעס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן געבליבען פעסט איינגעוואָרצעלט צווישען די אַרבייטער מאַסען. דיזע טראַדיציעס טראָגען דעם אַלגעמיינעם נאָמען „יאַקאָבינער“, און אין זיי דריקט זיך אויס עד היום דער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט פון דעם פראַנצויזישען פאָלק בכלל און פון די פּאַריזער אַרבייטער בפרט. אין די אַרבייטער קוואַרטאַלען פון פּאַריז האָבען אַלע סאָציאַליסטישע לעהרען און פּלענער געפונען איבערגעגעבענע אַנהענגער און הייסע פערטהיידיגער.

צווישען די ביכער, וואָס זיינען אין יענער צייט זעהר פיעל געלעזען געוואָרען און וואָס האָבען געהאַט אַ וויטגעהענדען איינפלוס אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך און דורך דעם אויך אין דער **גאַנצער וועלט**, ווי דאָס ווייס יעדער איינער, וואָס איז פיעל־וויניג בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון אייראָפּאַ אין 19טען יאָהרהונדערט, דאַרף מען רעכענען קאָנסידעראַן׳ס*) „דער סאָציאַליזם אַנטקעגען די אַלטע וועלט, אָדער דער לעבעדיגער אַנטקעגען די טויטע“ (ערשינען אין 1849) און

*) ווי דאָס איז שוין איבערגעגעבען אויף ז. 55, איז ער געוואָרען נאָך דעם טויט פון זיין הויך־געעהרטען לעהרער פוריע, דער רעדאַקטאָר פון דעם פוריעריסטישען אָרגאַן „לע פאַלאַנזש“ און דער אַנערקענטער הויפּט פון דער גאַנצער פוריעריסטישער בעוועגונג. ער האָט פּרובירט גרינדען פאַלאַנסטערען אין פראַנקרייך און אויך אין

די „פרינציפען פון סאציאליזם“ (ערשינען אין 1847), לואי בלאן'ס *) „ארגאניזאציאן פון ארבייט“ (ערשינען אין 1839), פרודאן'ס „וואס איז אייגענטהום?“ (ערשינען אין 1840) **).

די פראגע וואס פרודאן, וועלכער פערנעהמט א בעזונדערען פלאץ אין דער געשיכטע פון סאציאליזם, האט געשטעלט אין דיזען בעריהמטעסטען פון אלע זיינע צאלרייכע ביכער (ער איז געווען א זעהר פראדוקטיווער און פליסיגער שרייבער) האט ער פערענט־

ווניטעד סטייטס. אין סאן אנטאניא, טעקסעס, האט ער אויך געגרינדעט א קאמוניסטישע קאלאניע אונטער דעם נאמען „לא רעאוניאן“, וועלכע האט אזוי וועניג קיום געהאט, ווי אלע אנדערע.

*) Louis Blanc (1811—1882).

ער איז אויך געווען פוריע'ס א שילער. צו דער צייט פון דער פעברואר רעוואלוציאן אין 1848 איז ער געווען בעזאנדערס בעליעבט צווישען די פאריזער ארבייטער פאר זיין בעריהמטען פלאן וועגען ארגאניזאציאן פון ארבייט. צוליעב זיין פאפולאריטעט איז ער ניט נור געווארען א מיניסטער פון דער רעפובליק, וועלכע איז ערקלעהרט געווארען נאך דער פעריאגונג פון דעם קעניג לואי פיליפ (פון דער ארלעאנער דינאסטיע), זאנדערן ער האט אויך געקראגען די מעגליכ־קייט צו פרובירען אויספיהרען זיין פלאן אין דער פראקטיקע אויף דער רעכנונג פון שטאאט. ער האט זיך אויך בעריהמט געמאכט אלס היסטאריקער, בעזאנדערס מיט זיין „געשיכטע פון דער גרויסער פראנ־צויזישער רעוואלוציאן“ אין 12 בענדער.

***) Pierre Joseph Proudhon (1809—1865).

דיזער זוהן פון א פויער, דיזער פאסטוך אין זיינע אינגלישע יאהרען, האט זיך אונשטערבליך געמאכט מיט זיינע צאהלרייכע פא־ליטישע, פילאזאפישע און עקאנאמישע ווערק. צו 18 יאהר איז ער געווארען א שריפטזעצער און נאכהער א קארעקטאר אין א דרוקעריי, וואו עס איז איהם אויסגעקומען צו לעזען מייסטענס טהעאלאגישע ווערק. ער האט אזוי ביסלעכווייז געלערענט אין זיינע פרייע שטונ־דען לאטיין, גריכיש און אויך העברעאיש. ער איז געווען וואס מען רופט אן אטאדידאקט (דאס הייסט, אזעלכער וואס מאכט ניט דורך א שולע, נור שטודירט מייסטענס אליין); ער א זעהר אריגי־נעלער, טיעפער און, מען מעג אויך זאגען, א געניאלער דענקער. יעדענ־פאלס האט ער געהאט א מערקווירדיג גרויסען איינפלוס אויף די ארבייטער אין פראנקרייך און בכלל אויף דער אלגעמיינער סאציא־ליסטישער בעוועגונג אין זיין צייט. עס איז ניט איבערטריבען צו זאגען, אז ער איז עס געווען דער לייטענדער גייסט פון סאציאליזם בכלל און פון אנארכיזם בפרט אין דעם דריטען פערטעל פון לעצטען יאהרהונדערט. וועגען זיין לעהרע און טהעטיגקייט וועט אונז אויסקומען צו ריידען ווייטער.

פערט אַזוי קורץ און שאַרף, ווי מוטהיג, געמליך: „אייגענ־טהום — דאָס איז גנבה“.

ער איז אַפילו ניט געווען דער ערשטער דאָס אַרויסצוזאָגען, און עס איז פעסטגעשטעלט, אַז איינער פון די גרויסע זשיראָנ־דיסטישע פיהרער. נעמליך בריסאָ (ער איז גיליאָטירט געוואָ־רען פון די יאַקאָבינער אין 1793), האָט עס געזאָגט אין 1789, אַרום דער צייט פון דעם שטורם פון דער באַסטיעלע. אָבער עס איז קיין נייעס ניט אין דער געשיכטע, אַז די זעלבע ווערטער, די זעלבע טהאַט, די זעלבע זאַכען קלינגען אָפּ און ווערען פער־שיעדען אין פערשיעדענע צייטען. און גראַדע אַרום דעם מיטען פון פאַריגען יאָהרהונדערט האָט פרודאָן אַנגעמאַכט אַ גרויסען רושם אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט מיט דעם פייער־דיגען אויסגעשריי: „אייגענטהום — דאָס איז גנבה“, אָבוואָהל ער זעלבסט איז ניט נור געווען אַ ענטשיעדענער געגנער פון קאָמוניזם, זאָנדערען ער האָט אַפילו געמאַכט אַ אונטערשיעד צווישען „אייגענטהום“ און „פּאָסעסיע“ (בעזיץ) און האָט אויך אַנערקענט אין זיין סאָציאַלער סיסטעם אַ געוויסע מאָס פון פערזענליכען אייגענטהום. זיין קריטיק האָט ער אַנגעווענדעט הויפּטזעכליך געגען די קאַפּיטאַליס־טישע פאָרם פון אייגענטהום.

אין זיין בוך „וואָס איז קאָמוניזם?“ ערקלערט פרודאָן, אַז פון פּלאַטאָן'ס „רעפּובליק“ ביז צו דער זאָנדערבאַרער יעזואי־טען־רעפּובליק אין פּאַראַגוואַי *), זיינען די קאָמוניס־טישע איינריכטונגען אַלץ געבויט געווען אויף אונגלייכ־הייט און זאָגאַר אויף שקלאַפּעריי. אין איין אָרט בעמערקט פרודאָן, אַז „קאָמוניזם איז די רעליגיאָן פון עלענד“. און אין זיין גרעסטע ווערק מיט'ן נאָמען „די

*) אוינצעלהייטען וועגען דיזער עפּעס גאָר אויסערגעוועהנליכער רעפּובליק מיט אַ מין פּאַטערליכען קאָמוניזם צווישען אַ מערקווירדיג זעהאָרכזאַמען אינדיאַנער שטאַם קען דער לעזער אויך געפינען אין דעם צווייטען באַנד פון מיין געשיכטע פון אַלע רעפּובליקען אין דער נייער וועלט אונטער דעם נאָמען „גאַנץ אַמעריקאַ“.

פילאָזאָפיע פון אַרמוטה", אויף וועלכער קאַרל מאַרקס האָט עם גע־ענטפערט מיט זיין ביכעל „אַרמוטה פון דער פילאָזאָפיע", זאָגט פרו־דאָן, אַז „דערפון וואָס פּריוואַט אייגענטהום איז שלעכט און פאַלש, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז קאָמוניזם איז גוט און ריכטיג".

אַגב ווילען מיר דאָ באַמערקען, אַז קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט אייגענטליך געהאָט אַ זעהר הויכע מיינונג וועגען דיזען מערקווירדיגען מאַן און ווירקליך אָריגינעלען דענקער און האָט געהאַלטען דעם בוך „וואָס איז אייגענטהום?" פאַר אַן עפּאָכען־מאַכענדען, איז אַזוי זעהר שאַרף און ביטער אַרויסגעטראָטען געגען איהם טהיילווייז צוליעב דעם, וואָס ער (פּרודאָן) איז ביי יעדער געלעגענהייט אַרויסגעטראָטען געגען דעם קאָמוניזם.

* * *

אַ דאַנק דיזע גרויסע לעהרער זיינען די פראַנצויזישע אַרביי־טער געוואָרען אַלץ ציעלבעוואוסטער און האָבען אויך גענומען שטעלען אַלץ קלאָרער און דרינגענדער פּאָליטישע און עקאָנאָמי־שע פאָדערונגען צו גונסטען פון זייער קלאַס. זייער וויכטיגסטער פערלאַנג איז דאַן געווען „ד אַ ס ר ע כ ט א ו י ף א ר ב י י ט".

אייגענטליך איז דיזער פערלאַנג געווען אַ ירושה פון דער גרוי־סער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אַזאַ ר ע כ ט איז אַנערקענט געוואָרען לויט דער יאַקאָבינער קאָנסטיטוציאָן פון 1793, וועגען וועלכער מיר האָבען שוין גערעדט אין אַ פאַריגען קאַפּיטעל.

די פּראַקטישע דורכפיהרונג פון דיזען רעכט האָט עס געזאָלט זיין לויט לואי בלאַנ'ס פּלאַן אין זיין בראָשורע „אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייט". אַזוי ווי פוריע, האָט אויך לואי בלאַן אַנגעוויזען אויף די צרות פון דער פרייער קאָנקורענץ און אויף די גליקען פון קאָאָפּעראַציאָן. מען מעג זאָגען, אַז לואי בלאַן איז געווען דער ערשטער אַנצוצייגען קלאָר און בולט, אַז פ ר י י ע ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ מ ו ז נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע ר ו ו י י ז ע פיהרען צו אַן אַנזאַמלונג פון רייכטהימער אין אַלץ ו ו ע נ י ג ע ר ה ע נ ד, צו אַ קאָנ־צענטראַציאָן פון קאַפּיטאַל, צו דער אָרגאַניזאַציאָן פון אַלץ גרע־סערע קאָמפּאַניעס, צו ט ר אַ ס ט ס, ווי מען רופט עס היינט

אויף דעם אמעריקאנער לשון, און דורך דעם אויך צו דער אלץ גרעסערער פערשקלאַפונג פון לוין־אַרבייטער.

אום דאס אויסצומיידען און איבערהויפּט אום צו פערבע־סערען די לאַגע פון פּראָלעטאריאַט, האט לואי בלאַן פאָרגעשלאָ־גען די אָרגאַניזאַציאָן פון שטאַאטליכע פאַבריקען (מען האט עס אויך גערופען „נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטען"), וואו די אַרבייטער זאָלען זיין פערבונדען קאָאָפּעראַטיוו און אויך טריידיוניאָניסטיש. ער האט געפאָדערט גלייכע באַלוינונג פאַר אַלע אַרבייטער אין נאמען פון די אינטערעסען פון גאַנצען פאָלק, אין נאמען פון גלייכהייט.

אונטער די ווערטער „רעכט אויף אַרבייט" האט מען דאַן פערשטאַנען, אַז די אַרבייטער דאַרפען זיין פערזיכערט פון דער רעגירונג מיט אַרבייט, זעלבסטפערשטענדליך, מיט בעלוינטע אַרבייט. דאס איז געווען אַן איינפאַכער מיטעל געגען אַרבייטס־לאָזיגקייט. פיעלע אַרבייטער האָבען אויך געגלויבט, אַז ווען דער שטאַאט וועט זיי פערזאָרגען מיט אַרבייט, וועלען זיי ניט נור זיין געזיכערט מיט זייערע עקזיס־טענץ־מיטעל, זאָנדערן מען וועט דורך דעם פשוט דערגרייכען דעם אידעאַל פון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

יעדענפאַלס מוז עס טאַקע קומען אַ סוף צו דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג, וועלכע איז בעגרינדעט אויף לוין־שקלאַפעריי, אויף דער עקספּלואַטאַציאָן פון דעם אַרבייטער־קלאַס, ווען עס זאָל נור אַנערקענט ווערען געזעצליך, אַז יעדער איינער האט אַ רעכט אויף אַרבייט, אַלס זיין רעכט אויף עקזיס־טענץ. עס פערשטעהט זיך, אַז אין אַ לאַנד, וואו יעדער איינער איז פערזאָרגט פון דער געזעלשאַפט גופא דורך די רעגיערונג מיט אַרבייט, ניט אַלס צדקה, נור אַלס זיין רעכט, קענען דאָך שוין ניט זיין קיינע אַרבייטסלאָזע און, פאַלגליך, קיינע הונגער־ליידענדע. אונטער אַזעלכע אומשטענדען, אויב עס זאָלען אפילו פון איין זייט בלייבען גאַנץ רייכע, וועלען אָבער פון דער אַנדער זייט ניט בלייבען אַזעלכע אָרימע, וואס זאָלען גאַר קיינע עק־זיסטענץ־מיטעל ניט האָבען. ווער עס וועט נור זיין פעהיג צו

ארבייטען און וועט זיך ניט פוילען, וועט שוין קריגען ארבייט, און דאס מיינט אויך ל ע ב ע נ ס מ י ט ע ל.

קורץ, א ריכטיגע דורכפיהרונג פון „רעכט אויף ארבייט", ווי די פראנצויזישע ארבייטער האבען עס געפאדערט אין 1848, וואלט שליסליך געמוזט מאכען א סוף פון דער גאנצער קאפיטאליסטי־שער סיסטעם. אבער דאס איז ניט מעגליך געווען, ניט בלויז צוליעב דעם, ווייל די קאפיטאליסטען זיינען, זעלבסטפערשטענד־ליך, געווען געגען אזעלכע „אוטאפיעס" און „פאנטאזיעס", זאנדערן אויך צוליעב דעם, ווייל די ארבייטער זעלבסט זיינען, צום אונגליק, געווען גאנץ וועניג ענטוויקעלט דערצו.

מיט דער אויסנאהמע פון א קליינער צאהל ציעלבעוואוסטע רעוואלוציאנערען און קאמוניסטען האבען אפילו די פאריזער אר־בייטער אליין ניט געקענט זיך אבגעבען א רעכנונג, וואס אזוינס עס בעדייטען די דריי איינפאכע ווערטער „רעכט אויף ארבייט". זיי האבען נאטירליך געפיהלט אינסטיקטיוו, אז דאס איז א גוטע זאך פאר זיי, אבער מיט די ווייטערע קאנזעקווענצען פון אזא פרינציפ האבען זיי זיך ניט פערנומען.

א גרויסער טהייל פון די פאריזער ארבייטער האבען זיך דאן איבערהויפט זעהר שטארק גענויטינט אין עפענטליכע שטיצע און ארבייט, ווייל אין א צייט פון א רעוואלוציאן קומען דאך געוועהנ־ליך וואס מען רופט „שלעכטע צייטען" פאר האנדעל און אינ־דוסטריע. די שטענדיגע ארמעע פון ארבייטסלאזע אין א קאפי־טאליסטישער מלוכה ווערט דאן נאטירליך גרעסער.

די פראוויזארישע רעגיערונג, וועלכע איז אויפגעקומען נאך דער ערפאלגרייכער רעוואלוציאן אין פעברואר 1848, א רעגיערונג, אין וועלכער עס האבען געפיהרט די גרענדע אזעלכע ליבעראלען, ראדיקאלען און בורזשואזע אידעאלאגען איבערהויפט, ווי ל א־מ א ר ט י ן (א גרויסער פאעט), א ר א ג א (א גרויסער אסטרא־נאם), א ד א ל ף ק ר ע מ י ע (א גרויסער אדוואקאט) א. ז. וו., האט זיך געפיהלט פערפליכטעט עפעס צו טהאן פאר די ארבייטער, וועלכע האבען ווידער פערגאסען זייער בלוט אויף די באריקאדען פאר פאליטישע פרייהייט און פאר בורזשואזע אינטערעסען. זיי

האָבען דאָרום שנעל אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון לואי בלאַן, וועמען זיי זיינען געצוואונגען געווען דורך די פאָדערונגען פון די אויפגעקלעהרטע פּראָלעטאַריער אריינצונעהמען אַלס א מיטגליעד פון *זייער* רעגיערונג, נעמליך דעם פאָרשלאַג *"צו גאַראַנטירען די עקזיסטענץ פון אַרבייטער דורך אַרבייט"*.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס מען האָט טאַקע אָרגאַניזירט איינינע "אַטעליעס" אָדער ווערקשטאַטען אין פּאַריז אויף דער רעכנונג פון שטאַאַט. אָבער אַזוי ווי דער גאַנצער עסק איז באַלד איבערגעגעבען געוואָרען אין *פייַנדליכע* הענד און די פּראָוויזאָרישע רעגיערונג האָט אייגענטליך געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערען פון דיזער "סאָציאַליסטישער אַנשיקענים", האָט זיך די פּראָבע צו פערווירקליכען דאָס "רעכט אויף אַרבייט", געענדיגט זעהר אונגליקליך, ווי מיר וועלען עס זעהן אין נעכסטען קאַפּיטעל.

קאפיטעל 12.

די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן אין 1848 און די טשארטיסטישע בעוועגונג אין ענגלאנד

„דעם 24טען פעברואר 1848 האט זיך געצייגט די מאָר־גענרעטהע פון א נייעם געשיכטס־פעריאָד. אין דיזען טאָג האט אויסגעבראכען אין פראנקרייך א רעוואלוציאָן, וועל־כע האט אריינגעבראכט אן ארבייטער*) אין דער פראוויזארישער רעגיערונג, וועלכע האט אפען ערקלעהרט די פערבעסערונג פון דער לאגע פון ארבייטער־קלאס אלס דעם צוועק פון שטאאט און וועלכע האט פראקלאמירט דאס אלגעמיינע וואהל־רעכט, זא דאס יעדער בירגער, וואס איז געווארען 21 יאהר אלט, גאנץ גלייך, אויב ער איז ארים אדער רייך, האט בעקומען א גלייכמעסיגען אנטהייל אין דער הערשאפט איבער'ן שטאאט און אין דער בעשטימונג פון די צוועקען און שטרעבונגען פון שטאאט".

אזוי האט פערדינאנד לאסאל געשילדערט אין זיין „ארבייטער פראגראם" די רעוואלוציאָן פון 1848, ווען די פראנצויזישע ארבייטער זיינען טאקי צום ערשטען מאל אין דער וועלט־געשיכטע ארויסגעטראטען אלס א בעזונדערער קלאס,

*) אייגער מיט'ן נאמען אלבערט, א פריינד און פערעהרער פון לואי בלאן.

אלס דער פערטער קלאס, מיט בעשטימטע סאציאלע פאדערונגען. דאמאלס האט זיך טאקע בעוויזען דער מארגענשטערען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן, וועלכע וועט אמאל, האפענטליך אין א פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט ארום, מאכען א סוף פון דער מענשליכער עקספלואטאציאן, פון דער לוין־שקלאפעריי, פון דער קאפיטאליסטישער הערשאפט.

אבער די צאהל פון אזעלכע ארבייטער, וועלכע האבען פערשטאנען די סאציאלע פראגע, וועלכע זיינען געווען ציעלבעוואוסט, איז נאך דאמאלס געווען גאנץ קליין אפילו אין פאריז גופא. מיר זעהען דאך, ווי לאנגזאם די סאציאליסטישע אידעען דרינגען אריין אין די מאסען, ווי שווער עס קומט אן צו פערגרעסערען די ארמעע פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אפילו אין די פארטגעשריטענסטע לענדער. אבער אין די 40ער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט האט עס נור עפעס אנגעפאנגען צו טאגען אין די מוחות פון די הייפעלעך ארבייטער, וועלכע האבען געהאט די געלעגענהייט צו הערען אביסעל פון די קאמוניסטישע און בכלל סאציאליסטישע לעהרען און פאדערונגען פון די סען־סימאניסטען, פוריעריסטען, אוועניסטען, פרודאניסטען א. ז. וו.

אין אלגעמיין האבען אפילו די אויפגעקלעהרטע פאריזער ארבייטער מעהר געפיהלט איידער פערשטאנען זייער סאציאל־פאליטישע לאגע. זיי זיינען געווען רעוואלוציאנער לויט זייער סענטימענט און טעמפעראמענט, אבער זיי האבען ניט געוואוסט, ווי אזוי אייגענטליך צו פערבעסערען די לאגע פון פראלעטאריאט אויף מארגען נאך אן ערפאלגרייכער רעוואלוציאן, ווי אזוי צו בויען א נייעם סאציאלען בנין.

ניט נור זיינען דאן די ארבייטער ניט געווען ארגאניזירט אין א בעזונדערע פארטיי, זאנדערן אפילו די בעסטע און פעהיגסטע אנפיהרער האבען אייגענטליך גארניט געקלערט דערפון. די רעוואלוציאנערע פראלעטאריער פון פאריז האבען ניט געהאט און פשוט ניט געקענט האבען א בעשטימטע סאציאל־פאליטישע פראגראם, ווען דער סאציאליזם איז נאך ניט פארמולירט געווא־

רען גרינדליך אפילו אין די קעפ פון די גרויסע דענקער און אר־ בייטער־לעהרער. אזא פארמולירונג איז געווען די ארבייט פון דער „אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן“ אויף איהרע קאנגרעסען, ווי מיר וועלען זעהן אין די נעכסטע קאפיטלען.

די פאריזער ארבייטער צוזאמען מיט אלע זייערע גייסטיגע לעהרער און וועג־ווייזער, אויך אין דער פראוויזארישער רעגיערונג גופא (לואי בלאן און אלבערט), האבען זיך דארום ניט געקענט בענו־ צען מיט דער בעזאנדערס גינסטיגער געלעגענהייט, וועלכע זיי האבען געקראגען נאך דער פעריאגונג פון דעם קעניג און נאך דער פראק־ לאמירונג פון דער רעפובליק אין 1848. זייער הויפטפאדערונג איז געווען, ווי מיר ווייסען עס שוין פון פאריגען קאפיטעל, „ד א ס ר ע כ ט א ו י ף א ר ב י י ט“. אינסטיקטיוו האבען זיי געפיהלט, אז אויף דיעזען וועג קענען זיי ניט נור פערבעסערען זייער עקאנא־ מישער לאגע, זאנדערן אויך ווערען די ה ו י פ ט מ א כ ט אין שטאאט.

אבער אין דער פראקטיקע זיינען די ארבייטער געווען פשוט הילפלאז און האבען זיך געלאזט ארייננארען אין זאק אריין פון פאפולערע בורזשואזע פאליטיקער. די פראוויזארישע רעגיערונג פון איהר זייט האט געזוכט ניט נור צו דיסקרעדיטירען און לעכ־ בערליך צו מאכען אלעס, וואס עס האט געהאט עפעס א שייכות מיט „דעם רעכט אויף ארבייט“, און בעזאנדערס מיט די נאצי־ אנאלע ווערקשטאטען, וועלכע זי איז געווען געצוואונגען צו לאזען איינריכטען אין פאריז טהיילווייז לויט דעם פלאן פון לואי בלאן, זאנדערן אויך צו ברענגען די ארבייטער אין אזא פערצווייפלונג, אז זיי זאלען מאכען אן אויפשטאנד.

דאס איז טאקע געשעהן אין א מאנאט פיער נאך דער פעב־ רואר־רעוואלוציאן, נעמליך דעם 23טען יוני 1848. די פראוויזא־ רישע רעגיערונג, אין וועלכער עס האבען מיט יעדען טאג ווייטער געקראגען די אויבערהאנד די מעסיגע רעפובליקאנער און די פער־ ביסענע געגנער פון יעדען סאציאליסטישען גדאנק, האט זיך אלץ געקליבען אבצושאפען די נאציאנאלע ווערקשטאטען, וועלכע זיינען איהר געשטאנען ווי א ביין אין האלז, אבער זי האט דאך מורא

געהאט פאר אז אויפשאנד פון די פאריזער ארבייטער צוזאמען מיט די רעוואלוציאנערע פיהרער און גרופען. די צאהל פון פראלעטאריער, וועלכע האבען געפאדערט זייער „רעכט אויף ארבייט“ איז דאן אלץ געוואקסען, ווייל פיעלע ארבייטסלאזע פלעגען אויך קומען פון די פראווינצען נאך פאריז, וואו זיי האבען געהאפט צו בעקומען ארבייט אין די קהל'שע אדער נאציאנאלע ווערקשטאטען.

עס איז דארום געווארען אלץ שווערער צו שאפען טאקע נוצליכע ארביט פאר דיזע מאסען פראלעטאריער, וועלכע האבען געזוכט עפעס א בעשעפטיגונג אין יענער קריטישער צייט, און די רעגיערונג האט דארום גאר אנגעפאנגען צו צאהלען א פראנק א טאג צו די יעניגע, וועלכע פלעגען קומען בעטען ארבייט. דאס איז געווארען א מין רעגירונגס־צדקה. מען פלעגט גאר ניט פאדערען אירגענד וועלכע ארבייט ביי די ארבייטסלאזע, וועלכע מען פלעגט אב'פטר'ן מיט א פראנק א טאג.

מיר קענען זיך דא ניט אריינלאזען אין בעשרייבונגען פון דיזער זעהר שלעכטער פראבע צו פערווירקליכען דעם פרינציפ פון „רעכט אויף ארבייט“. נור דער סוף איז געווען, אז די פראוויזארישע רעגיערונג האט בעשלאסען דעם 22טען יוני, 1848, צו פערשליסען אין גאנצען די שטאאטליכע ווערקשטאטען, די „נאציאנאלע אטעליעם“, ווי מען האט זיי גערופען. און דאן האט עס אויסגעבראכען איינער פון די שרעקליכסטע און בלוטיגסטע אויפשטאנדען אין פאריז. די פערצווייפעלטע ארבייטער, וועלכע האבען פערגאסען זייער בלוט אין פעברואר אויף די באריקאדען, אום צו גרינדען א רעפובליק און בכלל א בעסערע און גערעכטערע געזעלשאפטליכע ארדנונג, האבען זיך דעם 23טען יוני ווידער א נעהם געטאן צו געוועהר און צו באריקאדען. דיזער עכט־פראלעטארישער אויפשטאנד, אין וועלכען עס האבען אנטהייל גענומען צווישען 30 און 60 טויזענד ארבייטער, האט זיך געצויגען גאנצע דריי טעג, וועלכע זיינען פערצייכענט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאמען „יוני טעג“.

טייכען פראָלעטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע בלוט זיינען פאַר־גאָסען געוואָרען אין דיזע שרעקליכע יוני־טעג. אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל קאַווענ‍יאַק האָבען די סאָלדאַטען צושטערט מיט אַר־טילעריע ניט נור די באַריקאַדען, וועלכע די פּאַריזער אַרבייטער האָבען אויפגעבויט אין זייערע קוואַרטאַלען, זאָנדערן אויך די ה י י ־ ז ע ר א ר ו ם. די בורזשואַזיע מיט איהר פּראָוויזאָרישער רעגי־רונג און מיט דעם דיקטאַטאָר קאַווענ‍יאַק האָבען אין זייער שרעק פאַר דעם „רויטען שאָטען“ ניט אָפּגעשטעלט זיך פאַר קיין זאַך אין דיזען בלוטיגען קלאַסענקאַמפּף. זיי האָבען געוואָלט פּשוט א ו י ס ־ ר א ט ע ן אַלע קלאַסענבעוואוסטע אַרבייטער און בכלל די קאָמו־ניסטען און סאָציאַליסטען.

דאָס איז זיי דאָמאָלס געלונגען, אָבער נור אויף אַ צייט, נאַ־טירליך. די בורזשואַזיע האָט באַזיעגט דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט דאַן פערזוכט אַ קאָפּ אויפצוהויבען אונטער דעם איינפלוס פון די סאָציאַליסטען. נאָך דער אויסשלאַכטונג פון די העלדענמוטהיגע פּאַריזער אַרבייטער, וועלכע האָבען מיט פאַרצווייפלונג געקעמפּפט אויף די באַריקאַדען ביז דעם לעצטען אָטהעם אין די שרעקליכע „יוני־טעג“, זיינען געקומען אַרעסטען און פערשיקונגען. דורך דעם האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען אַ רעאַקציאָן, וועלכע האָט געפיהרט צום אונטערגאַנג פון דער רעפּובליק און צו דער עטאַבלירונג פון דער צווייטער נאַפּאָלעאָנישער אימפּעריע.

צוזאַמען מיט דעם אויפגעקלעהרטען פּראָלעטאַריאַט און אײַ־בערהויפּט מיט די רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטען, וועלכע האָ־בען געליטען אַ ביטערע נידערלאַגע אין די „יוני־טעג“, איז אויך אונטערגעגאַנגען די רעפּובליק. נאָך אַזאַ בלוט־באָד און דערצו נאָך, ווען די זיעגרייכע בורזשואַזיע האָט אין איהר רעאַקציאָנערען צאָרן און שרעק אָפּגעשאַפט דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט, האָבען די פּאַריזער אַרבייטער שוין ניט געריהרט זיך פון אָרט, ווען לואי נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט אַ דאַנק די שטימען פון די אונוויסענדע און איינגעשראָקענע בויערן, האָט געמאַכט דעם צווייטען דעצעמבער 1851 זיין „קו ד’עטאַ“ (שטאַאַטס־שטרייך).

צו וואָס, האָבען די פאַריזער ארבייטער געטראַכט, זאָלען מיר פערגיסען אונזער בלוט פאַר אַ רעפּובליק, וועלכע האָט אונז בע־האַנדעלט ווי שטיעף־קינדער?

אין פערלויף פון די רעוואָלוציאָנען און פון אַלע פּאָליטישע ענדער־רונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פראַנקרייך זייט דער גרויסער רעוואָלוציאָן, האָבען די אַרבייטער דורכגעמאַכט אַ סך ביטערע פּאָליטישע ערפאַהרונגען. אין דער צייט, ווען די ליבעראַלען, ראַ־דיקאַלען און אפילו סאָציאַליסטען, דאַרונטער אויך דער גרויסער און ערהאַבענער פּאָעט וויקטאָר הוגאָ, האָבען אַפּעלירט צו די אַר־בייטער צו בויען באַריקאַדען און צו העלפען קעמפּפען פאַר די רע־פּובליק געגען די סאָלדאַטען, וועלכע נאַפּאָלעאָן מיט זיינע גענעראַ־לען האָבען געשיקט צו פעריאָגען דעם פּאַרלאַמענט, זיינען זיי, די פּאַריזער אַרבייטער, געבליבען גלייכגילטיג. זיי האָבען זיך ענט־זאָגט ווידער צו פערגיסען זייער בלוט פאַר אַ בורזשואַזע רעפּובליק און אין זייער פערצווייפלונג האָבען זיי אַ מאָל געטהאָן אויף אַלעס מיט די הענד.

אַזוי איז עס ווידער אויפגעקומען אין פראַנקרייך אויף דעם פּלאַץ פון אַ רעפּובליק — די אימפעריע פון דעם „קליינעם נאַ־פּאָלעאָן", ווי וויקטאָר הוגאָ האָט איהם טרעפליך אָנגערופען. דיזע אימפעריע האָט, צום אונגליק פון פראַנקרייך און פון דער גאַנצער מענשהייט, געדויערט אַרום 18 יאָהר, ביז די זיעגרייכע דייטשען האָבען געמאַכט אַ סוף פון איהר אין סעדאַן, ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך געמוזט אונטערגעבען און ווען די יעצטיגע רעפּובליק (די ד ר י ט ע אין צאָהל) איז פּראָקלאַמירט געוואָרען (דעם 4טען סעפּטעמ־בער, 1870).

* * *

זעהר אויפפאַלענד איז עס, וואָס פּרודאָן האָט זיך אויך בעצוי־גען עפּעס אַזוי גלייכגילטיג און אַפּאַטיש צו נאַפּאָלעאָנ'ס שטאַאַטס־שטרייך, ווי די פּאַריזער אַרבייטער. ער האָט זיך שוין דאַמאָלס געהאַט ענטזאָגט פון אירגענד וועלכע פּאַרלאַמענטאַרישע טהעטיג־קייט. ער איז שוין אַרויסגעטראָטען מיט זיין אַנאַרכיזם. פון זיינע צאָהלרייכע בריעף, וועלכע זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען אין 8 בענ־

דער. קען מען זעהען, ווי ער האָט געענדערט זיינע מיינונגען וועגען פּאָליטישען קאַמפּף און ווי ער האָט געפיהלט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן פון 1848, פון די „יוני־טעג“ און פון נאַפּאָלעאָנ'ס שטאַאַטס־שטרייך.

מיט לואי נאַפּאָלעאָן איז איהם אויסגעקומען צו האָבען אַ געשפּרעך אין סעפּטעמבער 1848, און אין אַ בריעף ערקלעהרט ער, אַז ער האַלט ווענינ פון די פעהיגקייטען פון דיזען „קליינעם נאַפּאָלעאָן“ און אַז מען דאַרף יעדענפאַלס זיין אויף דער וואַך געגען איהם. און מיט אַ יאָהר דריי שפּעטער, צו דער צייט פון נאַפּאָלעאָנ'ס שטאַאַטס־שטרייך, איז פּרודאָן שוין געזעסען אין געפענגניס, און פון דאָרטען האָט ער איין מאָל געשריעבען וועגען די נייע־געשאַפענע אימפּעריע, אַז „וואָס דער שווערד האָט געטהאָן, וועט דער שווערד צושטערען“. דיזע נבואה איז ערשט מקוים געוואָרען אין 20 יאָהר אַרום.

אַז פּרודאָן איז אין דער ווירקליכקייט גאָרניט געווען אַזאַ רעוואָלוציאָנער, ווי מען מיינט עס געוועהנליך, איז אויך צו שליסען פון זיינעם אַ בריעף צו קאַרל מאַרקס'ן אין 1846. „פיליייכט דענקען מיר נאָך אַלע, שטעהט דאָרט געשריבען, אַז קיין רעפאָרם איז ניט מעגליך אָהן אַ געוואַלט־אַקט, אָהן דעם וואָס מען פּלעגט רופען „רעוואָלוציאָן“ און וואָס איז בלויז אַ צוטרייסלונג. איך פערשטעה און ענטשולדיג אַזאַ בעשלוס, ווייל אַזוי האָב איך אַליין געדענקט אַ לאַנגע צייט. אָבער איך בין זיך מודה, אַז מיינע לעצטע שטודיען האָבען אינגאַנצען אוועקגענומען ביי מיר דעם דאָזיגען גלויבען. היינט גלויב איך, אַז מיר נויטיגען זיך ניט אין אַזאַ זאַך, אום צו געווינען, און דאַרום דאַרפען מיר ניט אַרויסשטעלען אַ רעוואָלוציאָנערע האַנדלונג אַלס אַ מיטעל פון סאָציאַלע רעפאָרם, ווייל דאָס איז אייגענטליך אַ צורוף צו קראַפט, צו אַרביטרערע מאַכט, און דאַרום איז עס אַ קאָנטראַדיקציאָן (ווידערשפּרוך“ *).

---

*) דאָס ציטיר איך פון דעם בוך:
Contemporary Socialism, by John Rae, p. 255.

זיין סאציאליסטישע סיסטעם האט פרודאן געוואלט בויען גאנץ פרידליך אויף געגענזייטיגע שטיצע, אדער ווי מען רופט עס מיט אייןווארט מוטועליזם, וואס עס איז אייגענטליך נור אן אנדער ווארט פאר קאאפעראציאן און הארמאניע, וואס פוריע און אוען האבען געפרעדיגט און אויך פרובירט דורכפיהרען אין דער פראקטיקע דורך די גרינדונג פון קאלאניעס, ווי מיר האבען עס שוין איבערגעגעבען אין די פריהערע קאפיטלעך. „אנטקעגען דעם פרינציפ פון אייגענטהום (פריוואטע) שטעלט דער סאציאליזם ארויס דעם פרינציפ פון אסאציאציאן", האט פרודאן ערקלערט, און דאס האט ער געזוכט צו פערווירקליכען דורך די גרינדונג פון זיין בעריהמטען פאלקס־באנק און בכלל דורך פרידליכע מיטעל.

* * *

טראץ די שרעקליכע בלוטלאזונגען פון פאריזער ארבייטער אין די יוני־טעג און טראץ דער רעאקציאן, וועלכע האט באלד נאכדעם אויפגעהויבען דעם קאפ, איז דער סאציאליסטישער געדאנק דאך אלץ מעהר און טיעפער אריינגעדרונגען אין די מחות פון די פראלעטאריער ניט בלויז אין פראנקרייך, זאנדערן אויך אין אלע אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער. די קערנער, וואס די פראנצויזישע און ענגלישע אוטאפיסטען, צורעכענענדיג צו זיי אויך פרודאנ'ען און בלאנקי מיט זיינע פערשווערונגען און טרוימען וועגען א דיקטאטור, האבען פערפלאנצט, זיינען ניט פערלארען געגאנגען. ביסלעכווייז האבען זיי אנגעפאנגען צו ברענגען פראכטפאלע פרוכטען.

די פראנצויזישע רעוואלוציאן, וועלכע האט אויסגעבראכען אין פעברואר, 1848, האט זיך שנעל און שטארק אבגערופען אין גאנץ וועסט־אייראפא. דעם נעכסטען מאנאט האבען אויסגעבראכען רעוואלוציאנען אפילו אין בערלין און אין ווין. דאס זיינען געווען די שטורעמדיגע „מערץ־טעג", וועלכע האבען לײדער ניט לאנג אנגעהאלטען, אבער וועלכע האבען דאך געבראכט געוויסע פאליטישע פרייהייטען אין עסטרייך־אונגארן און אין פרייסען.

אויך אין ענגלאנד, וואס איז גאנץ ווייניג געריהרט געווארען

פון אַלע שטורם-ווינטען אין פערלויף פון דער גרויסער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציאָן, האָט די פּאַריזער רעוואָלוציאָן פון פעברואַר 1848 געפונען אַ זעהר הילכיגען אָבקלאַנג. דיזע רעוואָלוציאָן האָט נעמ־ליך אויפגעמונטערט און אויפגעלעבט די פּאָליטישע רעפאָרם-בע־וועגונג, וועלכע האָט אויפגעפלאַקערט מיט אַ צעהנדליג יאָהר פריה־ער, נעמליך: אין 1838, און וועלכע טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען ט ש אַ ר ט י ס ט י ש ע.

דיזע רעפאָרם-בעוועגונג האָט זיך געצויגען לאַנגזאַם אין ענג־לאַנד עטליכע צעהנדליג יאָהר. איהר אָנפאַנג איז אייגענטליך גע־ווען צו ענדע פון 18-טען יאָהרהונדערט, און געהאַנדעלט האָט עס זיך צוערשט הויפּטזעכליך וועגען אַ פ ע ר ש פּ ר י י ט ו נ ג פ ו ן ש ט י מ ר ע כ ט. זי איז שטאַרקער געוואָרען אין די דרייסיגער יאָהרען, ווען ראָבערט אָוען׳ס לעהרע איז ביסלעכווייז בעקאַנט גע־וואָרען. אָבער דיזע בעוועגונג האָט דאָך געהאַט גאַנץ ווייניג שייכות ניט נור מיט די אויבען־אָנגעוויזענע סאָציאַל-פּאָליטישע לעהרען אין פראַנקרייך, זאָנדערן אויך מיט׳ן סאָציאַליזם בכלל.

די לאַגע פון די אַרבייטער-מאַסען אין ענגלאַנד איז אַלץ ערגער געוואָרען אין אָנפאַנג פון 19-טען יאָהרהונדערט, נאָך די נאַפּאָלע־אָנישע מלחמות, און די מעהר אויפגעקלעהרטע פּראָלעטאַריער האָ־בען גענומען פאָדערן אַ ג ר ע ס ע ר ע ד ע ה אין דער רעגירונג און אין דער געזעצגעבונג פון לאַנד. זיי האָבען געלעגט בעזאָנ־דערס גרויסע האָפנונגען אויף דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט און האָבען שטאַרק געגלויבט, אַז דורך דעם וועלען זיי אויך קענען פער־בעסערען אַלץ מעהר די עקאָנאָמישע לאַגע פון גאַנצען אַרבייטער קלאַס. זייערע פּאָליטישע פאָדערונגען האָבען זיי אויסגעשטעלט אין אַ פּעטיציע וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „פּיפּעל׳ס טשאַר־טער“, אָדער „נאַציאָנאַלער טשאַרטער“, און דערפון קומט עס דער נאָמען „טשאַרטיזם“ פאַר דיזע בעוועגונג.

אָבער עס איז ניטאָ און עס קען גאָר ניט געבען אין אונזערע צייטען אַזאַ פּאָליטישע רעפאָרם-בעוועגונג, וואָס זאָל ניט זיין פערבונדען אויך מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגען. אין דער ערשטער העלפט פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט מען איבערהויפּט זעהר

פעסט געגלויבט, אַז דורכדעם וואָס די אַרבייטער־מאַסען וועלען קריגען גלייכע שטימרעכט מיט די קאַפּיטאַליס־טען, וועט מען קענען אַרויסרופען זעהר גרויסע און ראַדיקאַלע ענ־דערונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און אויך זעהר פיעל פערבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פאָלקס־מאַסען. די גרעסטע האָפנונגען האָט מען, ווי געזאָגט, געלעגט אויף אַלגעמיינע שטימרעכט, ווייל מען האָט אַנגענומען באמונה שלמה, אַז די אַר־בייטער־מאַסען וועלען דאָך שטימען פאַר זייערע איינענע פערטרעטער און בכלל פאַר זייערע קלאַסען אינ־טערעסען. היינט צו טאָג אָבער, נאָך די פיעלע ענטוישונגען און ביטערע ערפאַהרונגען אין אַלע לענדער, וואו אַלגעמיינע שטימ־רעכט איז שוין לאַנג איינגעפיהרט און איינגעוואָרצעלט געוואָרען, אַט ווי למשל אין יונייטעד סטייטס און אין פראַנקרייך, און וואו די אַרבייטער ערוועהלען נאָך אַלץ בורזשוקעס און קאַפּיטאַליסטען אין די פּאַרלאַמענטען — היינט צו טאָג האָט מען שוין פערלאָרען אויך אַזאַ „אָוטאָפּיסטישען" גלויבען.

נאַטירליך, אַלגעמיינע שטימרעכט ניט בלויז פאַר מענער, זאָנ־דערן אויך פאַר פרויען, איז העכסט וויכטיג פאַר די אַר־בייטער־מאַסען, און ניט אומזיסט האָט מען דאַפיר אַזוי פיעל און שטאַרק געקעמפפט, ניט אומזיסט האַלט מען עס פאַר דעם פונ־דאַמענט פון דעמאָקראַטיע. דאָס איז טאַקע אַ שטאַרקע וואָפע אין די הענד פון פּראָלעטאַריער, מען מעג זאָגען די שטאַרקסטע, און פאַר יעדע פערשפּרייטונג פון שטימרעכט לויט די בעסטע דעמאָ־קראַטישע פּרינציפּען און מעטאָדען דאַרף מען קעמפפען מיט אַלע כחות. אָבער דערפון אַליין צו ערוואַרטען דעם סוף פון דער קאַפּי־טאַליסטישער הערשאַפט און די איינריכטונג פון אַ סאָציאַליסטי־שער אָרדנונג, ווי מען האָט עס געטרוימט אין דער צייט פון דער טשאַרטיסטישער בעוועגונג אין ענגלאַנד און וועהרענד דער רעוואָ־לוציאָן פון 1848 אין פראַנקרייך, ווען עס איז טאַקע געגרינדעט געוואָרען אַ רעפּובליק אויף דעם גרונד פון אַלגעמיינע שטימרעכט, — דאָס איז ווי צו ערוואַרטען, אַז עס וועלען קומען משיח'ס צייטען. דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג. מען

דארף זיך נאך בעווגען, מען מוז נאך קעמפפען פאר א בעסערע און גערעכטערע געזעלשאפטליכע ארדנונג, ווי דאס לערנט דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם, אויך אויף פ ע ר ש י ד ע נ ע א נ ד ע ר ע ו ו ע ג ע ן, פאליטישע אזוי ווי עקאנאמישע, ספּעציעל דורך טרייד־יוניאנס און דורך סאציאליסטישע פּארטייען.

יעדענפאלס האבען די טשארטיסטען, אונטער דעם איינפלוס פון דער פעברואר־רעוואלוציאן אין פראנקרייך, גענומען ארגאניזירען גרויסע דעמאנסטראציעס אין פערשידענע שטעדט, אום צו צווינגען די רעגירונג נאכצוגעבען זייערע פאדערונגען. די גרעסטע פון דיזע דעמאנסטראציאנען איז געפּלאנעוועט געווארען אין לאנדאן. מען האט אנאנסירט א פּראצעסיאן, אין וועלכער עס האבען געזאלט אנטהייל נעהמען א האלבער מיליאן פערזאן, אום צו ברענגען אין פּארלאמענט א פּעטיציע, וואס האט געהאט כמעט 6 מ י ל י א ן א ו נ ט ע ר ש ר י פ ט ע ן.

די רעגירונג האט זיך טאקע גאנץ שטארק דערשראקען פאר אזא מאניפעסטאציע. דאס האט געשמעקט מיט א רעוואלוציאן נאך דעם פאריזער מוסטער. דארום האט די רעגירונג ניט נור פערבאטען דיזע פּראצעסיאן, זאנדערן האט אויך צוזאמענגערופען מיליטער און אויסגעשטעלט פּאליציסטען און סאלדאטען אין פערשידענע ערטער אונטער דער קאמאנדע פון דעם בעריהמטען גענעראל, דעם דוקעס פון וועלינגטאן (דעם זיעגער פון נאפּאלעאן אין דער שלאכט ביי וואטערלא, אין 1814.)

מען רעכענט, אז די רעגירונג האט דאן צוזאמענגעקליבען ארום 170,000 סאלדאטען, פּאליציסטען און מיליציאנטען צו בעשיצען די באנק פון ענגלאנד און אנדערע טעמפּלען פון ממון. קוריעז איז, אז צווישען די מיליציאנטען און פריייווילליגע פערטהיידיגער פון דער רעגירונג האט זיך געפונען ל ו א י נ א פ א ל ע א ן, דער זעלבער, וועלכער איז מיט עטליכע מאנאט שפּעטער געווארען פּרעזידענט פון דער צווייטער רעפּובליק און נאכהער דער קייזער פון דער צווייטער אימפעריע אין פראנקרייך.

אבער עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די קאפּיטאליסטען מיט זייער רעגירונג האבען גארניט געדארפט אזוי שרעקען זיך פאר

די שטאַרק פּאַנאַנדערגעפּויקטע טשאַרטיסטישע מאַניפעסטאַציע דעם 10טען אַפּריל, 1848. אַנשטאַט די אַנאָנסירטע 500,000 דע־מאָנסטראַנטען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען קוים 50,000, און די הויפּטפיהרער האָבען דאָרום פערלאָרען דעם מוטה צו מאַרשירען צום פּאַרלאַמענט. נאָך דיזען דורכפאַל האָט דיזע מערקווירדיגע און, מען מעג זאָגען, עכט־ענגלישע בעוועגונג, געקראָגען אַ טויט־קלאַפּ. אָבער די פּאָליטישע פאָדערונגען, וועלכע די טשאַרטיס־טען האָבען אַרויסגעשטעלט און פון וועלכע די וויכטיגסטע איז גע־ווען וועגען אַלגעמיינע שטימרעכט, זיינען מיט דער צייט דורכ־געפיהרט געוואָרען.

* * *

וואָס אַנבעלאַנגט פראַנקרייך, האָט די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג געמוזט אַלץ מעהר זיך רעכענען מיט די סאָציאַל־פּאָלי־טישע פאָדערונגען פון די אַרבייטער, וועלכע האָבען אָנגעפאַנ־גען צו אָרגאַניזירען זיך אין טרייד־יוניאָנס אָדער, ווי מען רופט עס אין פראַנצויזיש, סינדיקאַטען. די רעפּובליקאַנישע בעווע־גונג איז אויך אַלץ שטאַרקער געוואָרען, און נאַפּאָלעאָן איז דורך דעם געצוואונגען געווען צו קאָקעטירען מיט די אַרבייטער און אַרויסצוצייגען זיך פאַר זייער פריינד. דער קאַמפּף צווישען די פּאַרטייען און קלאַסען איז אַזוי אַלץ מעהר פערשאַרפט געוואָרען און נאַפּאָלעאָנ'ס טראָהן איז אַלץ מעהר אונטערגעגראָבען און צו־טרייסעלט געוואָרען אין די 60־גער יאָהרען.

פון דער פעברואַר־רעוואָלוציאָן מיט די שרעקליכע יוני־טעג אין 1848 ביז צו דער גרינדונג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָצי־אַציאָן פון אַרבייטער" זיינען פאַרבייגעפלויגען בלויז זעכצעהן יאָהר, אָבער אין דיזען קורצען פּעריאָד איז אויפגעקומען, מעג מען זאָגען, אַ נייע פּראָלעטאַרישע וועלט. יעדענפאַלס איז עס דאַמאַלס געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער בעוועגונג, ווי מיר וועלען עס זעהן אין די נעכסטע קאַפּיטלען.

קאפיטעל 13.

די געבורט פון „אינטערנאציאנאל" אין לאנדאן.

„דער געדאנק צו גרינדען א פערבאנד פון ארבייטער פון דער גאנצער וועלט אדער אן אינטערנאציאנאל, איז ארוים פון דעם פ א ל ק ז ע ל ב ס ט, ריכטיגער געזאגט, פון די מעהר אויפגע־קלעהרטע ארבייטער אין די פארטגעשריטענסטע לענדער פון איי־ראפא" —

אזוי האב איך ערקלערט אין אן ארטיקעל איבער דער „אינ־טערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן און איבער דעם וויסענ־שאפטליכען סאציאליזם" אין איינעם פון די ערשטע נומערען פון דער ערשטער אידישער סאציאליסטישער צייטונג, נעמליך: אין דעם „ארבייטער פריינד" פון לאנדאן, אין 1885. און אזוי איז עס טאקע. אלע פארשער פון דער געשיכטע פון דיזען ווירקליך וועלט־איבערקעהרענדען פערבאנד קומען צו דעמזעלבען שלום. זיי־נע גייסטיגע פאטערס זיינען, נאטירליך, געוועזן די סאציאליסטישע לעהרער, פרעדיגער און קעמפפער, וואס מיט די וויכטיגסטע און גרעסטע פון זיי האבען מיר זיך שוין בעקענט אין די פאריגע קא־פיטלעך; אבער זיינע פאקטישע גרינדער זיינען געוועזן געוועהנליכע ארבייטער, מעהר אדער ווייניגער אויפגעקלעהרטע פראלעטאריער.

אין א פראנצויזישען בוך, געשריבען פון א געוויסען אסקאר טעסטיו, א פייערדיגען געגנער פון דער פאריזער קאמונע און פון סאציאליסטען בכלל *) און אנגעפילט מייטענס מיט זעהר אינטע־

*) L'Internationale, par Oscar Testut. Paris, 1871.

רעספּאַנטע און וויכטיגע היסטאָרישע דאָקומענטען, ווערט אויך אָנ־געוויזען, אַז „די ערשטע אידעע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרביי־טער־געזעלשאַפט געהערט צו פראַנצויזישע אַרבייטער, ווי איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט: „געקומען איז דאָס קינד אויף דער וועלט פון פּאַריז, אָבער מילך צו זויגען האָט עס געקראָגען אין לאָנדאָן.“

אין זיין אַרטיקעל איבער אַנאַרכיזם אין דער נייער „ענציקלאָ־פּעדיאַ בריטאַניקאַ“ (עלפטע עדיציאָן) ערקלערט פּ ע ט ע ר קראָפּאָטקין, אַז די פראַנצויזישע גרינדער פון „אינטערנאַ־ציאָנאַל“ זיינען אַלע געווען מוטועליסטען, אָדער אָנהענגער פון פּרודאָנ'ס לעהרע און אַז די ענגלישע גרינדער זיינען געווען נאָכ־פאָלגער פון ראָבערט אָוען. אַלס איינער וואָס האָט אויך פּ ע ר ־ זענליך געקענט איינינע פון די ערשטע גרינדער פון „אינטער־נאַציאָנאַל“, ווייס ער, נאַטירליך, וואָס ער זאָגט. און איך בין גע־קומען צו דעמזעלבען שלוס, לעזענדיג די אָריגינעלע דאָקומענטען אין די ערשטע געשיכטען פון דיזען פאַרבאַנד. יאָ, די אמת'ע גרינ־דער פון „אינטערנאַציאָנאַל“ זיינען געווען פראַנצויזישע אַרביי־טער, וועלכע האָבען זיך מייסטענס געפונען אונטער דעם איינפלוס פון פּרודאָן, מיט וועמעס שריפטען און פּלענער עס האָט דאַן גע־קאָכט אַ וועלט. אין דעם אויבענדערמאָנטען בוך פון אָסקאַר טעס־טיו, וועלכער קען ניט זיין פּאַרטייאיש אין דעם פּרט, ווערט אויס־דריקליך געזאָגט, אַז „די צייטונגען שטעלען אומזיסט אַרויס קאַרל מאַרקס'ן אַלס דעם שעף פון „אינטערנאַציאָנאַל“. אין דער אמת'ן איז ער בלויז אַ סעקרעטער פאַר די דייטשע סעקציאָנען“.

נור וועגען די ראָלע פון קאַרל מאַרקס און פון זיינע נאָכפאָלגער וועלען מיר האָבען צו שרייבען שפּעטער. איבריגענס, פון זיינע איי־גענע בריעף צו ענגעלס'ן איז צו שליסען, אַז מיט דער גרינדונג פון „אינטערנאַציאָנאַל“ האָט ער גאָר ניט געהאַט צו טאָן. דערווייל וועלען מיר איבערגעבען, ווי אַזוי דיזע אַסאָציאַציאָן איז געבאָרען געוואָרען לויט אָפיציעלע און בכלל אונפּאַרטייאישע און פער־טרויענסווערטהע דאָקומענטען און בעריכטען.

* * *

אייגענטליך וואלט מען גאנץ ווייניג געוואוסט, ווי אזוי דער „אינטערנאציאנאל“ איז ענטשטאנען, ווען די רעגירונג פון נאפא־לעאן דעם דריטען וואלט ניט ארעסטירט און איבערגעגעבען צום געריכט די אנפיהרער פון די פאריזער סעקציאנען. אייניגע פון דיזע סעקציאנען־אנפיהרער האבען געשפּיעלט א העכסט וויכטיגע ראלע אין דער פאריזער קאמונע. ביי דיזע געריכטליכע פערהאנד־לונגען האט מען פון פערשידענע זייטען איבערגעגעבען אויך איינ־צעלהייטען וועגען די מיטינגען פון פראנצויזישע און ענגלישע אר־בייטער אין לאנדאן, וואו עס איז שליסליך געגרינדעט געווארען דער אינטערנאציאנאלער פערבאנד, פאר וועלכען די נאפאלעאן־רעגי־רונג האט זיך בעזאנדערס געשראקען, ווייל דער באדען אונטער איהר איז דאמאלס געווארען אין אלגעמיין אלץ טרייסעלדיגער.

מען דארף דערביי נעהמען אין בעטראכט, אז בשעת די אר־בייטער פון אייניגע לענדער, ספּעציעל די פראנצויזישע און ענג־לישע, האבען אין 1862, צו דער צייט פון דער וועלט־אויסשטעלונג אין לאנדאן, געפייערט די „אינטערנאציאנאלע פערברידערונג“, און אויך מיט צוויי יאהר שפּעטער, ווען דיזע פערברידערונג איז שוין פערקערפּערט געווארען אין דער „אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן“, — האט זיך די וועלט, די גרויסע וועלט, כמעט גאר ניט ארומגעקוקט אויף זיי. עס האט נאך דאמאלס ניט עקזיסטירט אזא ארבייטער־פּרעסע, ווי מיר פערשטעהען עס היינט, און אין דער קאפּיטאליסטישער פּרעסע, אפילו אין דער לאנדאנער גופא, האט מען זיך איבערהויפּט גאנץ ווייניג אינטערעסירט מיט אזעלכע מיטינגען. מאלע וואס פאר פערזאמלונגען די אויפגעקלעהרטע אר־בייטער און ראדיקאלען בכלל — זייער צאהל איז דאמאלס געווען גאנץ אונבעדייטענד אין ענגלאנד — רופען צוזאמען און וואס מען בעשליסט דארטען!

קיינער האט זיך בשעת מעשה ניט פארגעשטעלט, אפילו ניט קארל מארקס אליין, וועלכער האט דאן געלעבט אין לאנדאן און אבגעגעבען זיינע קרעפטע צו זיין הויפּט־ווערק, „דאס קאפּיטאל“, אז פון אזא קליינעם מיטינג, ווי אין סענט מארטין׳ס האלל, וואו דער „אינטערנאציאנאל“ איז געבארען געווארען דעם 28טען סעפּ־

טעמבער, 1864, וועט אויסוואַקסען אין פערלויף פון אַ פּאָר יאָהר אַזאַ ריעזיגער אַלוועלטליכער פערבאַנד, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט זאָל ווערען אַ צוציטערטע בלויז ביי זיין נאָמען. ווי ווייט דער גרויסער עולם האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי דער „אינטערנאַציאָנאַל" איז געבאָרען געוואָרען און צו וואָס ער האָט געציעלט, קען מען אויך שליסען דערפון, וואָס מען האָט שפּעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע פערשפּרייט די פאַלשע מעשה, אַז *מאַזיני*, דער בעריהמטער בורזשואַזער קעמפּפער פאַר די אייניגקייט פון איטאַליען, איז גאָר געווען זיין גרינדער.

* * *

נור לאָמיר געהן כסדר אין דער געשיכטע פון דער גרינדונג פון „אינטערנאַציאָנאַל".

אין 1860 האָט אַ ראַדיקאַלע צייטונג אין ליאָן מיט'ן נאָמען „פּראָגרעס פון ליאָן" געראָטהען די אַרבייטער צו שאַפען אַ פאָנד, אום צו שיקען זייערע אייגענע דעלעגאַטען צו דער וועלט־אויסשטעלונג אין לאָנדאָן אין 1862, און דיזער פאָרשלאָג איז באַלד אויפגענומען געוואָרען גינסטיג פון די אַרבייטער־פיהרער און אָרגאַניזאַציאָנען. אויך ראַדיקאַלען און ליבעראַלען האָבען בייגעטראָגען צו דיזען פאָנד. זאָגאָר די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג, וועלכע האָט שטענדיג געזוכט צו חנפ'ענען זיך צו די אַרבייטער אום צו קענען זיך שטיצען אויף זיי אַנטקעגען די בורזשואַזע ליבעראַלען, האָט דאָ אַנגעבאָטען איהר שטיצע. נור די אויפגעקלעהרטע אַרבייטער האָבען זיך ענטזאָגט פון דער נאַפּאָלעאָנישער שיטצע און האָבען געשיקט פערטרעטער צו דער לאָנדאָנער אויסשטעלונג מייסטענס אויף *זייערע אייגענע הוצאות*, גאַנץ אונאָבהענגיג פון אירגענד וועלכער פּאָליטישער פּאַרטיי.

אַזוי האָבען זיך יעדענפאַלס צוזאַמענגעטראָפען פאָרשטעהער פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט דאַן געהאַט צו פיהרען אַ ביטערען קאַמפּף אפילו פאַר דאָס רעכט צו אָרגאַניזירען זיך אין סינדיקאַטען אָדער טרייד־יוניאָנס, מיט די פאָרשטעהער פון די שוין גוט און פעסט אָרגאַניזירטע ענגלישע טרייד־יוניאָנס.

אין אזא וועלט־שטאדט ווי לאנדאן געפינען זיך, נאטירליך, שטענדיג פערטרעטער פון פערשידענע נאציאנען און מיטגלידער פון פערשידענע גרופען און פארטייען. דערצו איז נאך די ענגלישע הויפט־שטאדט דאן בעזאנדערס געווען דער ז י כ ע ר ס ט ע ר פ ל א ץ פאר די פאליטיש־פערפאלגטע פון אלע לענדער, דער עיר־מקלט פון די רעוואלוציאנערען פון דער גאנצער וועלט, אפילו פון פראנקרייך, וואו נאפאלעאן דער דריטער האט פערפאלגט אלע פרייהייטס־קעמפפער.

צווישען די פאליטישע עמיגראנטען פון דייטשלאנד האט זיך דאן געפונען אין לאנדאן אויך קארל מארקס.

אין די געשפרעכען מיט די פערטרעטער פון די ארגאניזירטע ענגלישע ארבייטער האבען די פראנצויזישע דעלעגאטען געזוכט, נאטירליך, אויסצוגעפינען, ווי עס האלט מיט דער אלגעמיינער לאגע פון ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד און אויך בכלל אין דער גאנצער אינדוסטריעלער וועלט. און ווען זיי האבען זיך דער־וואוסט, אז די ענגלישע ארבייטער קענען פראדוצירען ב י ל י ג ע ר, טראץ דעם וואס זיי פערדיענען דורכשניטליך מ ע ה ר פאר זייערע פראנצויזישע ברידער, זיינען די פראנצויזישע דעלעגאטען געקומען צום שלוס, אז דאס איז טאקע הויפטזעכליך דער רעזולטאט פון דער ארגאניזאציאן אין ט ר י י ד־ י ו נ י א נ ס, ווי די ענגלישע ארבייטער־פיהרער האבען עס ערקלערט און אויך בעוויזען מיט פאקטען און ציפער.

דער אונטערשיעד אין דער סאציאל־פאליטישער לאגע פון די פראנצויזישע און ענגלישע ארבייטער האט זיך דאמאלס בעזאנ־דערס שארף און בולט געווארפען אין די אויגען. וועהרענד אין פראנקרייך איז שוין געווען איינגעפיהרט אלגעמיינע און גלייכע שטימרעכט, האבען אבער די ארבייטער דאך ניט געהאט דאס רעכט זיך צו ארגאניזירען אין טרייד־יוניאנס און צו סטרייקען. אלע איז נאך דארטען פערבליבען אין קראפט דער בעריהמטער געזעץ געגען ארבייטער־פערבאנדען, וואס איז אנגענומען געווארען גראדע אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן. דאס איז נעמליך געווען דער געזעץ פון ש א פ ע ל (נאך דעם נאמען פון זיין

פערפאסער), וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין 1791 כלומר'שט אין נאמען פון פערזענליכע פרייהייט געגען די אלטע צעכען און גילדיעס.

און אין ענגלאנד איז גראדע געווען פערקעהרט: די ארבייטער האבען נאך ניט געקראגען גלייכע שטימרעכט, טראץ דער טשאר־טיסטישער בעוועגונג, אבער דערפאר האבען זיי זיך ערווארבען א מאכט דורך זייערע עקאנאמישע ארגאניזאציאנען, דורך זייערע אלץ שטארקערע טרייד־יוניאנס.

דארום האבען די מעהר־אויפגעקלעהרטע פראנצויזישע ארביי־טער גענומען אלץ העכער און שטארקער פאדערען דאס רעכט צו גרינדען פראפעסיאנעלע פעראיינען און צו סטרייקען, אזוי ווי אין ענגלאנד. אונטער דער ליטונג פון איינעם פון די פראנצויזישע דעלעגאטען מיט'ן נאמען טאלען, וועלכער האט געשפיעלט א בעזאנדערס וויכטיגע ראלע ביי דער גרינדונג פון דעם „אינטערנא־ציאנאל", איז דאן בעשלאסען געווארען נאכצופאלגען דעם ביי־שפיעל פון די ענגלישע טרייד־יוניאניסטען און אנצופאנגען א בריי־טע און סיסטעמאטישע אגיטאציע פאר די אבשאפונג פון דעם שאפעל־געזעץ און פאר די דורכפיהרונג פון א נייען געזעץ צו גונסטען פון ארבייטער ארגאניזאציאנען בכלל.

און דאס איז טאקע גאנץ שנעל געלונגען. אין מאי 1863 איז דורכגעפיהרט געווארען אין פראנצויזישען פארלאמענט א געזעץ, אז ארבייטער מעגען גרינדען קאאפעראציעס און שפאר־קאסען. און דעם נעכסטען יאהר איז די נאפאלעאנישע רעגירונג אויך געצוואונ־גען געווען צו בעוויליגען די ארבייטער דאס רעכט צו סטריי־קען. נאפאלעאן דער דריטער האט געהאפט, אז דורך דעם וועט ער קענען אונטערשפארען זיין אימפעריע, וועלכע האט זיך ארום דיזער צייט אנגעפאנגען צו שאקלען אלץ שטארקער. ער האט געהאפט אז די פראלעטאריער וועלען איהם שטיצען געגען זיינע פאליטישע געגנער פשוט אויס דאנקבארקייט פאר דיזע ארבייטער־פריינדליכע געזעצע.

אזוי ווייט האט עס דיזע בעגעגענים פון די פארשטעהער און פיהרער פון די פראלעטאריאטען פון פראנקרייך און ענגלאנד גע־

ווירקט אויך אויף די רעגירונגען. און וואס אנבעלאנגט דיזע פארשטעהער גופא, זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען נאך דעם סוף פון דער דאזיגער וועלט־אויסשטעלונג אין לאנדאן אין 1862 אויף א פעסטליכקייט, וואס די ענגלישע ארבייטער האבען ארגאניזירט פאר אלע זייערע געסט און ארבייטער־פריינד. עס זיינען אויך געקומען פערטרעטער פון די ארבייטער פון פערשידענע לענדער, און אזוי איז עס טאקע געווען א פעסטליכקייט צו פייערען די סאלידאריטעט און די ברידערליכקייט פון די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט.

אין דער געשיכטע פון דעם „אינטערנאציאנאל“ איז דיזע פעסטליכקייט, וועלכע האט שטאטגעפונען דעם 5טען אויגוסט, 1862, אין א זאל פון די פריי־מויערער (פרי־מעיסאנס), פערצייכענט אונטער דעם נאמען: „יום־טוב פון אינטערנאציאנאלע פראטערניזאציאן (פערברידערונג)“, און דיזען נאמען פערדיענט זי באמת.

ביי די פראצעסען געגען די אינטערנאציאנאליסטען אין פאריז אין 1868 און אין 1870 האבען עדות אויך איבערגעגעבען די בעגרייסונגס־רעדע, וואס א פערטרעטער פון די ענגלישע ארבייטער האט געהאלטען אויף דיזען יום־טוב צו די געסט.

„מיר, ענגלישע ארבייטער“, האט ער געזאגט, „האבען זיך מיט פרייד אנגעכאפט אן דער געלעגענהייט פון אייער אנוועזענהייט אין לאנדאן, צו דערלאנגען אייך א ברידערליכע האנד און צו זאגען צו אייך מיט א פולער הארץ: ברוך הבא!

„אין די צייטען פון אונוויסענהייט און פינסטערניש האבען מיר נור געוואוסט, ווי צו האסען. דאמאלס איז געווען די הערשאפט פון דער ברוטאלער קראפט. היינט, אונטער דעם שילד פון דער ציוויליזירענדער וויסענשאפט, טרעפען מיר זיך שוין צוזאמען אלס קינדער פון ארבייט. עס קומט די הערשאפט פון דער מאראלער קראפט.

„אזוי לאנג ווי עס זיינען פאראן ארבייטס־געבער און ארבייטער, אזוי לאנג ווי די קאנקורענץ הערשט צווישען ארבייטסגעבער און עס קומען פאר שטרייטען וועגען ארבייטס־לוין, אזוי לאנג בלייבט א יוניאן פון ארבייטער דער איינ־

ציגער מיטעל פון הילפע און זיכערהייט.

„פיעלע פלענער און סיסטעמען זיינען פארגעשלאגען געווארען פאר די לייזונג פון דיזער אויפגאבע.

„די מייסטע פון דיזע פלענער זיינען געווען הערליכע טרוימען. דער בעוויז אז מען האט נאך ניט געפונען דעם ריכטיגען וועג, איז דער, וואס מיר זוכען איהם נאך אלץ. מיר דענקען, אז דורך דעם אויסטויש פון געדאנקען און ערפאהרונגען מיט די ארבייטער פון פערשידענע לענדער, וועלען מיר וואס שנעלער ענטדעקען די עקאנאמישע סודות פון דער געזעלשאפט.“

* * *

ווי הערליך עס קלינגט אויך היינט, נאך אזוי פיעל אינטערנאציאנאלע ארבייטער קאנגרעסען! נור דאמאלס איז דער געדאנק וועגען א פערווירקליכונג פון דעם אידעאל פון אינטערנאציאנאלע ארבייטער פערברידערונג, וועגען אן אלוועלטליכע ארגאניזאציאן פון קעמפפענדען פראלעטאריאט אריין בעזאנדערס אין די מחות פון די פראנצויזישע דעלעגאטען, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט די טראדיציעס פון דער גרויסער רעוואלוציאן און מיט סאציאליסטישע געפיהלען און שטרעבונגען אונטער דעם איינפלוס פון זייערע גרויסע לעהרער און וועגווייזער, ספעציעל פון פרודאן, לואי בלאן און בלאנקי. זיי האבען איבערהויפט געטרוימט וועגען אן אלוועלטליכע רעפובליק אלס דעם נעהענטסטען וועג צו דער סאציאלער גאולה. דער רעוואלוציאנערער טעמפעראמענט פון די פראנצויזישע פראלעטאריער בכלל האט זיי ניט געלאזט זיך בענוגענען בלויז מיט די קליינע און לאנגזאמע פערבעסערונגען, וועלכע מען האט געקענט אויסקעמפען דורך טרייד־יוניאנס נאך דעם ענגלישען מוסטער. דער ענגער ענגלישער אוטיליטאריאניזם, ווי ער האט זיך אויך אויסגעדריקט אין די טרייד־יוניאנס, האט אייגענטליך קיינמאל ניט געקענט צופרידענשטעלען די פראנצויזען מיט זייערע ברייטע בליקען, סאציאליסטישע שטרעבונגען

און אלוועלטליכע אידעאלען פון פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערליכקייט.

דארום וועט עס גאר ניט זיין איבערטריבען צו זאגען, אז דער „אינטערנאציאנאל" איז טאקע הויפּטזעכליך געשאפען געווארען פון די פראנצויזישע ארבייטער פערטרעטער, אבוואהל צווישען די ענגלישע ארבייטער האבען זיך מיט יאהרען פריהער געפונען אזעל־כע, וועלכע האבען געטרוימט וועגען א פערבאנד פון די פּראלעטא־ריער פון אלע לענדער.

דא מעג מען יעדענפאלס געברויכען דעם אלטען ווערטעל, אז „עס איז ניטא קיין נייעס אונטער דער זון". יא, דער אידעאל וועגען א פערברידערונג פון פעלקער, וועגען א פערבאנד פון נאציאנען איז אייגענטליך א גאנץ אלטער. און וואס אנבעלאנגט א פעראייניגונג פון ארבייטער פון די קאפּיטאליסטישע לענדער מיט דעם צוועק צו פערבעסערען זייער סאציאל־פּאליטישע לאגע, האבען זיך אין ענגלאנד געפונען טרוימער וועגען דעם אפילו אין אנפאנג פון פאריגען יאהרהונדערט. אין זיין גרויסען און אויספיהר־ליכען ווערק איבער דער טשארטיסטישער בעוועגונג און אויך אין זיינע ארטיקלען איבער „קארל מארקס און דעם אינטערנאציאנאל" אין די זונטאג־נומערען פון דער „ניו יארקער פאלקס־ציטונג" אין מאי 1918 האט הערמאן שליטער *) אנגעוויזען, אז אין לאנדאן האט שוין אין יאהר 1831 עקזיסטירט אן „אלגעמיינער אר־בייטער בונד" מיט א זעהר ראדיקאלער פּראגראם אויף דעם גרונד פון דער „ערקלערונג פון מענשענרעכטע" אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן. דער ערשטער זאץ פון דער פּרינציפּען ערקלערונג פון דיזען בונד האט געלויטעט: „די ארבייט איז דער קוואל פון רייכטהום". די מיטגלידער האבען פערלאנגט ניט נור ראדיקאלע וואהל־רעפארמען, זאנדערן אויך דעם „פולען גענוס פון דעם פּראדוקט פון ארבייט."

*) Hermann Schlueter : — Die Chartisten Bewegung, ein Beitrag zur Socialpolitischen Geschichte Englands.
Karl Marx und die Internationale.

דיזער גרינדליכער פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער סאָציאַ־ליסטישער בעוועגונג ברענגט פאַקטען, אַז אין דער שטורמצייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן זיינען פערשפּרייט געוואָרען אידעען אויך וועגען א וועלט־רעפּובליק און וועגען א פעלקער־פערברידערונג. אין נאָוועמבער 1792 איז אין דעם קאָנווענט פאָרגעלעזען געוואָרען אַן אדרעס פון ענגלישע רעפאָרמערס און סימפּאַטיזירער מיט דער גרויסער רעוואָלוציאָן וועגען אַ פערברידערונג פון פעלקער, אום אנצוהאַל־טען פרידען און איינצוריכטען אַ בעסערע און גערעכטערע געזעל־שאַפט.

„די סאָציאַליסטיש־גענאָסענשאַפטליכע בעוועגונג פון יענער צייט (אין די 30־גער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט), שרייבט הערמאַן שליטער אין זיין געשיכטע פון דער טשאַרטיסטישער בע־וועגונג (ז. 212), האָט געשיקט אין 1832 דעלעגאַציעס נאָך פראַנק־רייך צו די סען־סימאָניסטען און נאָך די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקא, אום צו בעטאָנען די סאָלידאַריטעט פון ארבייטער. אין אַן אדרעס צו די אַמעריקאַנישע ארבייטערשאַפט האָט דער 5טער ענגלישער קאָאָפּעראַטיווער קאָנגרעס ערקלערט, אַז די אַר־בייטער דאַרפען אומענדערען די סאָציאַלע און פּאָליטישע איינריכ־טונגען. און די פראַנצויזישע ארבייטער האָבען זיך געווענדעט מיט אַן אדרעס צו זייערע ענגלישע קאַמפּפס־גענאָסען און האָבען ער־קלערט, אַז „**די ארבייטער פון אַלע לענדער זיינען ברידער**"... און די ענגלישע געווערקשאַפטען האָ־בען דערויף געענטפערט און ערקלערט: „מיר שטימען איין הערצ־ליך מיט אייך, אַז די אַרבייטער פון אַלע לענדער זיינען ברידער."

זעהר אינטערעסאַנטע און בעלעהרענדע איינצעלהייטען וועגען די פאָרגענגער פון „אינטערנאַציאָנאַל" זיינען פערעפענטליכט גע־וואָרען אין דער בעריהמטער דייטשער סאָציאַליסטישער וואָכענ־שריפט „נייע צייט" און זיינען אַבגעדרוקט געוואָרען אין אַ בע־זונדערער בראָשורע *). מערקווירדיג איז בעזאָנדערס די טהע־

*) Aus der Vorgeschichte der Internationale, von Th. Rothstein. Neue Zeit, 1913.

טיגקייט פון א זעהר ראדיקאלען פעראיין אונטער דעם נאמען „פראַ־טוירנעל (ברידערליכע) דעמאָקראַטס". די מיטגלידער פון דיזען פעראיין האבען געהאט אלס זייער מאטא: „אלע מענשען זיינען ברידער". די בליהצייט פון דיזען פעראיין איז געווען אין רעכטען ברען פון דער טשארטיסטישער בעוועגונג. דאמאלס האבען זיך אין לאנדאן געפונען רעוואלוציאנערען און פאליטישע עמגיראנטען פון אלע אייראפעאישע לענדער, נור ספעציעל פון פראנקרייך. די „ברידערליכע דעמאָקראַטען" האבען געהאט נאהענטע און זעהר פריינדליכע בעציהונגען מיט די פאליטישע פליכטלינגע און פרייהייטס־קעמפפער, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אזעלכע וועלט־בעריהמטע, ווי הערצען, מאזיני, לואי בלאן, קאבע, לעדרו־ראלען, א. ז. וו. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דורך דיזען פער־קעהר צווישען די פרייהייטס־קעמפפער און רעוואלוציאנערען פון אלע לענדער אין לאנדאן, וואו עס איז דאן געווען זייער זיכערסטער מקום מנוחה, איז אויך אלץ מעהר ענטוויקעלט און פערשטארקט געווארען דער אינטערנאציאנאלער גייסט. אונ־טער די געשרייען: „עס לעבע די דעמאקראטיע פון אלע לענ־דער!" האבען די ענגלישע ראדיקאלען צוזאמען מיט די פרייהייטס־קעמפפער פון פראנקרייך, ווי אויך פון איטאליען, פוילען און דייטשלאנד, געפייערט די רעוואלוציאנערע ימים־טובים און פראַ־טעסטירט געגען דעם „היילינגען בונד" פון די קעניגע און געגען די רעאקציאן בכלל.

די „פראַטוירנאל דעמאקראטס" זיינען אויך געווען אין פער־בינדונגען מיט דעם „קאמוניסטישען פעראיין" אין בריסעל אונטער דער לייטונג פון קארל מארקס. אין 1848 האבען זיי פארגעשלאגען דעם בריסעלער פעראיין צוזאמענצורופען אן אינטערנאציאנאלען קאנגרעס צום יאהרטאג פון דער בעלגישער רעוואלוציאן.

אין 1852 האבען די „פראַטוירנאל דעמאקראטס" געפייערט צו־זאמען מיט לואי בלאן, קאבע און אנדערע פראנצויזישע פרייהייטס־קעמפפער ראבעספיער'ס געבורטסטאג.

אין 1855 איז זאגאר געשאפען געווארען אין לאנדאן אן אינ־טערנאציאנאלער ארגאניזאציאנס־קאמיטעט

מיט דעם בעריהמטען טשארטיסט דזשאונס אלס פאָרזי־צענדען און מיט סעקרעטערען פאר עטליכע נאַציאָנען, נעמליך: פאר פראנקרייך, איטאליען, שפאַניען, דייטשלאנד און פוילען. זיי האבען דאן ארויסגעלאזען א מאניפעסט, וועלכער איז פער־פאסט געווארען פון די פ ר ו ד א נ י ס ט ע ן.

אויף די פייערונגען און פעסטליכקייטען צום אנדענקען פון וויכטיגע רעוואָלוציאָנערע פאסירונגען אין פערשידענע לענדער, ספעציעל אין פראנקרייך, ווי אויך אויף די פראָטעסט־פערזאמלונגען געגען די רעאקציאָנערע רעגירונגען, האבען די רעדנער פון פער־שידענע נאציאָנען ניט איין מאל אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז „די ארבייטער פון אלע לענדער געהערען צו איין פאלק, צו איין לאנד, צו איין רעליגיאָן, און אז זיי דארפען קעמפפען צוזאמען פאר א י י ן צ ו ק ו נ פ ט“.

אין אפריל 1856 איז געקומען אין לאנדאָן א דעפּוטאציע פון ארבייטער און א נ ה ע נ ג ע ר פ ו ן פ ר ו ד א ן מיט דעם צוועק צו גרינדען אן „אוניווערסאלע (אלוועלטליכע) ליגע פון ארבייטער“. אלס דעם הויפּטמיטעל צו דער סאָציאלער בעפרייאונג פון ארבייטער קלאס האבען זיי געהאלטען די ק א א פ ע ר א צ י ע ס, ווי פ ר ו־ד א ן האט עס געפּרעדיגט און געפּלאנעוועט. צו דיזען צוועק האט מען דאן אבגעהאלטען א מאסענפערזאמלונג, אויף וועלכער עס האט אויך גערעדט דער בעריהמטער פראנצויזישער רעוואָלו־ציאָנער פ ע ל י ק ס פ י א (ער האט געשפּיעלט א גאנץ וויכטיגע ראָלע אין דער פאריזער קאמונע). אויף דיזער פערזאמלונג איז עס בעשלאסען געווארען צו ווענדען זיך מיט אן אויפרוף צו די טרייד־יוניאָנס. אין מאי פון דעם זעלבען יאהר האט מען אויך ארויס־געלאזען א מ א נ י פ ע ס ט צ ו א ל ע נ א צ י א נ ע ן. דער ארגאניזאציאנס־פּלאן איז דאמאלס געווען אין אלגעמיינען דערזעל־בער, ווי ער איז אויסגעפיהרט געווארען מיט 8 יאהר שפּעטער, נאך דעם מיטינג אין סט. מארטינ׳ס האל אין 1864, ווי דאס וועט איבערגעגעבען ווערען אין די נעכסטע קאפּיטלען.

צום שלוס פון דיזען קאפּיטעל ווילען מיר נאך ארויסנעהמען

פון טה. ראטהשטיין׳ס בראשורע איבער דער „פארגעשיכטע פון אינטערנאציאנאל״ פאלגענדעס:

אויף א מאסען־פערזאמלונג, וואס איז צוזאמענגערופען געווא־רען פון דעם אינטערנאציאנאלען קאמיטעט און פון א פראנצויזישען פעראיין מיט׳ן נאמען „קאמיון רעוואלוסיאנער״ צום אנדענקען פון דעם פוילישען אויפשטאנד און וואס איז אויך אד־רעסירט געווארען צו דעם פוילישען רעוואלוציאנער דאמ־בראווסקי, וועלכער איז בעריהמט געווארען אלס גענעראל פון דער פאריזער קאמונע — האט דער אויבענדערמאנטער פייער־דיגער רעוואלוציאנער פעליקס פיא פארגעלעזען אן אפענעם בריעף צו דער ענגלישער קעניגין וויקטאריא, וואס ער האט אנגע־שריבען אין פראנצויזיש געגען דעם דאמאלסדיגען פערבאנד פון דער ענגלישער רעגירונג מיט נאפאלעאן דעם דריטען. דיזער בריעף, וואס איז אנגעשריבען געווארען אין א זעהר שארפער רע־וואלוציאנערער שפראך, איז צוערשט אבגעדרוקט געווארען אין וויקטאר הוגא׳ס בלאט „ל׳אם (מענש)״, וואס פלעגט דאן ערשיי־נען אויף דעם אינזעל דזשוירסי, וואו דער ערהאבענער פאעט האט זיך בעזעצט, ווען ער האט געמוזט אנטלויפען פון פראנקרייך נאך נאפאלעאנ׳ס „קו ד׳עטא (שטאאטס־שטרייך)״. קיינער אין ענג־לאנד, קען זיין, וואלט זיך גארניט געקימערט וועגען דיזען בריעף, ווען די לאנדאנער „טיימז״ וואלט ניט געצויגען דערויף די אויפ־מערקזאמקייט פון די רעאקציאנערען. מען האט דאן אנגעפאנגען צו העצען געגען די פראנצויזישע רעוואלוציאנערען אין ענגלאנד און מען האט אויך אבגעהאלטען פראטעסט־מיטינגען געגען דעם פערפאסער און די פערשפרייטער פון דעם דאזיגען בריעף. און אויף דעם אינזעל דזשוירסי איז עס געקומען אזוי ווייט, אז די אויפ־גערעגטע שפיסבירגער זיינען בעפאלען און האבען צושטערט די רעדאקציאן פון „ל׳אם״ און אז דער גובערנאטאר דארטען האט גע־הייסען ארויסשיקען דריי פראנצויזען, וועלכע זיינען געווען פער־בונדען מיט דיזען בלאט. און וויקטאר הוגא האט צוליעב דעם געמוזט אריבערציהען זיך אויף דעם אינזעל גערנסי. איינער א פוי־לישער רעוואלוציאנער, וועלכער האט ארויסגעגעבען אין לאנדאן

פעליקס פּיאַ'ס בריעף אין א בראַשורע, איז דערפאַר פערהאַפטעט געוואָרען.

עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט אַנגעמאַכט אַ רושם ניט נור אין ענגלאַנד, זאָנדערן אויך אין אנדערע לענדער, ספּעציעל אין פראַנקרייך, וואו מען האָט עס, נאַטירליך, געזוכט אויסצונוצען געגען נאַפּאָלעאָנ'ס רעגירונג. די ראַדיקאַלע און אויך די ליבעראַלע ענגלישע פּרעסע האָט אָבער שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דיזע שענדליכע האַנדלונגען פון דער ענגלישער רעגירונג. אויך זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין לאָנדאָן פּראָטעסט־מיטינגען געגען דיזע פּאָליטישע פערפאָלגונגען, און א דעפּוטאַציע פון ענגלישע ראַדיקאַלען און רעפאָרמערס איז געשיקט געוואָרען מיט א בעגריסונגס־אַדרעס צו וויקטאָר הוגאָ.

עס פערשטעהט זיך אויך, אַז דאָס אַלעס האָט צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן, וועלכע איז אויפגעבוים געוואָרען אין לאָנדאָן אין 1864 און וועלכע האָט טאַקע אויפגערודערט א וועלט, ווי מיר וועלען עס באַלד זעהן.

קאפיטעל 14.

די גרינדער פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן.

אין 1863, דעם נעכסטען יאהר נאך דער „פעסטליכקייט פון פערברידערונג", וועלכע איז בעשריבען געווארען אין פאריגען קאפיטעל, האבען זיך פערטרעטער פון פראנצויזישע און ענגלישע ארבייטער ווידער צוזאמענגעטראפען אין לאנדאן. די פראנצויזישע אנפיהרער, מייסטענס פרודאניסטען, האבען זיך דערביי בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואס אין פראנקרייך און אין ענגלאנד האט מען אבגעהאלטען פערזאמלונגען און ארגאנזשירט מאניפעסטאציעס צו גונסטען פון פוילען. עס איז איבעריג צו זאגען, אז אלע פרייהייטס־קעמפפער אין וועסט־אייראפא, בעזאנדערס טאקע אין פראנקרייך און אין ענגלאנד, האבען שטארק סימפאטיזירט מיט די פאליאקען, וועלכע האבען אין 1863 געמאכט נאך א פערצווייפעלטען פערזוך אראפצושלייდערען פון זיך דעם רוסישען יאך און צו געווינען צוריק זייער נאציאנאלע אונאבהענגיגקייט.

די אגיטאציע צו גונסטען פון פוילען'ס פאליטישע אויפלעבונג האט איבערהויפט זעהר פיעל מיטגעווירקט צו דער נעהענטערער פערבינדונג צווישען ענגלישע און פראנצויזישע ארבייטער, ווי דאס צייגען די בעריכטען פון די פערזאמלונגען, וועלכע זיינען דאן אבגעהאלטען געווארען אין לאנדאן. דאס האט אויך געפיהרט צו דער גרינדונג פון א פערבאנד אין די אינטערעסען פון די פעלקער געגען די קעניגע און די רעאקציאנערע רעגירונגען, ווי דאס איז שוין אנגעוויזען געווארען אין פאריגען קאפיטעל.

אין יולי 1863 זיינען עטליכע פראַנצויזישע דעלעגאַטען, אונ־טער דער לייטונג פון דעם שוין פריהער דערמאַנטען ארבייטער טאָלען, געקומען אין לאָנדאָן מיט אַ בעגריסונגס־אַדרעס צו די ענגלישע אַרבייטער. מען האָט דאָן ווידער צוזאַמענגערופען אַ מיטינג אין סען דזשעימ׳ס האָל, אום צו פּראָטעסטירען געגען די צאַרסקע רעגירונג און אויסדריקען סימפּאַטיע צום פּוילישען פאָלק, ווי אויך אויפצופאָדערען די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנק־רייך זיך אַנצונעהמען פאַר פּוילען.

אויף דיעזער פערזאַמלונג האָט עס טאָלען ערקלערט זיין פּלאַן אָדער, ריכטיגער, אידעע וועגען אַן אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער געזעלשאַפט, און דאָס איז אָנגענומען געוואָרען פון אַנדערע דע־לעגאַטען אין פּרינציפּ. און דאָס איז טאַקע געווען דער ערשטער פּראַקטישער שריט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָ־ציאַציאָן, וועלכע איז פון די זעלבע פראַנצויזישע און ענגלישע אַרבייטער פערטרעטער געגרינדעט געוואָרען מיט אונגעפעהר 18 מאָנאַט שפּעטער אויף אַ פערזאַמלונג אין סען מאַרטינ׳ס האָל אין לאָנדאָן, נעמליך: דעם 28טען סעפּטעמבער 1864.

אויך דיזע היסטאָרישע פערזאַמלונג איז צוזאַמענגערופען גע־וואָרען צוליעב דעם פּוילישען אויפשטאַנד, נור טאָלען, לימוזען און אַנדערע פראַנצויזישע אַרבייטער, וועלכע האָבען געשפּיעלט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין דעם שטייגענדען קאַמפּף געגען נאַפּאָ־לעאָנ׳ס רעגירונג בכלל און אין דעם ניי־אויפגעקומענעם טרייד־יוניאָניסטישען קאַמפּף בפרט, זיינען שוין דיזעס מאָל געקומען נאָך לאָנדאָן מיט אַ פּראָיעקט וועגען אַ. ש ט ע נ ד י ג ע ן פ ע ר־ב אַ נ ד צווישען אַרבייטער פון פערשיעדענע לענדער, ווע׳ניגסטענס פאַר קאָרעספּאָנדענץ, אינפאָרמאַציאָן און געגענזייטיגע שטיצע איבערהויפּט.

פון די פערבליבענע מאָגערע בעריכטען איבער דיזער פער־זאַמלונג ווייס מען, אַז אויך אַ דייטשער כאָר האָט דאָרטען געזונ־גען לידער. איינער פון די ענגלישע טרייד־יוניאָניסטישע אָנפיה־רער מיט׳ן נאָמען אָדזשער (אַ שוסטער), וועלכער האָט געשפּיעלט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע ביי דער גרינדונג און אויך אויף די ערשטע

קאנגרעסען פון „אינטערנאציאנאל“, האט פארגעלעזען אן אדרעס אין נאמען פון די ענגלישע ארבייטער, און טאלען האט פארגע־לעזען דעם ענטפער פון די פראנצויזישע ארבייטער.

איך וועל דא ברענגען אייניגע אויסציגע פון דיזען ענטפער, ווי דאס איז פערציכענט אין דער געשיכטע פון סאציאליזם אונ־טער דער רעדאקציע פון זשאן זשאָרעס *:

„ארבייטער פון אלע לענדער וואס ווילען זיין פריי!

„עס קומט די צייט אויך פאר אייך צו האבען א קאנגרעס. דאס פאלק טרעט ארויס ענדליך אויף דער סצענע, האבענדיג דעם בעוואוסטזיין פון זיין קראפט און אויפהויבענדיג דעם קאפ געגען טיראנייי אין דער פאליטישער וועלט, געגען מאָנאָפּאָל און פּריווילעגיעס אין דער עקאנאמי־שער וועלט... ארבייט איז דער געזעץ פון דער מענשהייט, דער קוואל פון רייכטהום, דער פונדאמענט פון אינדיווידועלע אייגענ־טהום. ארבייט מוז זיין היילינ און פריי.“

געשלאסען האט טאלען מיט פאלגענדע ווערטער:

„מיר דארפען זיך פערבינדען, ארבייטער פון אלע לענדער, אום צוזאמען צו קעמפפען געגען אן אונגליק־ברענגענדע סיסטעם, וואס צוטהיילט די מענשהייט איז צוויי קלאסען: אן אונוויסענדע און אונטערדריקטע מאסע און א הייפעלע רייכע הער־שער. לאמיר זיך רעטען דורך סאלידאריטעט!“

אין דיזען ענטפער זיינען געוועזן אויסגעדריקט די געדאנקען און שטרעבונגען, וואס די אויפגעקלעהרטע רעוואלוציאנערע און קלאַסענבעוואוסטע פארשטעהער פון פראנצויזישען פראלע־טאריאט (מייסטענס פרודאניסטען), האבען ארויסגעזאגט אין דעם בעריהמטען „מאניפעסט פון די 60“ צו דער צייט פון די דאמאלס־דיגע פארלאמענטארישע וואהלען אין פראנקרייך. מיט דעם דא־זיגען מאניפעסט, וועלכער איז ערשינען אין פעברואר 1864, פאנגט זיך אן, מעג מען זאגען, א נייער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון

*) Histoire Socialiste, Tome X. Second Empire (1852—1870), p. 241 etc.

דעם פּראָלעטאַריאַט ניט נור פון פראַנקרייך, זאָנדערן אויך פון דער גאַנצער וועלט, ווייל דאָס איז אייגענטליך געווען דער ערשטער קלאָר אויסגעשפּראָכענער אַרויסטרעט פון אַרבייטער אויך אַלס אַ בעזונדערע קלאַסענבעוואוסטע פּאָליטישע פּאַרטיי.

צווישען די אַרבייטער, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען דיזען וויכטיגען מאַניפעסט, האָבען זיך געפונען די פערטרעטער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע שולען אין פראַנקרייך, נור בעזאָנדערס זיינען דאָס געווען שילער און פערעהרער פון פּרודאָן. זיי האָבען זיך געווענדעט צום פאָלק אין נאָמען פון די אינטערעסען פון די אַרבייטער־מאַסען, אַט כמעט אַזוי און אין דעם זעלבען סאָציאַליסטישען גייסט, ווי דאָס טהוט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אונזערע יאָהרען.

אָבער די פראַנצויזישע אַרבייטער־מאַסען האָבען זיך זעהר שוואַך אָבגערופען אויף דיזען מאַניפעסט אַפילו אין פּאַריז. אַלע אַרבייטער־קאַנדידאַטען, דאַרונטער אויך טאָלען, זיינען דורכגעפאַלען. די צאָהל פון קלאַסענבעוואוסטע שטימען איז נאָך דאַן געווען זעהר קליין אַפילו אין די רעוואָלוציאָנערסטע קוואַרטאַלען פון פּאַריז, ווייל אויך די פאָרטגעשריטענסטע און אויפגעקלעהרטעסטע אַרבייטער האָבען נאָך ניט פערשטאַנען די גרויסע וויכטיגקייט פון אַ זעלבסטשטענדיגען פּאָליטישען קאַמפּף.

אָבער דער „מאַניפעסט פון די 60” האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג מיט זיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען, ווי אויך מיט אַזעלכע וויכטיגע פּראַקטישע פאָדערונגען פאַר'ן אַרבייטער־קלאַס, ווי די אָבשאַפונג פון אַלע געזעצען געגען אַרבייטער־פעראיינען, אַסאָציאַציאָנען, טרייד־יוניאָנס. און פערלאַנגענדיג אַ פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט פאַר די אמת'ע פערטרעטער פון אַרבייטער, האָבען די 60 אונטערשרייבער פון דיזען היסטאָרישען דאָקומענט ערקלערט: „אַלגעמיינע שטימרעכט האָט אונז געמאַכט גרויס פּאָליטיש, אָבער עס בלייבט אונז נאָך צו בעפרייען זיך סאָציאַל”.

און אַזוי בלייבט עס נאָך ליידער עד היום. טראָץ דעם אַלגעמיינעם שטימרעכט און טראָץ אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע זיעגען פון

סאָציאַליסטען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. פאַר דעם קעמפפענדען פּראָלעטאַריאַט בלייבט אַלץ אַ גאַנץ לאַנגער וועג ביז צו דער סאָציאַלער בעפרייאונג.

אין דער רעזאָלוציאָן, וועלכע איז פאַרגעלעזען געוואָרען פון אַן ענגלישער טרייד־יוניאָניסט מיט'ן נאָמען וואָהילער אויף דעם זעלבען מיטינג אין סען מאַרטינ'ס האָל, זיינען אויך אויסגעדריקט געוואָרען די אידעען און שטרעבונגען פון די פראַנצויזישע דעלעגאַטען. דיזע רעזאָלוציאָן לויטעט אַזוי:

„דיזער מיטינג, אויסהערענדיג דעם ענטפער פון אונזערע פראַנצויזישע ברידער און אויסדריקענדיג זיי נאָך אַמאָל אונזער ווילקאָמען, ערקלעהרט, אַז זייער פּראָגראַם צו פערבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער ווערט אָנגענומען אַלס גרונדשטיין פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן. דער מיטינג נאָמינירט אַ קאָמיטע מיט דער פאָלמאַכט אַנצושליסען אַנדערע מיטגלידער, אום אויסצואַרבייטען די סטאַטוטען פון אַזאַ אַסאָציאַציאָן“.

* * *

אַט אַזוי איז עס געגרינדעט געוואָרען די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן, מיט וועלכער עס האָט גענומען קלינגען אַ וועלט אין אַ פּאָר יאָהר אַרום. מען האָט טאַקע גלייך אויף דיזען מיטינג נאָמינירט אַ קאָמיטע פון 21 פּערזאָן. די מאַיאָריטעט איז בעשטאַנען פון ענגלישע און פראַנצויזישע טרייד־יוניאָניסטען. די אמת'ע אַנפיהרער, די טאָן־געבער, זיינען אָבער געווען איינינגע פראַנצויזישע דעלעגאַטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער פּרודאָנ'ס איינפלוס, צו וועמען זיי האָבען זיך אויך געווענדעט נאָך אַ ראַטה, ווי מען קען עס זעהן פון זיין בוך „די פּאָליטישע פעהיגקייט פון אַרבייטער־קלאַסען“, וואָס איז שוין ערשינען נאָך זיין טויט (אין 1865).

דיזער בוך איז מערקווירדיג אין פיעלע פּרטים. נור אין אַזעלכע איינצעלהייטען וועל איך זיך דאַ ניט אַריינלאָזען. איך וועל בלויז פאַרבייגעהענדיג בעמערקען, אַז דיזער פאַטער פון אַנאַרכיזם

איז ניט נור געווען בעגייסטערט פאַר דעם ניי־געשאַפענעם אינטער־נאַציאָנאַלען פערבאַנד, זאָנדערן ער האָט אויך געלעגט גרויס געוויכט אויף דער פּאָליטישער טהעטיגקייט פון פּראָלעטאַריאַט. אין איין אָרט פון דיזען בוך ערקלעהרט ער, אַז „עס איז ניט גענוג פאַר אַ פאָלק צו האָבען אַלגעמיינע שטימרעכט און צו וואָטירען, נאָר מען דאַרף אויך, אַז די מאַסען זאָלען פערשטעהן זייער לאַגע, זאָלען אויך זיין ציעלבעוואוסט, און זאָלען שטימען, וויסענדיג וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך“.

אויף אונזער היינטיגען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען לשון הייסט עס קורץ און שאַרף: דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין קלאַסענבעוואוסט.

אגב וועל איך בעמערקען, אַז מען דאַרף ניט צוזאַמענמישען פּרודאָנ'ס „אַנאַרכיע“ מיט דעם רעוואָלוציאָנערען „אַנאַרכיזם“ אין אונזערע יאָהרען. פּרודאָן האָט אַנגעווענדעט דעם וואָרט „אַנאַרכיע“ וואָס ער האָט געשאַפען און איינגעפיהרט אין געברויך אַלס דעם רעזולטאַט פון אַ פרייער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. אין איין אָרט דריקט ער זיך אויס אַזוי וועגען דעם: „אירגענד וועלכע פאָרם פון אַ רעגירונג פון מענשען איבער מענשען מיינט אונטערדריקונג. די העכסטע פּערפעקציאָן (פאָלקאָמענהיים) פון דער געזעלשאַפט וועט קומען דורך אַ פעראייניגונג פון אָרדנונג מיט אַנאַרכיע“. ער האָט געהאָפט און געלערנט, אַז דורך אַלץ וויי־טערען פּראָגרעס וועלען מענשען גאָר ניט נויטיגען זיך אין אַ רעגירונג, זאָ דאָס אַנאַרכיע וועט שוין ממילא איינגעפיהרט ווערען.

דאַרום האָט ער, נאַטירליך, סימפּאַטיזירט מיט אַלעם, וואָס עס האָט נור געקענט, נאָך זיין מיינונג, העלפען עקאָנאָמיש און ענטוויקלען גייסטיג די אַרבייטער־מאַסען, זאָ דאָס זיין אַנאַרכישער אידעאַל זאָל טאַקע אַמאָל קענען פערווירקליכט ווערען.

נור לאָמיר זיך צוריקקעהרען צום מיטינג, וואו דער „אינטער־נאַציאָנאַל“ איז געגרינדעט געוואָרען. אויסער פערטרעטער פון

פראנצויזישע ארבייטער האבען דארטען אויך פארגעלעזען אדרע־סען עקאריוס (א שניידער) אין נאמען פון די דייטשע קאמוניסטען און מאיאר וואלף, מאציני'ס סעקרעטער. (אפנים דארום האט מען עס א געוויסע צייט פערשפרייט קלאנגען, אז מאציני איז געווען דער גרינדער פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאסיאציאן) אין נאמען פון איטאליענישען פאלק.

אויף דער ליסטע פון די 21 פערזאן, וועלכע זיינען אויף דיזען מיטינג אויסגעקליבען געווארען צו פערפאסען די סטאטוטען פון דעם אינטערנאציאנאלען פערבאנד, איז גאר צולעצט געשטאנען דער נאמען פון איינעם, וועלכער איז נאכהער געווארען זיין גרעסטער גייסטיגער פיהרער. אויב דער לעזער שטויסט זיך אליין נים אן, ווער דאס איז געווען, וועלען מיר איהם אונטערזאגען, אז דאס איז געווען דער פערפאסער פון „קאפיטאל", קארל מארקס. דארטען איז געשטאנען קורץ: „דר. מארקס".

פון א בריעף, וואס מארקס האט געשריבען צו ענגעלס'ן עט־ליכע וואכען נאך דיזען היסטארישען מיטינג אין סענט מארטינ'ס האל (נעמליך: דעם 4טען נאוועמבער 1864 *), ווערען מיר גע־וואהר, ווי אזוי ער איז דאן צוגעטראטען צום „אינטערנאציאנאל".

ער דערצעהלט דארטען, אז מיט עטליכע וואכען פריהער האבען די לאנדאנער ארבייטער געשיקט אן אדרעס צו די פראנצויזישע אר־בייטער וועגען די דאמאלס ברענענדיגע פוילישע פראגע און האבען זיי אויפגעפאדערט צו געמיינשאפטליכער האנדלונג אין די אינטע־רעסען פון פוילישען פאלק. אלס אנטווארט דערויף האבען די פא־ריזער ארבייטער געשיקט א דעפוטאציע נאך לאנדאן מיט טאלען'ען אן דער שפיצע. דערביי זאגט קארל מארקס ארויס א גוטע מיינונג וועגען טאלען'ען און ער זעצט צו, אז טאלען איז געווען דער אר־בייטער־קאנדידאט אין פאריז ביי די פארלאמענטארישע וואהלען פון פראנקרייך אין יענעם יאהר.

נאכהער שילדערט ער, ווער עס האט אייגענטליך ארגאניזירט

*) Briefwechsel, herausgegeben von A. Bebel und Ed. Bernstein, Vol. III.

דעם מיטינג אין סט. מאַרטינ׳ס האָל. און גיט איבער, אַז ל ע ל י ו ב ע (איינער פון די פראַנצויזישע פערטרעטער) איז געשיקט געוואָרען צו איהם מיט אַ פראַגע, אויב ער וועט אָננעהמען צו פערטרעטען דייטשלאַנד אַלס אַ דייטשער רעדנער. נור ער האָט אויף זיין פּלאַץ געשיקט עקאַריוס׳ן (דיזער דייטשער אַרבייטער איז געוואָרען מאַרקס׳עס רעכטע האַנד אויף די קאָנגרעסען). וועגען די ענגלישע פערטרעטער בעמערקט מאַרקס, אַז זיי זיינען טהיילווייז געווען אַלטע טשאַרטיסטען און אַלטע אָוועניסטען.

פון דיזען בריעף איז ניט קלאָר, אויב ער האָט ווירקליך אַליין בייגעוואָהנט דיזען מיטינג, וועלכער האָט שטאַטגעפונען אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם בעוואוסטען פּאָזיטיוויסט און פּראָפעסאָר ביזלי.

ד ז ש ע מ ס ג י ל י א ם, וועלכער איז געווען איינער פון די טהעטיגסטע דעלעגאַטען אויף אַלע קאָנגרעסען פון „אינטער־נאַציאָנאַל” און וועלכער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען צוזאַמען מיט באַקונינ׳ען אויף דעם האַאַגער קאָנגרעס, וועגען וואָס עס וועט שפּעטער זיין די רעדע, ערקלעהרט אויסדריקליך, אַז קאַרל מאַרקס איז גאָרניט אַנוועזענד געווען אויף דעם היסטאָרישען מיטינג אין סט. מאַרטין׳ס האָל *). נור דאָס זיינען קלייניגקייטען. יעדענ־פאַלס איז עס זיכער, אַז ווען קאַרל מאַרקס וואָלט זיך דאַמאַלס ניט געפונען אין לאָנדאָן, וואָלט ער גאָר קיין שייכות ניט געהאַט מיט דיזען מיטינג.

פאַר איין גאַנג וועלען מיר דאָ שוין איבערגעבען, אַז אין דעם זעלבען בריעף דערצעהלט קאַרל מאַרקס, דאָס ער האָט זיך ווידער געזעהן מיט באַקונינ׳ען, וועלכער איז איהם גראָדע דאַן געפעלען געוואָרען בעסער, ווי מיט 16 יאָהר פריהער, ווען זיי האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין דייטשלאַנד....

אין אָנפאַנג האָט קאַרל מאַרקס גופא װעניג וואָס געהאַלטען פון דיזער פראָבע צו גרינדען אַ אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער פער־

*) L'Internationale : Documents et Souvenirs, par James Guillaume. Paris, 1905.

באַנד, ווי דאָס איז צו שליסען פון זיינע קריטישע בעמערקונגען אין זיינע בריעף. און וואָס אַנבעלאַנגט פרידריך ענגעלס, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין מאַנטשעסטער, דערצעהלט פ א ו ל ל אַ פ אַ ר ג (קאַרל מאַרקס'עס אַן איידעם און איינער פון די ערשטע און פעהיגסטע מאַרקסיסטען אין פראַנקרייך) אין זיינע פערזענליכע עראינערונגען, אַז ער (ענגעלס) האָט זיך בעצויגען צימליך סקעפּטיש צום „אינטערנאַציאָנאַל" און וואָלט זיך גאַרניט אינטערעסירט דערמיט, ווען מאַרקס וואָלט ניט געוואָרען אַ מיטגליעד פון דעם גענעראַל ראַטה.

אין אַ בריעף צו מאַרקס'ן האָט ענגעלס פּראָפעציי'העט, אַז „די נייע אַסאָציאַציאָן (דער אינטערנאַציאָנאַל) וועט זיך צושפּאַלטען אין די טהעאָרעטיש-בירגערליכע און טהעאָרעטיש-פּראָלעטאַרישע עלעמענטען, ווען די פראַגען וועלען נור קלאָרער ווערען". גליקליכערווייזע איז דיזע נבואה ניט מקוים געוואָרען, און שפּעטער האָט ענגעלס אויך פינאַנציעל אונטערשטיצט דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די שפּאַלטונג איז גאָר געשעהן דורך טיעפע מיינונגס-פערשידענהייטען אין די רייהען פון די „טהעאָרעטיש-פּראָלעטאַרישע עלעמענטען", ווי דאָס וועט ווייטער ערקלעהרט ווערען.

קאַפּיטעל 15.

די פּרינציפּען־ערקלערונג און די סטאַטוטען פון „אינטערנאַציאָנאַל“.

עס קען זיין, אַז די קאַפּיטאַליסטען און די וועלט בכלל, פון וואַס פאַר פעלקער און קלאַסען זי זאָל ניט זיין צוזאַמענגעשטעלט, וואָלטען זיך אַלץ אַזוי ווייניג אינטערעסירט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן נאָך איהרע ערשטע קאָנגרעסען, ווי צו דער צייט פון איהר גרינדונג, אויב גרויסע סטרייקס פון איין זייט און די פּאָליטישע אַגיטאַציעס און פּראָצעסען פון דער אַנדער זייט אין פראַנקרייך וואָלטען ניט געצויגען אויף איהר די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט.

דער פּאָליטישער קאַמפּף געגען דער נאַפּאָלעאָנישער רעגירונג איז צוזאַמענגעפלאָכטען געוואָרען מיט דער געשיכטע פון „אינטערנאַציאָנאַל“. די ליבעראַלען, וועלכע האָבען זיך פערבונדען צו ברעכען די נאַפּאָלעאָנישע אימפּעריע, האָבען, נאַטירליך, געזוכט די שטיצע פון די רעוואָלוציאָנערע און איבערהויפּט אויפגעקלעהרטע אַרבייטער. די באָנאַפּאַרטיסטען, ווי מען האָט געוועהנליך גערופען די אַנהענגער פון דער נאַפּאָלעאָנישער אימפּעריע, האָבען דאַרום אויך אָנגעפאַנגען צו חנפ'ענען זיך צו די אַרבייטער און געזוכט אַריבערצוציהען אויף זייער זייט די אַרבייטער־פיהרער דורך נייע געזעצען צו גונסטען פון סינדיקאַטען אָדער טרייד־יוניאָנס און דורך פערשפּרעכונגען דורכצופיהרען אין פּאַרלאַמענט פערשידענע רעפאָרמען, ווי דאָס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל.

נור די אַרבייטער, וועלכע זיינען אויפגעקלעהרט געוואָרען דורך די סאָציאַליסטישע לעהרען און דורך דעם סאָציאַלען קאַמפּף זייט די שרעקליכע „יוני־טעג“ אין 1848, (דאָס איז שוין בעשריבען

געווארען אין 12טען קאפיטעל), האבען זיך ניט געלאזט אראבפיהרען פון זייער פראלעטארישען וועג און האבען שוין געשטרעבט צו שאפען אן איינענע פארטיי. דאס האבען דיזע ארבייטער צוערשט ארויסגעצייגט אין דעם „מאניפעסט פון 60", צו דער צייט פון די פארלאמענטארישע וואהלען אין אנפאנג פון 1864, ווי דער לעזער געדענקט עס פון פאריגען קאפיטעל. אזעלכע ארבייטער־פיהרער, ווי טאלען, לימוזען, קאמעלינא,ווארלען, א. ז. וו., וועלכע האבען אונטערגעשריבען דיזען מאניפעסט און האבען צוערשט געגרינדעט און נאכהער געהאלפען פערשפרייטען און פערשטארקען דעם „אינטערנאציאנאל", האבען זיך ענטזאגט נאכצושלעפען זיך נאך די בורזשואזע ראדיקאלען און רעפובליקאנער און האבען זיך מיט צארן און האס אבגעטרייסעלט פון אירגענד וועלכע פערבינדונג מיט די באנאפארטיסטען.

ווען די נאפאלעאנישע רעגירונג האט דערזעהן, אז מיט קיינע חניפות און צוזאגונגען קען זי שוין ניט קארומפירען און פערפיהרען דיזע ארבייטער־פיהרער, וועלכע האבען אויך געקראגען דעם נאמען „אינטערנאציאנאליסטען", האט זי אנגעפאנגען צו זוכען מיטעל, ווי אזוי צו מאכען א סוף פון זיי און פון זייערע סעקציעס און אנדערע ארגאניזאציאנען. זי האט אנגעשטעלט שפיאנען, וועלכע האבען נאכגעפאלגט יעדען שריט פון די „אינטערנאציאנאליסטען" און געזוכט בעווייזע פאר א פראצעס געגען דעם גאנצען פערבאנד. דורך איהרע שפיאנען האט די רעגירונג אויך געזוכט צו דיסקרעדיטירען די מעהר בעקאנטע אנפיהרער פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן אין די אויגען פון די פאריזער ארבייטער, פערשפרייטענדיג קלאנגען, אז טאלען און אנדערע זיינען גאר אגענטען פון פרעמדע רעגירונגען.

דער ערשטער קאנגרעס פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן האט געקענט שטאטפינדען ערשט אין צוויי יאהר נאך איהר גרינדונג, און דאס אויך מיט גאנץ ווענינ קרעפטען. דער בעשלוס פון דעם צענטראל־קאמיטעט אדער גענעראל־ראטה, וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון פערטרעטער פון איינינע נאציאנען, ספעציעל פון ענגלענדער און פראנצויזען, נאך דעם מיטינג

אין סען־מארטין'ס האָל, ווי איבערגעגעבען אין פאַריגען קאַפּי־טעל, — דער בעשלוס אָבצוהאַלטען אַ קאָנגרעס אין 1865 האָט ניט געקענט אויסגעפיהרט ווערען פּשוט צוליעב מאַנגעל אין מיטעל.

עס איז בעשטימט געוואָרען, אַז אַ מיטגליעד פון „אינטער־נאַציאָנאַל" האָט צו צאָהלען אַ פראַנק און 25 סאַנטים (אונגעפעהר אַ שילינג, אָדער 25 סענט) אַ יאָהר, אָבער עס זיינען געווען גאַנץ וועניג צאָהלערס אפילו אין פראַנקרייך, וואו דער ניי־געשאַפענער פערבאַנד האָט געפונען דעם שטאַרקסטען באָדען און די גרעסטע צאָהל אַנהענגער.

מען האָט זיך דאַרום געמוזט בענוגענען מיט אַ קאָנפע־רענץ, וועלכע איז אָבגעהאַלטען געוואָרען דעם 28טען סעפּ־טעמבער 1865, אין דעם טהעאַטער אַדעלפי טעראַס אין לאָנדאָן. צו דיזען ערשטען יאָהרעספעסט פון „אינטערנאַציאָנאַל" זיינען ווידער געקומען אייניגע פראַנצויזישע דעלעגאַטען — אַלץ דיזעלבע, וועלכע האָבען אַנטהייל גענומען אין די ערשטע מיטינגען און אין אַלע אונטערהאַנדלונגען צווישען די ענגלישע און פראַנצויזישע אַרבייטער וועגען די גרינדונג פון אַן אַלוועלטליכען אַרבייטער־פערבאַנד.

צווישען די פּונקטען, וועלכע זיינען פערהאַנדעלט געוואָרען אויף דיזער קאָנפערענץ, איז בעזאָנדערס אינטערעסאַנט דער דאָ־זיגער, אויב מען זאָל צולאָזען אַלס מיטגלידער, און ספּעציעל אַלס דעלעגאַטען, אויך ניט־אַרבייטער, אָדער איבערהויפּט אינטעליגענטען, וועלכע שטאַמען פון דער בורזשואַזיע. טאָלען און אַנדערע פראַנצויזישע אַרבייטער־דעלעגאַטען האָבען געוואָלט אויספיהרען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָ־ציאַציאָן זאָל טאַקע בעשטעהן אויסשליסליך פון בעלי־מלאכות, פון האַנד־אַרבייטער, און זאָל אַזוי פערצאַמען גלייך אין אַנפאַנג דעם וועג פאַר מיטגליעדער פון אַנדערע קלאַ־סען, אפילו פאַר אַזעלכע אינטעליגענטע קרעפטע, ווי קאַרל מאַרקס גופא, און דאָס בלויז דערפאַר, ווייל זיי שטאַמען פון מיטעל־קלאַס און קענען קיין האַנדווערק ניט, אויסער שרייבען, נאַטירליך. מען איז אָבער דאָ ניט געקומען צו אַ פערשטענדיגונג וועגען

דיזען פונקט, אין וועלכע עס האט זיך אויסגעדריקט א געוויסער מ י ס ט ר ו י ע ן פון פאר־ארבייטער און געוועהנליכע טרייד־יוניאניסטען צו די אינטעליגענטען, וועלכע ווערען, נאטירליך, די אנפיהרער צוליעב זייערע ג י י ס ט י ג ע פ ע ה י ג ק י י ט ע ן א ו ן ק ע נ ט נ י ס ע; און מען האט עס איבערגעלאזען צו דער ענטשיידונג פון די סעקציעס גופא. נור אפילו די פאריזער סעק־ציעס האבען אויפגענומען אלס מיטגליעדער אויך זשורנאליסטען און אנדערע אינטעליגענטען.

דער ערשטער סעקרעטער פון דער ערשטער פאריזער סעקציע, וועלכע איז געוועזן די גרעסטע, שטארקסטע און אויך ראדיקאלסטע פון „אינטערנאציאנאל“, וועניגסטענס די ערשטע פאר יאהר, איז געוועזן ט א ל ע ן. און ווי ארים זי איז געוועזן, קען מען שליסען דערפון, וואס זי האט ניט געהאט צו צאהלען רענט פאר איהר קלעגליכען אפיס און אפילו ניט צו דרוקען די סטאטוטען און צירקולארען. דער דאזיגער אפיס איז בעשטאנען אין 1865 פון א צימערל מיט א טיש פון ווייסע האלץ און מיט 4 טאבורעטען. בעהייצט איז ער געוועזן פון א צובראכענע אייזערנע אייוועלע, וואס טאלען האט ערגעץ געקראגען. אבער ניט פיעל „רייכער“ האבען אויסגעזעהן די אפיסעס פון די פאריזער סעקציעס און סאציאליס־טישע פארטייען אויך אין שפעטערע יאהרען *).

* * *

*) איך קען עדות זאגען, דאס אין 1900, ווען איך בין געקומען צו דער וועלט־אויסשטעלונג אין פאריז, איז מיר אויך אויסגעקומען צו בעזוכען (אלס איינער פון די דעלעגאטען פון דער סאציאליסטישער פארטיי פון אמעריקא צום דאמאלסדיגען אינטערנאציאנאלען סאציאליס־טישען קאנגרעס), דעם אפיס פון דער „פארטי אואווריע (ארבייטער פאר־טיי)“, ווי די סאציאל־דעמאקראטען מיט זייערע פיהרער זשול געד און פאל לאפארג האבען זיך גערופען, האב איך געפונען, צו מיין גרוי־סער ערשטוינונג, אז דאס איז געוועזן עפעס א געוועזענע קרעמעל אין א זייטיגער גאס און בלויז מיט א טיר, אבער א ה ן ש ו ם פ ע נ ס־ ט ע ר. אינעווייניג איז געשטאנען א גרויסער טיש מיט אנגעווארפענע פאפיערען און ארום הילצערנע בענקלעך, און ליכט האט מען בעקומען בלויז דורך די אפענע טיהר. אזוי ווי עס איז געוועזן זומער, האט עס ניט פיעל אויסגעמאכט, נור האלב־דונקעל איז דארט געוועזן אפילו אין די העלסטע טעג. פונדעסטוועגען האט עס גארניט געשטערט דיזער פארטיי צו שפיעלען א גרויסע פאליטישע ראלע אין פראנקרייך.

עס האָט אַזוי גענומען אַרום דריי יאָהר, ביז די אידעע פון עטליכע פּאַריזער רעוואָלוציאָנערען און פּראָלעטאַריער צו שאַפען אַן אַלוועלטליכען פערבאַנד פון אַרבייטער איז טאַקע פערווירקליכט געוואָרען פון אַרבייטער גופא, נעמליך פון איינגע פיהרער פון ענגלישע און פראַנצויזישע טרייד־יוניאָנס.

די ערשטע אסיפה פון דעם גענעראַל־ראַטה פון „אינטערנאַציאָנאַל“ איז פאָרגעקומען אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם היסטאָרישען מיטינג אין סט. מאַרטינ'ס האָל. די מיטגליעדער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אום אויסצואַרבייטען די סטאַטוטען און בעזאָנדערס אום אַרויסצולאָזען אַן ערקלערונג צו דער וועלט וועגען די ציעלען און אויפגאַבען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייטער.

ווי אַזוי דאָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען, ווערען מיר אויך געוואָהר פון אַ בריעף פון קאַרל מאַרקס צו ענגעלס'ען. צוליעב קראַנקהייט האָט מאַרקס ניט געקענט זיין אויף די ערשטע זיצונגען פון גענעראַל־ראַטה, ווען לע ליובע, איינער פון די פראַנצויזישע פערטרעטער, איז בעאויפטראָגט געוואָרען אָנצושרייבען די פּרינציפּען־ערקלעהרונג און דער פּוילישער איד וואָלף, וועלכער האָט פערטראָטען די איטאַליענער, אָדער, ריכטיגער גערעדט, מאַזיני'ס פּאַרטיי, האָט אָנגענומען אויסצואַרבייטען די סטאַטוטען. דער אַלטער אָועניסט וועסטאָן האָט דאָן אויך פערפאַסט אַ פּראָגראַם פון דעם ניי־געשאַפענעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער־פערבאַנד.

ערשט אויף אַ מיטינג פון אַ סוב־קאָמיטעט פון גענעראַל־ראַטה, דעם 20טען אָקטאָבער 1864, האָט קאַרל מאַרקס בעקראָגען אין זיינע הענד די דאָזיגע דריי מאַנוסקריפּטען. זייער אינהאַלט איז איהם גאָרניט געפעלען געוואָרען, און עס איז שליסליך געבליבען, אַז ער זאָל דאָס רעדאַקטירען. ער האָט זיך דאָן בענוצט, ווי ער דערצעהלט עס אַליין, מיט דער געלעגענהייט ראַדיקאַל צו ענדערן די פריהער־אָנגענומענע פּרינציפּען־ערקלעהרונג, אַרויסצוואַרפען גאַנצע זאַצען און צוזעצען זיינע אייגענע, און אַט אַזוי איז ער געוואָרען דער פערפאַסער פון דעם בעריהמטען מאַניפעסט פון

„אינטערנאַציאָנאַל“, וואָס איז אָנפאַנגס אָבגעדרוקט געוואָרען אין ענגליש אַלס „אַן אַדרעס צו די אַרבייטער קלאַסען“. דאָס טראָגט יעצט געוועהנליך דעם נאָמען „אינאַגוראַל אַדרעס“.

דעם דאָזיגען אַדרעס, אונטער וועלכען עס זיינען געווען אונטערגעשריבען דריי פערטרעטער פון ענגלישע טרייד־יוניאָנס, נעמליך: אָדזשער, קרעמער און ווהילער, צוזאַמען מיט די סטאַטוטען פון „אינטערנאַציאָנאַל“, האָט מען בעקומען אין פּאַריז דעם 5טען יאַנואַר 1865 און נאָכהער דאָס פערשפּרייט אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג.

און די פּרינציפּען־ערקלעהרונג, ווי זי איז רעדאַקטירט געוואָרען פון מאַרקס'ען און ווי זי איז נאָכהער אָנגענומען געוואָרען אויף דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין גענף (זשענעוואַ), שווייץ, אין 1866, לויטעט אַזוי:

„אין אָנבעטראַכט,

„אַז די בעפרייאונג פון די אַרבייטער דאַרף זיין דאָס ווערק פון די אַרבייטער אַליין, אַז די אָנשטרענגונגען פון די אַרבייטער צו ערלאַנגען זייער עמאַנסיפּאַציאָן דאַרפען ניט ציעלען איינצופיהרען נייע פּריווילעגיען, נור צו עטאַבלירען פאַר אַלעמען דיזעלבע רעכטע און דיזעלבע פליכטען;

„אַז די אונטערוואָרפענהייט פון אַרבייטער צום קאַפּיטאַל איז דער קוואַל פון יעדער פּאָליטישער, מאָראַלער און מאַטעריעלער שקלאַפעריי, אַז צוליעב דעם איז די עקאָנאָמישע בעפרייאונג פון די אַרבייטער דער גרויסער צוועק, צו וועלכען עס דאַרף זיין אונטערוואָרפען יעדע פּאָליטישע בעוועגונג;

„אַז אַלע אָנשטרענגונגען זיינען ביז יעצט דורכגעפאַלען צוליעב דעם מאַנגעל אין סאָלידאַריטעט צווישען די אַרבייטער פון פערשידענע פאַכען אין יעדען לאַנד בעזונדער און אין אַ ברידערליכען פערבאַנד צווישען די אַרבייטער פון פערשידענע לענדער;

„אַז די בעפרייאונג פון די אַרבייטער איז ניט בלויז אַ

לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע פּראָבלעם (אויפגאַבע), נור אַזעלכע וואס אינטערעסירט אַלע ציוויליזירטע נאַציאָנען, זאָ דאָס איהר לייזונג אָדער ענטשיידונג איז נויטווענדיגערוייזע אָבהענגיג פון זייער טהעאָרעטישער און פּראַקטישער מיטווירקונג;

„אַז די בעוועגונג, וועלכע ווערט אַנגעפיהרט צווישען די אַרבייטער פון די אינדוסטריעלסטע לענדער פון אייראָפּאַ און וועלכע רופט אַרויס נייע האָפנונגען, גיט אַ שטאַרקע וואָרנונג נים אַריינצופאַלען אין די אַלטע טעות'ן און צוגלייך אַ ראַטה צו פעראייניגען אַלע קרעפטען, וועלכע בלייבען נאָך אָבגעזונדערט —

„צוליעב דיזע גרינדע ערקלערט דער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציאָן, אַז דיזע אַסאָציאַציאָן, ווי אויך אַלע פעראיינען אָדער פּערזאָנען, וועלכע ווילען זיך אַנשליסען, אַנערקענען די וואַרהייט, די גערעכטיגקייט, די מאָראַל אַלס דעם פונדאַמענט פון זייערע בעציהונגען צו אַלע מענשען, אָהן שום אונטערשיעד פון פאַרב, גלויבען אָדער נאַציאָנאַליטעט.

„דער קאָנגרעס בעטראַכט עס אַלס זיין פליכט צו פאָדערען די רעכטע פון מענש און בירגער נים בלויז פאַר די מיטגליעדער פון דער אַסאָציאַציאָן, זאָנדערן אויך פאַר יעדען איינעם, וואס ערפילט זיינע פליכטען.

„קיינע רעכטע אָהן פליכטען, קיינע פליכטען אָהן רעכטען!“

* * *

נאָך דיזער, מעג מען זאָגען „ערקלעהרונג פון אונאָבהענגיגקייט פון פּראָלעטאַריאַט“, האָבען געפאָלגט די פונקטען פון די סטאַטוטען. ווער עס האָט נור אַנערקענט דיזע פּרינציפּען, האָט געקענט ווערען אַ מיטגליעד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן, וועלכע איז צוטהיילט געוועזן אין סעקציאָנען. די סעקציאָנען פון אַ לאַנד אָדער פון אַ פּראָווינץ פלעגען בילדען

א פעדעראַציאָן נאָך זייער וואונש. די אָרגאַניזאַציאָן איז אַזוי געוועזן אַ פ ע ד ע ר אַ ט י װ ע, אַבוואָהל עס האָט עקזיסטירט אין לאָנדאָן אַ צענטראַל־קאָמיטעט.

יעדער מיטגליעדער האָט געהאַט די פרייהייט צו געהערען צו איר־גענד וועלכער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר ש ו ל ע. קאָ־מוניסטען, קאָלעקטיוויסטען, מוטואַליסטען (פּרודאָניסטען), אַנאַר־כיסטען, א. אַז. וו., ווי אויך איינפאַכע טרייד־יוניאָניסטען, האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין די סעקציאָנען אַלס מיטגליעדער פון איין גרויסען אַלוועלטליכען אַרבייטער־פערבאַנד, אום מיט געמיינ־שאַפטליכע קרעפטען דורכצופיהרען די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּען און צו קעמפּפען צוזאַמען פאַר די אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט. אַלע צוזאַמען האָבען געזוכט מיטעל און וועגען, ווי אַזוי צו פערבעסערן די לאַגע פון אַרבייטער־קלאַס און צו שאַפען אַ געזעלשאַפט אויף די פונדאַמענטען פון אמת'ע פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערליכקייט.

די סעקציאָנען און פעדעראַציאָנען פלעגען אויסקלייבען דע־לעגאַטען צו די קאָנגרעסען, וועלכע מען האָט אַבגעהאַלטען יעהר־ליך זינט 1866 ביז דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג אין 1870. אויף דיעזע קאָנגרעסען פלעגט מען געבען רעפּאָרטען איבער דעם צושטאַנד פון די אַרבייטער און פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין די פערטראַטענע לענדער און דעבאַטירען איבער די פּראָגראַם־פּונקטען און איבער פערשידענע פּאָרשלעגע און אויך אויסוועהלען די מיטגליעדער פון גענעראַל־ראַטה, וואָס פלעגט האַלטען זיינע זיצונגען אין לאָנדאָן (אַלס דעם דאַמאַלדיגען זיכערסטען אָרט געגען פּאָליטישע פערפאָלגונגען), און בעשטימען דעם אָרט פאַר דעם נעכסטען צוזאַמענקומען.

די וויכטיגסטע אַרבייט פון דעם לאָנדאָנער גענעראַל־ראַטה איז געוועזן צו פיהרען די קאָרעספּאָנדענץ צווישען די סעקציאָנען און פעדעראַציאָנען פון פערשידענע לענדער דורך בעזונדערע סעק־רעטערע פאַר יעדער נאַציאָן. ער האָט אייגענטליך ניט געהאַט קיין שום מאַכט איבער די סעקציאָנען אויסער, נאַטירליך, די מאַכט פון מאָראַלען און גייסטיגען איינפלוס. די סעקציאָנען האָבען גע־

האָט פולע פרייהייט צו אַגיטירען און פּראָפּאַגאַנדירען, ווי זיי האָבען עס געוואונשען און פערשטאַנען אַם בעסטען, נאַטירליך, אין די גרעניצען פון דער אויבענדערמאַנטער פּרינציפּען־ערקלעהרונג. מען מעג זאָגען, אַז אין אַלגעמיין איז די אָרגאַניזאַציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“ געווען אַ ביישפּיעל פון אַזאַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע סאָציאַליסטען שטרעבען איינצופיהרען אין דער צוקונפט.

צווישען די 12 פּונקטען, וועלכע זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען צו באַטראַכטען אויף דעם ערשטען קאָנגרעס פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, איז איינער בעזאָנדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט פון פּראָטעסטען געגען די צאַרסקע טיראַניי און פון סימפּאַטיען צו פּוילען. דיזער פּונקט (דער 9טער) לויטעט אַזוי:

„איבער דער נויטווענדיגקייט צו פערניכטען דעם איינפלוס פון רוסלאַנד אין אייראָפּאַ דורך די אַנווענדונג פון דעם פּרינציפּ פון דעם רעכט פון פעלקער זיך אַליין צו פערוואַלטען, און איבער דער ווידער אויפבויאונג פון פּוילען אויף דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע פונדאַמענטען.“

וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף די קאָנגרעסען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ וועלען מיר בעטראַכטען אין די נעכסטע קאַפּיטלעך.

קאפיטעל 16.

דער ערשטער קאנגרעס פון „אינטערנאציאנאל" אין גענף.

די אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאציאציאן איז געווען אזוי ארים אין אנפאנג, אז די ערשטע צוואנציג טויזענד עקזעמפלארען פון איהרע סטאטוטען האט מען געקאנט אבדרוקען נור א דאנק א נדבה פון א רייכען פריינד, אבער זי איז וואונדערבאר שנעל געוואקסען נאך דעם ערשטען קאנגרעס אין 1866. ווי ווייט מען האט עס געקענט אויסרעכענען, איז די צאהל פון איהרע מיטגליעדער געשטיגען ביז דעם דייטש־פראנצויזישען קריעג אין 1780 אזוי:

אין 1866 — 10,000; אין 1867 — ארום 300,000; אין 1868 — ארום א מיליאן און אין 1869 — כמעט צוויי מיליאן.

אין דערזעלבער צייט האבען זיך די סאציאליסטישע אידעען און שטרעבונגען פון „אינטערנאציאנאל", ווי זיי זיינען אויסגעדריקט געווארען אין דער פרינציפען־ערקלעהרונג און אין די רעזאלוציאנען, אלץ שנעלער און ווייטער פערשפרייט געווארען צווישען די פראלעטאריער פון אינדוסטריעלע לענדער. די ארבייטער־מאסען האבען געלעגט אלץ גרעסערע האפנונגען אויף די ווירקונגען און אויפטהואונגען פון דיזען אלוועלטליכען פערבאנד, און די קאפיטאליסטען האבען דארום אנגעפאנגען אלץ מעהר זיך צו שרעקען פאר די עקזיסטענץ פון זייער גאנצער ארדנונג. עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאגען, אז קיין ארגאניזאציאן פון ארבייטער האט נאך ניט ארויפגעיאגט אזוי פיעל שרעק אויף דער בורזשואזיע און איז ניט געווען אזוי פערהאסט פון די קאפיטאליסטישע רעגירונגען און פאלק'ס־שונאים בכלל, ווי דיזע אינטערנאציאנאלע אסאציאציאן פון ארבייטער.

איינער פון די רעזולטאטען פון דיזען שרעק פון די הערשענדע קלאסען איז געווען, וואס אייניגע רעגירונגען האבען ניט נור גענומען פערפאלגען די מעהר אדער וועניגער בעוואוסטע אנפיהרער און טהעטיגערע מיטגליעדער פון „אינטערנאציאנאל“, זאנדערן האבען אויך דורכגעפיהרט ספעציעלע געזעצען געגען דעם גאנצען פערבאנד. בעזאנדערס האט מען פערפאלגט די סעקציאנען אין פראנקרייך און, אין שפאניען, ווייל דיזע צוויי ראמאנישע לענדער זיינען שנעל געווארען די גרעסטע און שטארקסטע פעסטונגען פון „אינטערנאציאנאל“. בעזאנדערס פעסט האט ער זיך איינגעווארצעלט אין פראנקרייך, ווי מיר האבען עס געזעהן אין די פאריגע קאפיטלעך.

נאר אפילו אין פאריז האט דער „אינטערנאציאנאל“ געצעהלט אין אנפאנג פון 1865, ווען עס איז ערעפענט געווארען א ביורא פון דער ערשטער סעקציאן מיט די ארבייטער־פיהרער טאלען, לימוזען און פריבורג אלס סעקרעטערע, בלויז א זעכציג טויזענד מיטגליעדער. דאס און אנדערע איינצעלהייטען וועגען די סעקציאנען פון „אינטערנאציאנאל“, בעזאנדערס פון די פראנצויזישע, ווייס מען מייסטענס פון די פערהאנדלונגען און עדות־זאגען אויף די דריי פראצעסען, וועלכע די נאפאלעאנישע רעגירונג האט אנגעפיהרט געגען די מיטגליעדער אויף פערשיעדענע קלאגען, ספעציעל אויף דער קלאגע פון פערשווערונג, אום אריינצושפארען אין געפענגנים די אנפיהרער. אט דיזע פראצעסען ליפערען עס א רייכען מאטעריאל פאר די געשיכטע פון „אינטערנאציאנאל“ אין די ערשטע פאאר יאהרען.

אויף דעם קאנגרעס אין גענף, אין 1866, האבען זיך געפונען סך־הכל 60 דעלעגאטען, און דאס אויך מייסטענס פראנצויזישע און שווייצערשע. פון דייטשלאנד גופא זיינען געקומען בלויז דריי דעלעגאטען, נעמליך, פון די סעקציאנען אין שטוטגארט, מאגדענבורג און קעלן. די עטליכע ענגלישע דעלעגאטען זיינען אייגענטליך געווען פערטרעטער פון גענעראל־ראטה אין לאנדאן, אבער ניט פון ענגלישע סעקציאנען און אפילו ניט פון ענגלישע טרייד־יוניאנס.

אַדזשער, קרעמער און אַנדער ענגלישע מיטגליעדער פון גענע־ראַל־ראַטה זיינען טאַקע געווען אַנערקענטע און איינפלוסרייכע פיהרער פון דער טרייד־יוניאָניסטישער בעוועגונג אין ענגלאַנד; אָבער זיי האָבען דערביי געהאַט אין אויג, אַלס פּראַקטישע ענגלענ־דער, ניט הויכע געזעלשאַפטליכע אידעאַלען און ניט אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע טהעאָריעס און שטרעבונגען, ווי די פראַנצויזישע מוטואַליסטען און קאָמוניסטען, זאָנדערן פּשוט אַ נייעם וועג צו פערשטאַרקען די טרייד־יוניאָניסטישע אָרגאַניזאַציאָנען פון אַר־בייטער און צו פערבעסערען בכלל די עקאָנאָמישע לאַגע פון פּראָ־לעטאַריאַט, ווי ווייט דאָס לאָזט זיך אין אַ געזעלשאַפט אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסמען.

וואָס אַנבעלאַנגט די ענגלישע טרייד־יוניאָניסטען אין אַלגעמיין, האָבען זיי זיך אייגענטליך גאַנץ ווענִיג אינטערעסירט מיט'ן „אינ־טערנאַציאָנאַל". זיי זיינען נאַטירליך געווען נאָך פיעל ווייטער פון טהעאָרעטישע בעטראַכטונגען און פון סאָציאַליסטישע אידע־אַלען, ווי זייערע אָנפיהרער. עס איז יעדענפאַלס אַ פאַקט, אַ זעהר כאַראַקטעריסטישער פאַקט, דאָס אפילו די אויפגעקלעהרטעסטע פון די ענגלישע אַרבייטער זיינען ניט צוגעשטאַנען צו די סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל". דאָס וואָס דער גענעראַל־ראַטה אָדער צענטראַל־קאָמיטעט איז פערבליבען אין לאָנדאָן, איז געווען ניט צוליעב דעם, וואָס אין דער ענגלישער הויפּטשטאָדט האָבען זיך געפונען אַ סך מיטגליעדער, נאָר פּשוט צוליעב דעם, וואָס דאָרטען האָט מען זיך געפיהלט פּאָליטיש זיכערער און וואָס מען האָט איבערהויפּט ניט געהאַט צו שרעקען זיך פאַר הויז־זוכונ־גען און אַרעסטען, ווי אין פּאַריז אונטער נאַפּאָלעאָן דעם דריטען'ס הערשאַפט.

וועגען אַריבערפיהרען דעם גענעראַל־ראַטה נאָך פּאַריז, וואו עס האָבען זיך געפונען די מייסטע סעקציאָנען, האָט גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין. די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג וואָלט גלייך צוגע־שלאָסען זיינע טירען, אַרעסטירט אַלע מיטגליעדער און אַרויסגע־שיקט פון לאַנד די אויסלענדישע מיטגליעדער. אין קיין אַנדער איירָאָפּעאישער מדינה אויסער אין ענגלאַנד, וואָלט אין יענע יאָה־

רען דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „אינטערנאַציאָנאַל“ ניט געקענט פערבלייבען אונגעשטערט, אפילו ניט אין דער שווייץ, וואו עס איז דאך מעגליך געווען אַבצוהאַלטען די ערשטע קאָנגרעסען.

איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס אַ קאָנגרעס איז ניט אַבגעהאַלטען געוואָרען אין 1865, ווי מען האָט עס בעשלאָסען בשעת דער „אינטערנאַציאָנאַל“ איז געגרינדעט געוואָרען, איז געווען, וואָס די בעלגישע רעגירונג האָט זיך צוגעאיילט מיט אַ פערבאָט, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז מען פּלאַנעוועט צוזאַמענצורופען אַזעלכען אין בריסעל.

ווי אַזוי די פראַנצויזישע רעגירונג האָט בעהאַנדעלט די מיטגליעדער פון די פּאַריזער סעקציאָנען, די „אינטערנאַציאָנאַליסטען“, ווי מען האָט זיי אַנגעפאַנגען צו רופען, קען מען אויך זעהן פון דעם, וואָס די פּאַריזער פּאָליציי האָט צוגענומען ביי די ענגלישע דעלעגאַטען אַלע זייערע פּאַפּירען, ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אַהיים פון דעם קאָנגרעס אין גענף דורך פראַנקרייך. פראַנצויזישע שפּיאָנען פלעגען איבערהויפּט נאָכפאָלגען דעלעגאַטען צו די קאָנגרעסען פון „אינטערנאַציאָנאַל“, ווען אַזעלכע פלעגען בלויז דורכפאָהרען פראַנקרייך. ווען אָדזשער, קרעמער און די אַנדערע מיטגליעדער פון לאָנדאָנער גענעראַל־ראַטה זיינען דורכגעפאָהרען פּאַריז אויף זייער וועג פון גענף נאָך לאָנדאָן, זיינען זיי „בעעהרט“ געוואָרען מיט אַ „וויזיט“ פון דער פּאַריזער פּאָליציי, וועלכע האָט ביי זיי צוגענומען אַלע דאָקומענטען און בעריכטען וועגען די פערהאַנדלונגען אויף דיזען קאָנגרעס. עס איז איבעריג צו בעמערקען, אַז די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג האָט עס געטהאָן, אום צו דערגעהן די „סודות“ פון „אינטערנאַציאָנאַל“. זי האָט אָבער אין דריי מאָנאַט אַרום געמוזט צוריקקעהרען די פערכאַפּטע פּאַפּיערען אויף דעם דרינגענדען פערלאַנג פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע האָט זיך געמוזט אָננעהמונג פאַר איהרע בירגער אויף דעם פערלאַנג פון די אָרגאַניזירטע אַרביימער און אויך פון די ראַדיקאַלען און ליבעראַלען.

דער פּאָרזיצענדער פון דיזען קאָנגרעס אין גענף איז געווען אַ דייטשער אוהרמאַכער מיט'ן נאָמען **יונג**, **וועלכער האָט אַ**

לאַנגע צייט געלעבט אין לאַנדאָן און וועלכער האָט אויך גענומען א טיכטיגען אנטהייל אין דער גרינדונג פון „אינטערנאַציאָנאַל“. ער איז אויך געשיקט געוואָרען אַלס אַ פערטרעטער פון דעם לאַנדאָנער גענעראַל־ראַטה.

אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דיזען ערשטען קאָנגרעס זיינען געשטעלט געוואָרען פונקטען, וועלכע זיינען מעהר אָדער וועניגער בעטראַכט געוואָרען, מעג מען זאָגען, אויף אַלע ווייטערע אינטער־נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען. מאַנכע פון זיי וועלען איינגענטליך קיינמאָל ניט אַרונטערגענומען ווערען פון דער פּראַ־לעטאַרישער טאַגעס־אָרדנונג, אַזוי לאַנג ווי די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן וועט פערבלייבען אין קראַפט.

מען האָט פערהאַנדעלט אויף די זיצונגען פון דעם ערשטען קאָנגרעס אין גענף די פראַגען איבער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען בכלל, איבער סטרייקס, קינדער־אַרבייט, פרויען־אַרבייט, אַרבייטס־לאַזיגקייט, אַרבייטס־שטונדען, דירעקטע און אינדירעקטע שטייער, שטענדיגע אַרמעען, רעליגיאָן, א. אַז. וו.

די רעזאָלוציאָנען זיינען געפאַסט געוואָרען אין דעםברייטען סאָציאַליסטישען גייסט, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דער אַלגעמיינער פּרינציפּען־ערקלעהרונג, ווי איבערגעגעבען אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל.

וועגען סטרייקס האָט מען אָנגענומען אַ „רעוואָלוציאָנערע“ רעזאָלוציאָן, אַז דורך דעם וועלען די אַרבייטער נ י ט ג ע ה א ל ־ פ ע ן ו ו ע ר ע ן און אַז זיי מוזען אָנשטרענגען אַלע זייערע קרעפ־טען צו דערגרייכען דעם הויפּט־ציעל, נעמליך: ד י א ב ש א ־ פ ו נ ג פ ו ן ל ו י ן ־ א ר ב י י ט ב כ ל ל.

צו יענער צייט און אויך שפּעטער האָט מען אין סאָציאַליס־טישע רעוואָלוציאָנערע רייהען געקוקט אויף סטרייקס, ווי אויף פּ אַ ל י א ט י ו ו ע ן אָדער, פּראָסט אידיש גערעדט, קאַלטע רפואות. מען האָט עס געהאַלטען פאַר אַ „גראָשענעם קאַמפּף“ און דאָס הויפּט־געוויכט האָט מען געלעגט אויף ר ע ו ו א ל ו צ י אָ נ ע ר ע א ר ו י ס ט ר ע ט ו נ ג ע ן, אויף דעם וואָס מען רופט אין אונזערע צייטען „דירעקטע אַקציאָן“, ווי די אַנאַרכיסטען און סינדיקאַליס־

טען פרעדיגען עס. אזא „רעוואלוציאנערער“ בליק אויף סטרייקס האט זיך דארום אויך ארויסגעצייגט אין דער רעזאלוציאן פון דעם ערשטען קאנגרעס פון „אינטערנאציאנאל“.

וואס אנבעלאנגט קארל מארקס, האט ער אויך דאמאלס זעהר פיעל געהאלטען פון דער געווערקשאפטליכער בעוועגונג. אין דיזען פרט האט ער געדענקט גאנץ אנדערש ווי לאסאל, וועלכער האט בעטראכט די טרייד־יוניאניסטישע בעוועגונג, ווי ער האט זיך אין איין ארט אויסגעדריקט, „אלס א פערזוך פון דער סחורה ארבייט ארויסצוטרעטען אלס מענש“. לאסאל איז געשטארבען מיט א פאר וואכען בעפאר דער גרינדונג פון „אינטערנאציאנאל, זאנסט וואלט ער זיך געוויס בעטהייליגט אין די קאנגרעסען און וואלט דארטען, נאטירליך, געזוכט דורכצופיהרען זיין פאליטישע פראגראם, וועלכע איז געוועזן ענטשידען אנטי־טרייד־יוניאניסטיש. ער האט דאך פעסט געגלויבט אין דעם פיעל־פערשריענעם „אייזערנעם לוין געזעץ“, וועלכער בלייבט אין דער ווירקליכקייט א פאפיערענער. ער האט אלץ געבויט אויף דער שטיצע פון שטאאט, בלויז אויף פאליטישע אקציאן, און אויך געלעגט די גרעסטע האפנונגען אויף אלגעמיינע שטימרעכט.

אבער ווי ווייט קארל מארקס האט אנדערש געדענקט, דאס צייגט זיך ארויס בעזאנדערס שארף אין זיין בריעף, וואס ער האט געשריעבען דעם 13טען אקטאבער 1868 צו שווייצער'ן, וועלכער איז דאן געוועזן דער פרעזידענט פון דעם „אלגעמיינען דייטשען ארבייטער־פעראיין“, וואס לאסאל האט געגרינדעט. מארקס קריטיקירט דארטען דעם לאסאלעאניזם בכלל אלס א מיז סעקטע (און דערביי מאכט ער די טיעפזיניגע בעמערקונג, אז „אין דער טהאט איז יעדע סעקטע רעליגיעז“), נור בעזאנדערס טרעט ער ארויס געגען די פיינדליכע שטעלונג פון די לאסאלעאנער צו דער געווערקשאפטליכער בעוועגונג. זיינע בעמערקונגען אין דיזען בריעף וועגען „סעקטען־בעוועגונג“ און „קלאסען־בעוועגונג“ זיינען אזוי ריכטיג ווי מערקווירדיג, נור מיר וועלען עס דא דערווייל לאזען א זייט.

* * *

דער קאנגרעס אין גענף, ווי אויך דער צווייטער, וועלכער האט ווידער שטאטגעפונען אין דער שווייץ, נעמליך אין דער שטאדט לאזאן, אין 1867, איז אייגענטליך געפיהרט געווארען פון די פראנצויזישע דעלעגאטען, ניט נור דעריבער, ווייל צוזאמען מיט די שווייצערשע (מייסטענס פון די פראנצויזיש־שפרעכענדע קאנטאנען) האבען זיי געבילדעט די גרויסע מאיאריטעט, זאנדערן אויך דעריבער, ווייל זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מעהר מיט דעם גייסט פון רעוואלוציאן, סאציאליזם און אינטערנאציאנאליזם. די מייסטע פראנצויזישע דעלעגאטען זיינען געווען, ווי שוין בעמערקט אין פאריגע קאפיטלער, מוטואליסטען אדער פרודאניסטען.

דאס האט זיך אויך ארויסגעצייגט אין די טאגעס־ארדנונגען, פערהאנדלונגען און רעזאלוציאנען פון די ערשטע צוויי קאנגרעסען. איינער פון די פונקטען איז נעמליך געווען וועגען די ארגאניזאציאן פון „מוטואלען (געגענזייטיגען) קרעדיט", וואס פרודאן האט ניט נור געפרעדיגט, זאנדערן האט אויך פרובירט *פראקטיש איינפיהרען דורך באנקען* אין פראנקרייך, נור איז קלעגליך דורכגעפאלען, ווייל אנשטאדט די פינף מיליאן פראנק וואס ער האט פערלאנגט, האט ער געקראגען בלויז 17 טויזענד פראנק.

דער פונקט וועגען מוטואלען קרעדיט האט געלויטעט אזוי:

„ווי די ארבייטענדע מאסען קענען *אויסנוצען פאר זייער בעפרייאונג דעם קרעדיט*, וואס זיי גיבען דער בורזשואזיע און די רעגירונגען — פאלקס־קרעדיט און פאלקס־באנקען. — גאלד און פאפיער־געלד. — געגענזייטיגע פערזיכערונג. — ארבייטער פעראיינען".

נאך לענגערע דיסקוסיאנען איבער דיזע פראגען, וועלכע זיינען אויפגעשוואומען מייסטענס צוליעב פרודאנ'ס איינפלוס אויף די פראנצויזישע ארבייטער, איז אויף דעם לאזאנער קאנגרעס בעשלאסען געווארען צו *רעקאמענדירען צו די ארבייטער בכלל פראדוקטיווע קאאפעראציאנען אלס דעם בעסטען מיטעל פאר זייער עמאנסיפאציאן*.

און די ערשטע וויכטיגע שטרייטען און פּרינציפּיעלע אונטער־שיידע האָבען זיך דאָן אַנגעפאַנגען צווישען די מוטואַליסטען אָדער פּרודאָניסטען און קאָמוניסטען אָדער מאַרקסיסטען, ווי דאָס וועט אַנגעוויזען ווערען אין נעכסטען קאַפּיטעל.

קאַפּיטעל 17.

דער קאָנגרעס אין לאָזאַן און די פּערפאַלגונגען אין פּאַריז.

אין זיין געשיכטע פון „אינטערנאַציאָנאַל“ ווייזט אַן עדמאָן דע ווילעטאַר *), וועלכער איז צו דער צייט פון דער פּאַריזער קאָמונע געווען דער רעדאַקטאָר פון דער בעוואוסטער בורזשואַזער צייטונג „זשורנאַל דע דעבאַ“, אויף דעם פאַקט, דאָס אין א בריעף צו אַ פּאַריזער צייטונג מיט'ן נאָמען „לע סואַר“ (אָבענד) האָט פריבורג, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע און איינפלוסרייכסטע גרינדער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן און אויך אַ דעלעגאַט אויף איהרע ערשטע צוויי קאָנגרעסען, ערקלעהרט, אַז מען דאַרף ניט צוזאַמענמישען אַלע מיטגליעדער און האַלטען פעראַנטוואָרטליך אַלע „אינטערנאַציאָנאַליסטען“ פאַר געוויסע פּאַסירונגען וועהרענד דער פּאַריזער קאָמונע. דערביי האָט פּריבורג אויך ערקלעהרט, אַז די געשיכטע פון „אינטערנאַציאָנאַל“ דאַרף מען צוטהיילען אין צוויי פּעריאָדען, נעמליך: אין א פּאַריזער, ווען די קאָנגרעסען זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די מוטואַליסטען, און אַ רוסיש־דייטשען, ווען די לייטונג איז איבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטען.

אין פריגע קאַפּיטלעך האָבען מיר שוין אַנגעוויזען, אַז דער „אינטערנאַציאָנאַל“ איז אייגענטליך געשאַפען געוואָרען פון פראַנ־

*) History of the International, by Edmond de Villetard, translated by Susan M. Day.

צוויזישע ארבייטער־פיהרער, וועלכע זיינען מייסטענס געווען אנהענגער פון פרודאנ׳ס עקאנאמישע לעהרען, ספעציעל פון דעם *מוטואליזם*, מיט א גאנצער סיסטעם פון ארבייטער קרעדיט און באנקען. אויך האבען מיר אנגעוויזען, אז די טאגעס־ארדנונגען פון די ערשטע קאנגרעסען האבען ענטהאלטען מוטואליסטישע פונקטען. פריבורג׳ס בריעף דיענט, אלזא, נור אלס א וויטערע בעשטעטיגונג פון דיזען זעהר אינטערעסאנטען פאקט אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציאן.

יעדענפאלס האט דער צווייטער קאנגרעס פון „אינטערנאציאנאל“, דער לאזאנער, אין 1867, אנגענומען זעהר ראדיקאלע סאציאליסטישע רעזאלוציאנען. אויף דיזען קאנגרעס האבען זיך געפונען 71 דעלעגאטען, ווידער מייסטענס פון פראנקרייך און פון דער שווייץ. דער פארזיצענדער איז געווען א פראנצויז מיט׳ן נאמען *דיופאן*, וועלכער האט געוואוינט אין לאנדאן און איז געווען דער סעקרעטער פון די פראנצויזישע סעקציעס אין דעם גענעראלראטה.

די וויכטיגסטע פון די רעזאלוציאנען, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען אויף דעם דאזיגען לאזאנער קאנגרעס, איז געווען וועגען *פאליטישע אקציאן* פון ארבייטער־קלאס. דיזע רעזאלוציאן האט געלויטעט, אז „די *סאציאלע* עמאנציפאציאן פון די ארבייטער איז צוזאמענגעשמאלצען מיט זייער פאליטישער עמאנציפאציאן.“ דער לאגישער שלוס דערפון איז געווען, אז די ארבייטער *מוזען זיך ארגאניזירען אין א בעזונדערע פאליטישע פארטיי*, אום צו קענען אראבשליידערן פון זיך דעם קאפיטאליסטישען יאך.

אזעלכע קאמפף־מיטעל, ווי סטרייקס (פון באיקאטס האט מען נאך דאמאלס ניט געוואוסט) און בכלל אזעלכע הילפס־מיטעל, ווי טרייד־יוניאנס, אונטערשטיצונגס־פאנדען, קאאפעראציאנען א. ז. וו. זיינען ערקלעהרט געווארען אלס *פאליאטיוון*, דאס הייסט, אלס רפואות, וואס קענען נור ערלייכטערן אויף א קורצע צייט די שמערצען, אבער קענען ניט אויסקורירען אין גאנצען די קראנקהייט. די שטימונג איז דארטען געווען א רעוואלוציאנערע,

און די מיטלען וואס מען האט פארגעשלאגען און רעקאמענדירט זיינען, נאטירליך, געווען אין איינקלאנג דערמיט.

אויף דעם ריין־עקאנאמישען קאמפף, ווי די טרייד־יוניאניסטען, ספעציעל די ענגלישע, האבען עס פערשטאנען און געפיהרט, אום צו קריגען א העכערען לוין, צו געווינען קירצערע ארבייטס־שטונדען און בכלל צו פערבעסערען זייער לאגע אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט גופא, — דערויף האט מען אין די רייהען פון די אויפגעקלעהרטע פראנצויזישע ארבייטער, וועלכע זיינען שטענדיג געווען מעהר סתם רעוואלוציאנער איידער סאציא־ליסטיש, געקוקט פון אויבען אראב. דער עיקר פאר זיי איז געווען דער רעוואלוציאנערער קאמפף, אום צו שטירצען דעם גאנצען קאפיטאליסטישען בנין דורך פאליטי־שע ארויסטרעטונגען פון די מאסען, אריינרעכענענדיג אין דעם אויך פערשווערונגען, אויפשטאנדען און באריקאדען, ווי בלאנקי האט עס געפרעדיגט און אויך פרובירט דורכצופיהרען אין רעוואלוציאנערע טעג. און אזוי איז געווען די שטימונג פון דער מאיאריטעט אין די ערשטע קאנגרעסען פון „אינטערנאציאנאל".

עס זיינען אבער פון דער אנדער זייט אויך געווען ארבייטער־פיהרער, וואס האבען גראדע גאנץ ווייניג געוויכט געלעגט אויף פאליטישע האנדלונגען בכלל און אויף דעם פארלאמענטאריזם בפרט. אזעלכע האבען אלץ געפרעדיגט דעם ריין־עקאנא־מישען קאמפף אלס דעם בעסטען און זיכערסטען וועג פאר די ערלייזונג פון ארבייטער־קלאס. דעם פאליטישען קאמפף, ספע־ציעל דעם פארלאמענטארישען, האבען זיי ערקלעהרט פשוט פאר א פערבלענדעניש. זיי האבען דאן אייגענטליך נעברויכט די אר־גומענטען פון די היינטיגע אנארכיסטען פון איין זייט און פון די „פיור־ענד־סימפליסטישע" טרייד־יוניאניסטען פון דער אנדער זייט.

ווי ווייט די בעלגישע ארבייטער האבען אין יענער צייט ניט געהאלטען פון פארלאמענטארישע אקציאן, קען מען אויך שליסען דערפון, וואס זייערע א צייטונג האט אין 1869 ערקלעהרט, דאס מען דארף זיך גאר פרעהען, וואס אין בעלגיען איז נאך ניט איינגעפיהרט געווארען אלגעמיינע שטימרעכט. „אין יענעם טאג —

אַזוי איז דאָרטען אָבגעדרוקט — ווען דער אַרבייטער ווערט אַריינגעשלעפט ווערען אין פּאַרלאַמענטאַריזם, ווערט ער איינגעשרויפט ווערען אין דעם מעכאַניזם פון דער זאָגענאַנטער פּראָגרעסיווער פּאָליטיק, וועלכע האָט אַלס איהר צוועק די פּערלענגערונג פון דער עקזיסטירענדער אַלטער געזעלשאַפט, דורך אַלערליי רעפאָרירונגען און לאַטעס. אונזער אַרבייט דאַרף אָבער זיין ניט אויסצובעסערן די אַלטע אָרדנונג, נור אויפצובויען אַ נייע אָרדנונג.״

דאַרום איז די אויבענגעבראַכטע רעזאָלוציאָן פון דעם לאָזאַנער קאָנגרעס וועגען פּאָליטישע אַקציאָן פון פּראָלעטאַריאַט געווען זעהר וויכטיג פאַר די סאָציאַליסטישע בעוועגונג בכלל. דערמיט איז טאַקע געלעגט געוואָרען דער גרונדשטיין פון זעלבסטשטענדיגע און ציעלבעוואוסטע אַרבייטער־פּאַרטייען אין אינדוסטריעלע לענדער.

אין דערזעלבער צייט אָבער האָט דער לאָזאַנער קאָנגרעס בעשלאָסען צו נעהמען אַנטהייל אין אַן אינטערנאַציאָנאַלען פריידענס־קאָנגרעס, וואָס די בורזשואַזע פּאַסיפיסטען אָדער קעמפּפער געגען בעוואָפנונגען און שטענדיגע אַרמעען האָבען דאַן אָבגעהאַלטען אין גענף. די פּראָלעטאַרישע אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען זיך אויף דיעזען פרידליכען באָדען צוזאַמענגעטראָפען אַלס פריינד, אַזוי צו זאָגען, מיט בורזשואַזע אינטערנאַציאָנאַליסטען.

נור אין דעם קאַמפּף געגען מיליטאַריזם און פאַר די אָבשאַפונג פון שטענדיגע אַרמעען און רעקרוטשינע קענען יעדענפאַלס פערטרעטער פון אַלע קלאַסען געהן האַנד אין האַנד, און זיי דאַרפען אויך אַגיטירען און האַנדלען מיט געמיינשאַפטליכע קרעפטע. אַזוי האָבען טאַקע געפיהלט די אינטערנאַציאָנאַליסטען אין 1867. זיי האָבען זיך דאַן אויך בעטהייליגט אין די פרידענס־דעמאָנסטראַציאָנען צוזאַמען מיט קאַפּיטאַליסטישע פּאַסיפיסטען.

איינער פון די רעזולטאַטען דערפון איז געווען, וואָס די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג האָט נאָך שטאַרקער גענומען פערפאָלגען די מיטגליעדער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. ניט נור האָט די פּאָ־

ריזער פּאָליציי געמאַכט הויז־זוכונגען ביי די דעלעגאַטען, ווען זיי זיינען געקומען פון לאָזאַן, זאַנדערן זי האָט אויך צוגעשלאָסען די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ און ארעסטירט 15 מיטגלידער אויף דעם גרונד, דאָס זיי געהערען צו אַן אונגעזעצליכער אסאָציאַציאָן.

אָט אַזוי האָט עס זיך אָנגעפאַנגען אין 1868 דער ערשטער בע־ריהמטער פּראָצעס געגען די אינטערנאַציאָנאַליסטען אין פּאַריז. צווישען די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען טאָלען, קאַמעלינאַ, מיורא, ווארלען, א. ז. וו. די פערהאַנדלונגען אויף דיעזען און אויף די נעכסטע צוויי פּראָצעסען געגען די אינטערנאַציאָנאַליסטען דיענען עס, ווי שוין פריהער אָנגעוויזען, אַלס הויפּט־מאַטעריאַל פאַר'ן אָנ־פאַנג פון דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אסאָציאַציאָן.

* * *

די וויכטיגסטע אורזאַך פון דיזע ארעסטען און פּראָצעסען איז אָבער געווען, וואָס די אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען זיך ענערגיש אָנגעהם געטהאָן צו העלפען סטרייקערס און וואָס זיי האָבען ארויסגעצייגט אַ גרויסע קראַפט אין דעם עקאָנאָמי־שען קאַמפּף פון ארבייטער־קלאַס. דאָ האָט זיך ווידער ארויס־געוויזען, ווי דאָס לעבען איז שטאַרקער פאַר אַלע טהעאָריעס. ווי אויבען געזאָגט, זיינען די מייסטע פראַנצויזישע ארבייטער־פיהרער געווען רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען ווייניג געהאַלטען פון סטרייקס אַלס אַ הילפע פאַר'ן ארבייטער־קלאַס. און ווען דער העלדענמוטי־גער אינטערנאַציאָנאַליסט וואַרלען, וועלכער האָט נאָכהער געשפּיעלט אַ בעזאָנדערס וויכטיגע ראָלע אין דער פּאַריזער קאָ־מונע, האָט זיך פערטהיידיגט אין דעם פּאַריזער טריבונאַל אין 1868, האָט ער אויסדריקליך געזאָגט:

„די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אסאָציאַציאָן אָנערקענט ניט סטרייקס אין פּרינציפּ; זי גלויבט, אַז דאָס איז אַן אַנטי־עקאָנאָמישער מיטעל. אַזוי איז עס ערקלעהרט געוואָרען אויף דעם גענפער קאָנגרעס און אַזוי פּראָקלאָמירען מיר עס איבעראַל.“

אָבער דאָך, ווי נור עס האָט אין 1867 אויסגעבראָכען אַ סטרייק פון די בראָנז־אַרבייטער אין פּאַריז, אַזוי האָבען אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטען זיך אַ נעהם געטהאָן מיט אַלע כחות, אום איהם צו געווינען. אין דער פּראַקטיק האָט זיך דאָ אַם שאַרפסטען אַרויסגעוויזען זייער אמת'ע אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט.

און דיעזער בעריהמטער סטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען גראַדע צוליעב די גרינדונג פון אַ „פעראַיין פון מוטועלען קרעדיט" נאָך דעם פּרודאָניסטישען מוסטער. אייניגע פאַבריקאַנטען האָבען נעמליך פערלאַנגט, אַז „זייערע" אַרבייטער זאָלען ניט אַריינטרעטען אַלס מיטגליעדער אין דיעזען פעראַיין, און ווען די אַרבייטער האָבען ניט געפאָלגט, האָבען די פאַבריקאַנטען זיי ענטזאַגט. אַנדערע אַרבייטער האָבען זיך אָנגענומען פאַר די ענטלאַסענע, און אַזוי איז עס געקומען צו אַן עקאָנאָמישען קאַמפּף, אין וועלכען די אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען זיך אַריינגעמישט.

אויף אַן אויפרוף צו שטיצען די פּאַריזער סטרייקערס, האָבען זיך דאָן בעזאָנדערס אָבגערופען די ענגלישע טרייד־יוניאָנס. די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון ענגלאַנד האָבען צוגעשיקט אַזוי פיעל געלד, אַז ניט נור האָבען זיך די פאַבריקאַנטען דערשראָקען און נאָכגעגעבען, זאָנדערן אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעססע האָט מען אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען שרעקענס־געשיכטען, אַז דער „אינטערנאַציאָנאַל" איז פּשוט אָנגעשאָטען מיט געלד.

נור אַ בעזאָנדערס גרויסע אימה האָט דער „אינטערנאַציאָנאַל" אַרויפגעיאָגט אויף דער בורזשואַזיע, ווען עס האָט דעמזעלבען יאָהר אויסגעבראָכען אַ סטרייק אין דעם גרויסער פאַבריק־שטאָדט רובעי (לעבען דעם בעלגישען גרענעץ). דיעזער סטרייק האָט זיך גראַדע אָנגעפאַנגען צוליעב די איינפיהרונג פון נייע מאַשינען. אין זייער פערצווייפלונג און פערבלענדעניש האָבען די אַרבייטער נאָך אַלץ ניט נור געבראָכען אַרבייטס־איינשפּאַרענדע מאַשינען, זאָנדערן אויך אונטערגעצונדען די פאַבריקען. זיי האָבען געגלויבט, אַז ווען עס וועט זיי ניט געלינגען צו צושטערען די נייע מאַשינען, וועט זייער לאַגע ווערען גאָר אַן אונערטרעגליכע.

און די פיהרער פון אינטערנאַציאָנאַלען ביורא אין פאַריז האָבען פון איין זייט זיך געווענדעט צו די אונגליקליכע סטרייקערס מיט אַ מערקווירדיגען צורוף, אין וועלכען עס איז ערקלערט געוואָרען, אַז אין דער ארמוטה און אין אַלע צרות פון פּראָלעטאַריאַט זיינען ניט שולדיג די מאַשינען, נור די גאַנצע קאַפּיטאַליס־טישע סיסטעם, און פון דער אַנדער זייט האָבען זיי אַפּעַ־לירט צו די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט נאָך פינאַנציעלער הילפע פאַר די סטרייקערס. אַלס קאָמיטע צו פיהרען דיזען היס־טאָרישען סטרייק, וועלכער האָט בעזאָנדערס פיעל געהאָלפען צו פערשטאַרקען דעם „אינטערנאַציאָנאַל", זיינען פון פאַריז ארויס־געשיקט געוואָרען טאָלען, וואַרלען און לימוזען.

אָט דערזעלבער וואַרלען, וואָס האָט געהאַלטען סטרייקס זאָ־גאַר פאַר אַן אַנטי־עקאָנאָמישען מיטעל, האָט פונדעסטוועגען פּיי־ערדיג אָנגעפיהרט דעם סטרייק אין רובעי. און וואָס אַנבעלאַנגט פינאַנציעלע שטיצע האָבען זיך ווידער מייסטענס די ענגלי־שע טרייד־יוניאָניסטען אָבגערופען און געשיקט געלד פאַר די סטרייקערס, וואָס עס האָט ווידער איבערגעשראָקען ניט נור די קאַ־פּיטאַליסטען פון פראַנקרייך, זאָנדערן אויך פון גאַנץ איירָאָפּאַ.

אום צו בערוהיגען די צושראָקענע בורזשואזיע און צו צושטע־רען די סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכע האָבען זיך אָנ־געפאַנגען אַלץ שנעלער צו צושפּרייטען, האָט עס די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג צושלאָסען דעם אינטערנאַציאָנאַלען ביורא אין פאַריז און ארעסטירט די אָנפיהרער, ווי דאָס איז שוין אויבען איבערגע־געבען געוואָרען. דער פּאָליציי־טריבונאַל האָט צוערשט פעראור־טהיילט די אָנגעקלאָגטע אינטערנאַציאָנאַליסטען צו צאָהלען 100 פראַנק שטראָף פאַר איבערטרעטען די געזעצען וועגען פערבאַנדען. זיי האָבען אַפּעלירט, אָבער דער קאַסאַציאָנס־געריכט האָט ניט נור בעשטעטיגט דיזען אורטהייל, זאָנדערן האָט נאָך בעשטימט, אַז מען זאָל אויפלעזען דעם גאַנצען „אינטערנאַציאָנאַל".

נור די פאַריזער רעוואָלוציאָנערע ארבייטער האָבען זיך ניט געקימערט וועגען דיזען בעפעהל און האָבען דאָך ארגאַניזירט אַ נייען אינטערנאַציאָנאַלען ביורא, וואָס עס האָט געפיהרט צו נייע

אַרעסטען און צו אַ נייען פּראָצעס. די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג האָט בעפוילען צו אַרעסטירען 9 פון די מעהר בעוואוסטע אָנפיהרער, וועלכע אַ געהאַרכזאַמער טריבונאַל האָט פערורטהיילט צו 3 מאָ־נאַט געפענגניס און צו 100 פראַנק שטראָף. איינער פון דיזע פערורטהיילטע איז געווען וואַרלען.

דער „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכער איז, אַ דאַנק דיזע פּראָ־צעסען אַלץ מעהר בעריהמט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט, איז דערווייל אַלץ געוואַקסען אין דער צאָהל פון מיטגליעדער און דורך דעם, נאַטירליך, אויך אין איינפלוס און קראַפט.

* * *

וואָס פאַר אַ מיינונג בלאַנקי, וועמען מען מעג רעכענען פאַר דעם פאָטער פון דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", אַט דער פייערדיגער רעוואָלוציאָנער־קאָנספּיראַטאָר, האָט דאַמאָלס געהאַט וועגען די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן, איז צו שליסען פון זיינע בעמערקונגען צו אַ בריעף פון איינעם פון די פראַנצויזישע דעלעגאַטען אויף דעם לאָזאַנער קאָנגרעס. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די אַרעסטען און פּראָצעסען פון די אינטער־נאַציאָנאַליסטען אין פראַנקרייך, און בלאַנקי'ס בעמערקונגען, וועל־כע זיינען אָנגעדרוקט אין דעם צווייטען באַנד (ז. 173) פון זיינע איבערגעבליבענע שריפטען, וואָס טראָגען דעם אַלגעמיינעם נאָמען „סאָציאַלע קריטיק", זיינען אַזוי מערקווירדיג און כאַראַקטעריסטיש, אַז איך וועל זיי דאָ איבערזעצען. אָט וואָס ער האָט געשריבען וועגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" אין 1868:

„מען האָט געוועלט פערניכטען דעם בירגער אין דעם אַרביי־טער. מען האָט געוועלט מאַכען פרעמד דעם בירגער צו די אַלגע־מיינע פראַגען דורך אַריינשלעפּען איהם אין דעם אויסשליסליכען קאַמפּף פאַר זיין פּריוואַטען אינטערעס, פאַר זיין טהירישעסטען אינטערעס, אין געגענזאַץ צו זיין מאָראַלער און גייסטיגער ענטוויקלונג. מען האָט פּרובירט אַרונ־טערצוברענגען איהם צו די פונקציאָנען פון דעם מאָגען און צו אונ־טערדריקען ביי איהם די פונקציאָנען פון מאַרך. קיינע פילאָזאָפישע

אָדער פּאָליטישע שטרעבונגען, גאָרנישט וועגען די רעליגיעזע פראַ־גען, גאָרנישט וועגען די רעגירונג פון דער געזעלשאַפט — אַלץ נור דאָס טרינקען און עסען ווי חיות...

„פאַר אַזאַ פרייז האָט עס די רעגירונג (די נאַפּאָלעאָנישע) פאַווארויזירט מיט איהר גאַנצער מאַכט דאָס אַפּזאָגען־זיך פון פאָלק. אָבער עס איז גענוג געווען, אַז ניט אַלע זאָלען זיך וועלען בעגנוגענען מיט דיזער ריין־בעסטיאַלישער ראָלע, אום אויפצור־וועקען איהרע בעס'ן, איהרע שרעקען, איהרע געוואַלט־אַקציעס... און מען האָט טאַקע אונטערדריקט די אינטערנאַציאָנאַלע אַסאָציאַ־ציאָן, וועלכע איז אַזוי בעשטראָפט געוואָרען גראָדע דאָרט, וואו זי האָט געזינדיגט. זי האָט ערקלעהרט, אַז די ארבייטער קענען אויסקעמפּפען זייער בעפרייאונג אָהן דער מיטווירקונג און אויסערהאַלב דער רעגירונג, און אונטער וועלכער ניט איז רעגי־רונג. און אָט האָט די רעגירונג זעלבסט זיך בעמיהט צו בעווייזען דעם משוגעת פון דיזער פּרעטענזיע דורך דער אונטערדריקונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“...

„אַדיע טרוימען און פאַנטאַזיעס! טאַקע נור אידיאָטען האָ־בען זיך געקענט איינבילדען, אַז עס איז אין דער מאַכט פון אַ פאָלק צו בעפרייען זיך, אָהנע צו רעכענען זיך מיט דער רעגירונג, עפּעס אַזוי ווי דער שטאַאַט וואָלט ניט געווען דאָס פאָלק אין אַקציאָן, אַזוי ווי אויסערהאַלב דיזער אַקציאָן קען מען דורך אַן אַנדערע דערגרייכען צום ציעל...“

אָט אַזוי האָט עס גאָר דיזער פייערדיגער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט אַלץ געזוכט צו פערבאַפען די רעגירונגס־מאַכט דורך אַ פערשווערונג און איינצופיהרען אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג דורך אַ דיקטאַטור פון אַ גאַנץ קליינער מינאָריטעט אין נאָמען פון גאַנ־צען פאָלק, — אַזוי האָט ער עס נעגלויבט, אַז אַ רעגירונג איז גלייכבעדייטענד ניט בלויז מיט'ן שטאַאַט, זאָנדערן אפילו מיט'ן פאָלק! יעדענפאַלס איז ער געווען אויסשליס־ליך פאַר פּאָליטישע האַנדלונגען און האָט געקוקט פּשוט מיט פעראַכטונג אויף דעם טרייד־יוניאָניסטישען און בכלל אויף דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף, אויף דעם קאַמפּף פאַר

דעם „מאַגנען“. און אַזוי האָבען אויך נעדענקט זיינע נאָכפאָלגער ביז צו דער צייט פון דער פאַריזער קאַמונע. אויף די סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ אין פאַריז האָבען די בלאַנקיסטען געקוקט ווי אויף אָפּאָרטוניסטישע און זאָגאַר אַנטי־רעוואָלוציאָנערע, אַלץ צוליעב זייער גלויבען, אַז בלויז אויף דעם וועג פון פערשווערונגען און אויפשטאַנדען, אפילו פון א גאַנץ קליינער צאָהל אָפּפערוויליגע און ענערגישע רעוואָלוציאָנערען, קען מען ניט נור אַרונטערזעצען די בורזשואַזע רעגירונגען, זאָנדערן אויך איינריכטען זאָגאַר א קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

נור א געוויסע צייט אָבער האָבען די בלאַנקיסטען געשטיצט די מאַרקסיסטען געגען די באַקוניסטען, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהן.

קאפיטעל 18.

די קאָנגרעסען אין ברים עם און אין באזעל.

דער דריטער קאנגרעס פון „אינטערנאציאנאל“ האט שטאט־געפונען אין 1868 אין דער בעלגישער הויפט־שטאדט ב ר י ס ע ל. עס זיינען זיך שוין צוזאמענגעקומען דארטען ארום א 100 דעלעגא־טען פון פערשידענע לענדער און סעקציאנען, הויפטזעכליך פון פראנקרייך און פון בעלגיען. ענגלאנד איז אלע מייסטענס פער־טראטען געווען דורך די מיטגליעדער פון גענעראל־ראטה.

אינטערעסאנט איז דערביי, ספעציעל טאקע פאר אידישע אר־בייטער, אז צווישען די עלף דעלעגאטען פון ענגלאנד אויף דיעזען קאנגרעס, איז געווען איינער מיט'ן נאמען ק א ה ע ן, וועלכער איז געשיקט געווארען פון די לאנדאנער ציגארען־מאכערס. ווי ווייט איך האב עס געקענט דערגעהן פון די נעמען פון די דעלעגאטען אויף די קאנגרעסען פון דעם ערשטען, אדער, ווי מען רופט איהם אויך, אלטען „אינטערנאציאנאל“, איז דאס געווען דער ע ר ש ט ע ר א י ד י ש ע ר א ר ב י י ט ע ר דארטען אלס דעלעגאט. איך האב אבער נים געקענט אויסגעפינען עפעס וועגען דיעזען אידישען אר־בייטער, אויסער זיין כשר'ן נאמען.

פון דייטשלאנד זיינען געשיקט געווארען בלויז פינף דעלעגאטען צו דיעזען קאנגרעס. דאס איז נים רעכענענדיג די פאר דייטשע מיטגליעדער פון גענעראל־ראטה, די שוין אונז בעקאנטע יונג און עקאריוס. קארל מארקס' נאמען געפינט זיך נים צווישען די דע־לעגאטען פון דיזען קאנגרעס.

אין א בריעף צו ענגעלס'ן, דאטירט דעם 11טען סעפטעמבער

1867, ערקלעהרט אפילו מארקס, אז „אויף דעם נעכסטען קאָנ־גרעס אין בריסעל ווערדע איך פערזענליך דיזען עזלען פאָן פרודאָ־ניסטען דען גאראוס מאַכען", און ער זעצט צו: „איך האבע די גאַנצע זאכע דיפלאָמאטיש אראַנזשירט און וואָלטע ניכט פערזענ־ליך ארויסטרעטען בעפאָר מיין בוך ערשיינט און אונזערע געזעל־שאַפט וואורצעל געפאַסט" (אונטער „אונזערע געזעלשאַפט" האָט ער געמיינט דעם קאָמוניסטישען פעראיין, וואָס זיי האָבען גע־גרינדעט מיט אַ 20 יאָהר פריהער).

נור פון אַן אנדער בריעף צו ענגעלס'ען, דאַטירט דעם 16טען סעפּטעמבער 1868, איז צו שליסען, אַז מארקס איז דאָך ניט אָנ־וועזענד געווען אויף דעם בריסעלער קאָנגרעס. דיזער בריעף איז איבערהויפּט אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס ער שפּיגעלט אָפּ גע־וויסערמאַסען מאַרקס'עס בליק אויף דער רעװאָלוציאָן, װעלכע איז דאָרט אָנגענומען געוואָרען געגען מלחמות.

צווישען אַנדערעס שטעהט אין דיזען בריעף: „ער (עקאַריוס) זאָגט, אַז אַן אייראָפּעאישער קריעג איז אַ בירגער־קריעג, אַנשטאָדט ווי עס הייסט אין דער דייטשער רעזאָלוציאָן, אַז „אַ מלחמה צווי־שען פראַנקרייך און דייטשלאַנד וועט זיין אַ בירגער־קריעג פאָר דעם פּראָפיט פון רוסלאַנד." די לעצטע ווערטער האָט עקאַריוס גאָר אויסגעלאָזען. דאַגעגען האָט ער די דייטשען און ענגלענדער צוגעוואָרפען דעם בעלגישען אונזין: „צו סטרייקען געגען מלחמה"...

און מארקס איז דערפאָר געוועזען אַזוי אויפגעבראַכט געגען עקאַריוס'ן, אַז ער האָט ערקלעהרט, דאָס יענער וועט שוין ווייטער נים געשיקט ווערען אַלס דעלעגאַט צו די קאָנגרעסען פון „אינטער־נאַציאָנאַל."

דער פּאָרזיצענדער איז צוערשט געוועזען יונג, נאָכהער דיופּאָן, ביידע מיטגלידער פון גענעראַל־ראַטה, ווי מיר ווייסען עס שוין פון די פאָריגע קאַפּיטלעך.

דער וויכטיגסטער פון די פּונקטען, וועלכע זיינען פערהאַנדעלט געוואָרען דאָרטען, איז געוועזען וועגען לאַנד־איינענטהום. נאָך לאַנגע און זעהר הייסע דעבאַטען וועגען דעם איז אַנגענומען

געווארען א רעזאלוציאן אין א קאמוניסטישען גייסט. ערשט דורך דיעזע רעזאלוציאן איז דער „אינטערנאציאנאל" אייגענטליך ארוים אפען און ענטשידען אויף דעם ריינעם סאציאליסטישען וועג. די הויפט־געגנער פון דער רעזאלוציאן, אז „אייגענטהום אויף ערד דארף אבגעשאפט ווערען, ווייל זי געהערט צו אלעמען", זיינען גראדע געווען די פראנצויזישע פיהרער, ספעציעל טאלען און ליר־מוזען, וועלכע האבען זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון פרו־דאן'ס עקאנאמישע לעהרע און זיינען געווען געגנער פון קאמוניזם.

דאס איז געווען דער ערשטער גרויסער פרינציפיעלער קאמפף צווישען די קאמוניסטען און מוטואליסטען. געזיעגט האבען די קאמוניסטען אונטער דער לייטונג פון דעם בעלגישען דעלעגאט ד ר. צ ע ז א ר ד ע פ א פ. און זייט דאן איז די פיהרערשאפט אין „אינטערנאציאנאל" אריבערגעגאנגען צו די קאמוניסטען, וועל־כע האבען נאכהער געקראגען דעם נאמען „צענטראליסטען" און שפעטער ־„מארקסיסטען".

מיט דער רעזאלוציאן געגען גרונד־אייגענטהום האט דער „אינ־טערנאציאנאל" ארויפגעיאגט נאך א שרעק אויף דער בורזשואזיע, בעזאנדערס טאקע אין פראנקרייך, וואו דער קאמפף געגען די נאפאלעאנישע רעגירונג איז אלץ שטארקער און רעוואלוציאנערער געווארען. דער „רויטער געשפענסט", דער „רויטער טייוועל" אין דער געשטאלט פון ארבייטער־מחנות, וועלכע ווילען אבשאפען דאס „הייליגע" פריוואט־אייגענטהום, דעם עיקר פון דער גאנצער קא־פיטאליסטישער ארדנונג, איז פלוצלונג ארויסגעשפרונגען פאר די צושראקענע אויגען פון די קאפיטאליסטען פון אלע פארטגעשריי־טענע אייראפעאישע לענדער.

דער ערשטער פונקט אויף דער טאגעס־ארדנונג פון דיעזען בריסעלער קאנגרעס איז געווען וועגען דער ש ט e ל ו נ ג פ ו ן פ ר א ל ע ט א ר י א ט צ ו מ ל ח מ ו ת. עס איז איבעריג צו זאגען, אז מען האט בעשלאסען צו אגיטירען און צו פראטעסטי־רען געגען מלחמות צווישען פעלקער, אזוי ווי מען האט עס גע־טהאן אויף אלע וויטערע אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנ־גרעסען.

שוין צו דער צייט פון דער פּרייסיש־עסטרייכער מלחמה, אין 1866, האָט דער פראַנצויזישער פּובליציסט ו ו ע ר מ אַ ר ע ל, וועלכער איז געוואָרען א טהעטיגער אינטערנאַציאָנאַליסט, אָנגע־שריעבען אין דער צייטונג „קוריע פראַנסעי“ אַ פייערדיגען אַרטי־קעל, אין וועלכען ער האָט גערופען צו אַ „סטרייק פון פעלקער געגען מלחמה“. און די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע סטודענטען האָ־בען דאַן געשיקט אַן אַדרעס צו די סטודענטען פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליען מיט אַ פּראָטעסט געגען מלחמות בכלל. דערביי האָבען זיי אָנגעוויזען אויף „דעם אומזין זיך אויסצושלאַכטען אונטער דער נאַרישער אויסרייד וועגען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אינ־טערעסען און ראַסאָווע אונטערשיעדען“.

אין דעם זעלבען זינען האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סעקציאָן אין פּאַריז געשיקט אַן אַדרעס געגען דער מלחמה צו די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט. ווערמאָרעל, ווי אויך פּאָל לאַפאַרג און לאָנגע (ביידע זיינען געוואָרען מאַרקס'עס איידימס) און אַנדערע אינטערנאַציאָנאַליסטען און פּרודאָניסטען און רעוואָלוציאָנערען בכלל האָבען אין דער זעלבער צייט שאַרף אַגיטירט געגען נ אַ־צ י אָ נ אַ ל ע פ אַ ר א ו ר ט ה י י ל ע אין אַלגעמיין.

אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש איז דערביי, וואָס קאַרל מאַרקס האָט גאַנץ ווייניג געהאַלטען פון דער דאָזיגער פראַנצויזי־שער אַגיטאַציע געגען נאַציאָנאַלע פאַראורטהיילע. אין אַ בריעף צו ענגעלס'ן האָט ער דאַמאָלס געשריבען, אַז „די פּרודאָניסטישע קליקע“ צווישען די סטודענטען אין פּאַריז פּרעדיגט פרידען און ערקלעהרט מלחמה פאַר אַן אַלטע באַרבאַריי, און די נאַציאָנאַלי־טעטען פאַר פּוסטע פראַזען, א. ז. וו. אין אַנדער בריעף (דאַטירט דעם 20טען יוני, 1866) צו ענגעלס'ן דערצעהלט מאַרקס, אַז נאָכדעם ווי פּאָל לאַפאַרג האָט גערעדט אויף אַן אספּה אין לאָנדאָן אין פראַנצויזיש (וואָס קיינער האָט דאָרטען ניט פערשטאַנען) ג ע ג ע ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט ע ן, האָט ער (מאַרקס) אָנגעוויזען, אַז לאַפאַרג בעמערקט גאָרניט, דאָס בשעת ער טרעט אַזוי אַרויס גע־גען נאַציאָנאַליטעטען, מיינט ער איינפאַך „זייער אַבסאָרפּציאָן (איינגעשלונגען ווערען) דורך די מאָדעל־נאַציאָן: פראַנקרייך“...

ווי ווייט מארקס האט ניט געהאלטען פון א „סטרייק געגען מלחמה“, ווי די פראנצויזישע און בעלגישע אינטערנאציאנאליס־טען האבען עס געפּרעדיגט, צייגט בעזאנדערס זיין אויבענדערמאנ־טער בריעף פון 16טען סעפּטעמבער 1868 צו ענגעלס'ען. דארטען לאכט ער זיך פּשוט אויס פון דעם „בעלגישען אונזין ארויסצורופען א סטרייק געגען מלחמה“.

אויף דעם בריסעלער קאנגרעס איז אבער דאך אנגענומען גע־ווארען א רעזאלוציאן, אז „די ארבייטער זאלען אויפהערען יעדע ארבייט אין פאל א מלחמה וועט אויסברעכען אין זייערע לענדער“.

דאס איז געווען א פּארשפּיעל פון דער גרעסטער וועלט־טראַ־געדיע, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען מיט 46 יאהר שפּעטער. שווע־רע קריעגס־וואלקענס האבען זיך דאן צוזאמענגעצויגען איבער דער אייראפּעאישער וועלט, ספּעציעל איבער דייטשלאנד און פראנק־רייך, אזוי ווי אין 1914... מען האט זיך דאן געשראקען ניט בלויז פאר א מלחמה צווישען ביסמארק'ס פּרייסען און נאפּאלע־אנ'ס פראנקרייך, וואס עס האט טאקע פּאסירט אין 1870 צום גרעס־טען אונגליק פון דער מענשהייט, זאנדערן אויך פאר א וועלט־קריעג. נור די פּאליטישע לאגע איז אין יענער צייט געווען אזעלכע, אז אין דער דייטש־פראנצויזישער מלחמה האבען זיך אנדערע לענ־דער ניט ארייגנעמישט, און אז אלוועלטליכער קריעג איז אזוי אויסגעמיידעט געווארען.

אבער די אינטערנאציאנאליסטען און ספּעציעל די פראנצוי־זישע רעוואלוציאנערען זיינען דאן מוטהיג ארויסגעטראטען געגען מלחמה, אזוי ווי די סאציאליסטען אויף די קאנגרעסען פון צווייטען אינטערנאציאנאל בעפאר דעם גרויסען וועלט־קריעג פון 1914. וועהרענד מארקס האט דאן געמיינט, אז א סטרייק געגען מלחמה איז גאר עפּעס אונזין, האבען עס די פּרודאניסטען און רעוואלוציאנערען געפּרעדיגט און אויסגעדריקט אין דער אויבענגעבראכטער רעזאלוציאן אויף דעם בריסעלער קאנ־גרעס. אין דער זעלבער צייט האבען זיי אויך אגיטירט געגען נא־ציאנאלע פּאראורטהיילע בכלל.

דער פינפטער פונקט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון בריסעלער קאָנגרעס צייגט, אַז די פּרודאָניסטען האָבען נאָך אַלץ געהאַט אַ גרויסען איינפלוס. דאָס איז געווען דער פּונקט „איבער דעם מוטו־אַלען קרעדיט צווישען אַרבייטער". די בריסעלער סעקציאָן האָט נעמליך אַריינגעבראַכט אַ פּראָיעקט וועגען די גרינדונג פון „אַ באַנק אָהן פּראָפיטען", און דער קאָנגרעס האָט בעשלאָסען איבערצוגעבען דיזען פּראָיעקט צו דער בעטראַכטונג פון אַלע סעקציאָנען און אַריינברענגען אויף דעם נעכסטען קאָנגרעס אַן אויספיהרליכען רעפּאָרט איבער דיזער פראַגע אין אַלגעמיין, אום מען זאָל קענען פאַסען אַ בעשטימטען בעשלוס.

אין פערבינדונג מיט דעם מוטואַלען קרעדיט איז אויך געשטאַנען דער פונקט וועגען קאָאָפּעראַציאָנען, וואָס איז שוין אין אַלגעמיינען בעטראַכט געווען אויף דעם ערשטען קאָנגרעס אין גענף. צו גונסטען פון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען זיינען אַרויסגעטראַטען ספּעציעל די בעלגישע דעלעגאַטען, ווייל אין זייער לאַנד האָט זיך גראַדע דיזער צווייג פון דער אַלגעמיינער אַרבייטער בעוועגונג בעזאָנדערס ברייט און שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסען. עד היום בלייבט דאָך בעלגיען, ווי בעוואוסט, אַ מוסטער פאַר קאָאָפּעראַטיווע אַרביימער־געזעלשאַפטען. דער בריסעלער קאָנגרעס האָט יעדענפאַלס בעשלאָסען צו רעקאָמענדירען צו אַלע מיטגליע־דער פון „אינטערנאַציאָנאַל" און צו אַרבייטער בכלל אַריינצוטרעטען אַלס מיטגליעדער און צו נעהמען אנטהייל אין פערשיעדענע קאָאָפּעראַציאָנען.

* * *

אויף דעם פיערטען קאָנגרעס פון „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכער האָט שטאַטגעפונען אין 1869 אין דער שווייצארישער שטאָדט באַזעל, איז די פראַגע וועגען פּריוואַט־אייגענטהום ווייטער זעהר היים דעבאַטירט געוואָרען, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצוטרעטען געגען פּריוואַט־אייגענטהום אין יעדער פאָרמע, געגען פּערזענליכען אייגענטהום בכלל.

די שטרייטען צווישען די מוטואליסטען און קאמוניסטען זיי־נען איבערהויפט אלץ שטארקער געווארען. צווישען די קעמפפער פאר די אבשאפונג פון פריוואט־אייגענטהום בכלל האט זיך שוין אויף דיעזען קאנגרעס געפונען דער וועלט־בעריהמטער רוסישער רעוואלוציאנער מיכאאיל באקונין. דיעזער מערקוויר־דיגער מאן, וועלכער איז געווארען דער פיהרער פון די פעדעראליס־מען, אדער, לויט ווי מען האט זיי שפעטער גענומען רופען, אנאר־כיסטען געגען די צענטראליסטען אדער מארקסיסטען, איז צוערשט ארויסגעטראטען אלס דעלעגאט פון די ליאנער זיידען־וועבער אויף דיזען קאנגרעס אין באזעל. ער האט אזוי געקענט נעהמען אנטהייל דירעקט אין די דעבאטען אויף די זיצונגען, ניט דורך אנדערע, ווי דאס איז אויסגעקומען צו טהאן קארל מארקס'ן, וועלכער איז אויך דיעזעס מאל ניט געקומען אפילו אלס דעלעגאט פון גענעראל־ראטה. באקונין האט דארום געקענט בעסער ווירקען אויף די דע־לעגאטען, בעזאנדערס פון די ראמאנישע לענדער, וועלכע זיינען שטענדיג גענויגט מעהר צו רעוואלוציאנערע האנדלונגען, צו די־רעקט אקציאן, איידער צו לאנגזאמע און סיסטעמאטישע ארגאני־זאציאנס־ארבייט און צו פארלאמענטארישע אקציאן, און וועלכע זיינען געוועהנליך מעהר סאציאליסטען מיט'ן הארצען איידער מיט'ן קאפ.

די מייסטע פון די 84 דעלעגאטען, וועלכע זיינען זיך צוזאמענ־געקומען צום קאנגרעס אין באזעל, זיינען ווידער געווען פראנצוי־זען און שווייצער. פון ענגלאנד זיינען געקומען בלויז זעקס דע־לעגאטען, און דאס אויך אלץ מיטגליעדער פון לאנדאנער גענעראל־ראטה, אבער ווידער ניט קארל מארקס. צווישען די עטליכע דע־לעגאטען פון דייטשלאנד איז גראדע געווען ווילהעלם ליעב־קנעכט, וועלכער איז געשיקט געווארען פון אייזענאכער קאנגרעס אלס פערטרעטער, מעג מען זאגען, פון דער ניי־געשאפענער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע.

אין דער ליסטע פון די דעלעגאטען אויף דיעזען באזעלער קאנ־גרעס, ווי זי איז פערעפענטליכט אין דעם שוין אויבענדערמאנטען בוך פון אסקאר טעסטיו, געפינט זיך אויך אן אמעריקאנער

מיט'ן נאָמען קאָמעראַן. ער איז געקומען אַלס פּערטרעטער פון אַ „נעשאַנעל לייבאָר יוניאָן פון יונייטעד סטייטס", ווי דאָס וועט איבערגעגעבען ווערען אין אַ ווייטערן קאַפּיטעל.

די הויפּט־שלאַכט איז געפיהרט געוואָרען אויף דיזען קאָנגרעס וועגען דעם צווייטען פּונקט פון דער טאָגעס־אָרדנונג, נעמליך: וועגען ירושה־רעכט. די מוטואַליסטען אונטער דער לייטונג פון טאָלען, אַלס אָנהענגער איבערהויפּט פון אינדיווידועלע אייגענטהום, האָבען אָנגעשטרענגט אַלע זייערע קרעפטען צו בעוועגען דעם קאָנגרעס ניט אויסצושפּרעכען זיך געגען ירושה־רעכט, וואָס דאָס איז אייגענטליך דער הויפּט־פונדאַמענט פון פּריוואַט־אייגענטהום.

עס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אַז ווען מען זאָל אָבשאַפען אַט דיזען רעכט, ווען מען זאָל גאָרניט קענען איבערלאָזען אירגענד וועלכען פערמעגען צו אירגענד וועלכער פּערזאָן, אפילו ניט אַ פאָטער צו זיין זוהן אָדער טאָכטער, דאַן וועט עס דאָך ניט געהמען מעהר ווי אַ פּאָר דורות, ביז יעדער אייגענטהום וועט ווערען אַ קהל'שער, ביז אַלע רייכטהימער וועלען נאַציאָנאַליזירט אָדער סאָציאַליזירט ווערען. אויף אַזאַ אופן קען מען אין פערלויף פון אַ יאָהר־הונדערט ניט נור אָבשאַפען פּריוואַט־אייגענטהום אָהן שום רעוואָלוציאָנען, זאָנדערן אויך איינפיהרען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

די צרה איז אָבער, וואָס מען קען ניט אָבשאַפען דאָס ירושה־רעכט אָהן אַ ביטערען קאַמפּף מיט דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. קורץ גערעדט: אָהן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

אָרום יענער צייט זיינען די סאָציאַליסטען ווייט ניט געווען איינשטימיג וועגען דיזען העכסט־וויכטיגען פּונקט אין דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. עס קען זיין, אַז ווען באַקונין וואָלט ניט אַרויסגעטראָטען מיט זיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע פאַר די אָבשאַפונג פון ירושה־רעכט, וואָלט דיזער פּונקט דורכגעפאַלען. ער האָט טאַקע געקעמפּפט ווי אַ לייב און האָט אויך מיטגעריסען איינינע פון די מוטואַליסטען.

שליסליך איז די רעזאלוציאן פאר די אבשאפונג פון ירושה־רעכט אנגענומען געווארען מיט 32 שטימען דאפיר און 23 דאגע־גען; 17 דעלעגאטען האבען זיך צוריקגעהאלטען פון שטימען.

אזוי האבען די קאמוניסטען געזיעגט אויף אלע וויכטיגע סא־ציאליסטישע פונקטען, און די מוטואליסטען האבען זיך נאך דיע־זען קאנגרעס כמעט אין גאנצען צוריקגעצויגען. דער פארטיי־קאמפף האט זיך נאכדעם פונאנדערגעפלאקערט ספעציעל וועגען די ר ע ־ג י ע ר ו נ ג ס ־ פ א ר מ ע, ווי דאס וועט ווייטער ערקלעהרט ווערען.

קאפיטעל 19.

דער „אינטערנאציאנאל“ אין דער צייט פון דער פרייסיש־פראנצויזישער מלחמה און פון דער פאריזער קאמונע.

דער קאנגרעס אין באזעל אין 1869 איז געשלאסען געווארען מיט דער האפנונג, אז דעם נעכסטען קאנגרעס וועט מען שוין קענען אבהאלטען אין פאריז, אין דער גרויסער וועלט־שטאדט, וואס איז דאמאלס געווען אויך דער צענטראל־פונקט פון דער אינטער־נאציאנאלער סאציאליסטישער בעוועגונג.

אבער, צום גרעסטען אונגליק פון דער גאנצער מענשהייט, האט דיזע האפנונג ניט געקענט מקוים ווערען צוליעב דער מלחמה, וועלכע האט אויסגעבראכען אין 1870 צווישען פראנקרייך און פרייסען, א מלחמה וואס מען האט ערווארטעט נאך דעם פרייסי־שען זיעג איבער עסטרייך אין 1866 און וואס האט זיך געענדיגט אזוי אונגליקליך פאר פראנקרייך, דאס זי האט ענדליך געמוזט פיהרען צו נאך א פיעל גרעסערע און שרעקליכערע מלחמה — די וועלט־מלחמה, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען אין אויגוסט 1914.

וואס פאר א פאטאלער שיקזאל! אין 1914, אזוי ווי מיט 44 יאהר פריהער, איז דער „אינטערנאציאנאל“ איבערגעהאקט געווא־רען מיט א שווערד!

עס האט גענומען ארום צוואנציג יאהר נאך דעם פרייסיש־פראנצויזישען קריעג און נאך דער פאריזער קאמונע, וועלכע איז ענג פערבונדען געווארען מיט דעם סוף פון דיזער מלחמה, ביז די

פערטרעטער פון די פּראָלעטאַריאַטען פון אַלע ציוויליזירטע לענ־דער האָבען מאַקע געקענט זיך צוזאַמענטרעפען אויף אַ קאָנגרעס אין פּאַריז.

דיזע, זאָ־צו־זאָגען, אויפלעבונג פון „אינטערנאַציאָנאַל" איז געשעהען אין 1889, ווען מען האָט געפייערט אין פּאַריז דעם הונ־דערט־יעהריגען יובילעאום פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציאָן מיט אַ הערליכער וועלט־אויסשטעלונג. אין יענע פּאָר צעהנדליג יאָהר זיינען פּאָרגעקומען אונגעהויער וויכטיגע ענדע־רונגען אין דער גאַנצער וועלט, דאַרונטער אויך אין דער סאָציאַ־ליסטישער וועלט. אין אונזערע צייטען דרעהען זיך די רעדער פון פּראָגרעס מיט גרוים אימפּעט און קראַפט. מיר מאַכען יעצט דורך אין איין יאָהר מעהר סאָציאַל־פּאָליטישע ענדערונגען, ווי נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק אין פערלויף פון דורות.

מען מעג זאָגען, אַז אַ גאַנץ נייער „אינטערנאַציאָנאַל" איז אויפ־געקומען אין 1889. די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אַסאָציאַציאָן פון 1864, אַלס אַ פערבאַנד, צוזאַמענהאַלט אין סעקציאָנען פון פערשיי־דענע לענדער, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען נאָך דעם פּאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע אין 1871; אָבער די אידעען און שטרעבונ־גען פון סאָציאַליזם זיינען נישט נור פערבליבען איינגעוואָרצעלט, זאָנדערן האָבען זיך פערשטאַרקט, פערשפּרייט און פונאַנדערגע־טראַגען איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. דעם פּלאַץ פון די סעקציאָנען האָבען אין פערלויף פון דיזע 20 יאָהר פערנומען זעלבסטשטענדיגע, קלאַסען־בעוואוסטע פּאָליטישע פּאַר־טייען פון פּראָלעטאַריאַט, גענאַנט געוועהנליך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, אין יעדען פון די פּאָרט־געשריטענע לענדער. אין 1889 זיינען שוין מעהר ניט געווען מיט־גליעדער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" גופא, אַלס אַן אַלוועלטליכען אַרבייטער־פערבאַנד מיט געוויסע סטאַטוטען, מיט געוויסע רעכטע און פליכטען, מיט אַ צענטראַל־קאָמיטעט אָדער גענעראַל־ראַטה, נור מיטגליעדער פון נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און טרייד־יוניאָנס, וועלכע האָבען אויסגעקליבען דעלעגאַטען צו אַן אַלגעמיינען צוזאַמענפאַהר, צו אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס.

דער ערשטער „אינטערנאַציאָנאַל“ איז צופאַלען געוואָרען ניט נור צוליעב אויסערליכע אורזאַכען, ווי די פּרייסיש־פראַנצויזישע מלחמה און די פּאַריזער קאָמונע, זאָנדערן אויך צוליעב זעהר שאַרפע און וויכטיגע אינערליכע שטרייטען. אַזאַ „אינטערנאַציאָנאַל“, ווי אין די 60־גער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט, וועט שוין קיינמאָל ניט אויפלעבען. יעדענפאַלס ניט אין דער פאָרמע, ווי ער האָט עקזיסטירט אַרום זעקס יאָהר. אָבער אויף זיין פּלאַץ זיינען אויפגעבויט געוואָרען אַלע גרעסערע און שטאַרקערע פונדאַמענטען פון אַ מעכטיגער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דיזע פונדאַמענטען זיינען אויך געוואָרען פערבונדען דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ; אָבער דאָס איז ווייט, גאַנץ ווייט און פערשיעדען פון דעם גענעראַל־ראַטה פון ערשטען „אינטערנאַציאָנאַל“.

* * *

נור לאָמיר ניט פאַרלויפען פאָראויס. זיין העכסטע שפּיצע האָט דער ערשטער „אינטערנאַציאָנאַל“ דערגרייכט צו דער צייט פון דער פּאַריזער קאָמונע, וועלכע מעג גערעכענט ווערען פאַר דעם ערשטען ציעלבעוואוסטען רעוואָלוציאָנערען אַרויסטריט פון אַרבייטער־קלאַס געגען די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט. עס וועט אפילו זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז די אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע זיינען געוועזען בעזאָנדערס צאַהלרייך אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָדט, ווי מיר ווייסען עס שוין, און צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען בעזאָנדערס פעהיגע און מוטהיגע רעוואָלוציאָנערען, האָבען עס אַרויסגערופען דעם אויפשטאַנד פון די פּאַריזער אַרבייטער דעם 18טען מערץ, 1871, אַז אויפשטאַנד וואָס איז פערשריבען געוואָרען מיט בלוט־רויטע בוכשטאַבען אין דער וועלט־געשיכטע אונטער דעם נאָמען „פּאַריזער קאָמונע“. אָבער עס קען קיין צוויי־פעל ניט זיין, אַז זיי האָבען געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע און וויכטיגע ראָלע אין דעם. די הויפּט־ווירקונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ איז געוועזען, וואָס ער האָט אַלץ אונטערגעיאָגט אויף אַ סאָציאַליסטישען וועג די מיטגליעדער פון דער פּאַריזער קאָמונע, די „קאָמונאַ־

רען", ווי מען רופט זיי, אום זיי ניט צוזאמענמישען מיט ווירקליכע קאמוניסטען.

די געשיכטע פון דער פאריזער קאמונע וועלען מיר שילדערן אין א בעזונדערען טהייל פון דיזער געשיכטע פון סאציאליזם. דא וועלען מיר דערווייליגע בעמערקען, אז דער שיקזאל פון דיזער פראלעטארישער רעוואלוציאן, וועלכע איז דערשטיקט געווארען פון דער קאפיטאליסטישער רעגירונג אין טייכען בלוט, איז אזוי ענג צוזאמענגעפלאכטען געווארען מיט'ן „אינטערנאציאנאל", אז עס איז שווער זיי אין גאנצען אפצוזונדערען. פערשיעדענע פאליטישע און עקאנאמישע אורזאכען האבען ארויסגערופען דעם אויפשטאנד פון די פאריזער ארבייטער דעם 18טען מערץ, 1871. טהיילווייז איז דיזער אויפשטאנד געווען א נאכוועהענים פון דעם פריסיש־פראנצויזישען קריעג. דאס איז איבערהויפט געווען א שרעקליכע צייט פאר פראנקרייך. ניט אומזיסט טראגט דיזער יאהר אין דער געשיכטע פון פראנקרייך דעם נאמען „שרעקליכער".

די פאריזער קאמונע איז צוערשט געווען א פ א ל י ט י ש ע פאלקס־בעוועגונג, ספעציעל א בעוועגונג צו בעשיצען די רעפובליק, וועלכע איז פראקלאמירט געווארען דעם 4טען סעפטעמבער, 1870, נאך דעם פאל פון סעדאן און נאך דער געפאנגענשאפט פון נאפאלעאן דעם דריטען,—אט די רעפובליק, וועלכע עקזיסטירט עד היום. מען האט איהר דאן איינגעפיהרט געגען די מאנארכיסטען און בכלל רעאקציאנערן וועלכע האבען געוואלט ווייטער פיהרן די גרענדע. נור די אויפגעקלערטע ארבייטער, וועלכע האבען דאן געלעגט בעזאנדערס גרויסע האפנונגען אויף א רעפובליקאנישע רעגירונגס־פארמע, האבען געוואלט פערכאפען דעם רעגירונגס־רודער אין זייערע הענד, אום דורכצופיהרען וויכטיגע ראדיקאלע און סאציאלע רעפארמען. זייער פאליטישער אידעאל איז געווען צו ארגאניזירען א פ ע ד ע ר א ט י ו ו ע ר ע פ ו ב ל י ק פון קאמונען אדער געמיינדען (די בעדייטונג פון דעםווארט „קאמיון" אין פראנצויזיש איז אויך געמיינדע, קהילה), ווי בלאנקי און זיינע נאכפאלגער האבען עס געפאדערט. פאריז האט עס געזאלט דיענען אלס מוסטער פון אזא קאמונאלער ארגאניזאציאן פאר אלע שטעדט און דערפער אין

פראַנקרייך און אויך, ווי פיעלע סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען האָבען עס דאָן געטרוימט און געהאָפּט, פון אַ ל ע צ י וו י ל י ־ ז י ר ט ע ל ע נ ד ע ר.

ליידער אָבער זיינען אפילו צווישען די אָנפיהרער פון דער פּאַריזער קאָמונע געווען גאַנץ וועניג גרינדליכע און ציעל־בעוואוסטע סאָציאַליסטען. מיט דער אויסנאַהמע פון די 18 אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע זיינען געוואָרען מיטגליעדער פון דעם ראַטה פון דער קאָמונע אין פּאַריז, זיינען די אַנדערע 72 מיטגליעדער געווען סתם ראַדיקאַלען און רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען נאָך אַלץ געווען אונטער דעם איינפלוס פון די אידעען פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. דאָס זיינען אַלץ געווען עהרליכע, בראַווע און אָפּפערוויליגע מענשען, וועלכע זיינען געווען בעריים צו בעצאָהלען, און די מייסטע פון זיי האָבען טאַקע בעצאָהלט, מיט זייערע לעבענס פאַר זייערע אידעאַלען, אָבער זיי זיינען אייגענטליך געווען גאַנץ ווייט פון סאָציאַליזם און האָבען זאָגאַר געקוקט מיט פיינדליכע אויגען אויף דער קליינער גרופּע אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט בענוצען מיט דיעזער געלעגענהייט, אום דורכצופיהרען מאַנכע רעפאָרמען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף די קאָנגרעסען פון „אינטערנאַציאָנאַל“, און איבערהויפּט צו פערווירקליכען ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פּלענער.

מען מעג זאָגען, אַז נור דיעזע אינטערנאַציאָנאַליסטען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכענט דער שוין אונז בעקאַנטער וו אַ ר ל ע ן, האָבען עס געגעבען דער פּאַריזער קאָמונע די ס אָ ־ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פ אַ ר ב, אָ ט די ר ו י ט ע, וועלכע האָט אַרויפגעיאָגט אַ טויט־שרעק אויף די קאַפּיטאַליסטען און אויף אַלע פאָלקס־פיינד פון דער גאַנצער וועלט.

אונטער די שרעקליכע אומשטענדען, אין וועלכע גאַנץ פראַנקרייך און ספּעציעל פּאַריז האָבען זיך דאַמאָלס געפונען, נאָך אַלע מיליטערישע נידערלאַגעס און פּאָליטישע אונרוהען, ווען אַרום פּאַריז זיינען נאָך געשטאַנען די זיעגרייכע דייטשע אַרמעען און ווען די רעאַקציאָנער־בורזשואַזע רעגירונג אונטער דער פיהרונג פון

אַזאַ אַלטען און דורכגעטריבענעם פּאָליטיקער, ווי דער בעריהמטער ט י ע ר, האָט זיך בעפעסטיגט אין דער אַלטער קעניגליכער שטאָדט ווערסאַיל און צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע אַרמעע צו פּער־כאַפּען צוריק די גרויסע הויפּטשטאָדט — דאַמאָלס וואָלטען די קאָמונאַרען סיי ווי סיי ניט געקענט אויפהאַלטען פיעל צו פּערבעסערען די זעהר טרויעריגע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבייטער־מאַסען, ווען זיי וואָלטען אפילו געהאַט אַ גאַנץ בעשטימטע און פעסט־אָנ־געצייכענטע ס אָ צ י אַ ל ע פּראָגראַם און ווען זיי וואָלטען ניט געווען צוטהיילט אין פערשיעדענע פּאַרטייען און גרופּען.

יעדענפאַלס, דאָס וואָס זיי האָבען פּרובירט איינצופיהרען אין דער זעהר קורצער און שטורעמדיגער צייט פון זייער פערוואַלטונג — די פּאַריזער קאָמונע האָט עקזיסטירט בלויז אַרום דריי מאָנאַט — צייגט קלאָהר און דייטליך, ווי וויט זיי האָבען זיך אין אַלגעמיינען אונטערשיידעט פון אפילו גאַנץ ראַדיקאַלע בורזשואַזע רעגירער. אייניגע דעקרעטען (בעפעהלען), וועלכע זיינען דאָן אַרויסגעלאָזען געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון די אינטערנאַציאָנאַליסטען, בלייבען די בעסטע ירושה פון דער פּאַריזער קאָמונע פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט. למשל, דער דעקרעט, אַז אַלע פערלאָזענע פאַב־ריקען און ווערקשטאַטען זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו אַרביי־טער־פערייניגען און קאָאָפּעראַציאָנען און אַז עס זאָל געשאַפען ווע־רען אַ קאָמיסיאָן צו אָרגאַניזירען אַזעלכע אַרבייטער־פּערבאַנדען; דער דעקרעט, אַז נ אַ כ ט ־ אַ ר ב י י ט ז אָ ל א ו י פ ה ע ר ע ן אין ב ע ק ע ר ײ ע ן, אַז פאַר דער צייט פון דער מלחמה זאָל מען ניט דאַרפען צאָהלען דירה־געלד; דער דעקרעט, אַז אַלע מאַ־יאָנטקעס, קלויסטערס און הייזער פון די גייסטליכע זאָלען ווערען קהל׳שע איינגענטהום, א. אז. וו.

איבערהויפּט האָט אַ גאַנץ אַנדער ג ײ ס ט געהערשט אין דיזער ערשטער רעגירונג פון אמת׳ע פאָלקס־פריינד, טאַקע פון אַר־בייטער פאַר אַרבייטער — אַ גייסט, וועלכער דערשרעקט נאָך עד־היום די בורזשואַזיע, ווען מען דערמאָנט נור אָן דער „פּאַריזער קאָמונע“, און וועלכע רופט אַרויס אין די רייהען פון ציעל־בעוואוס־

טען פראָלעטאַריאַט האָפנונגען אויף אַ ס אָ צ י אַ ל ע ר ע ו ו אָ־ל ו צ י אָ ן.

די פּאַריזער אַרבייטער האָבען אָבער, צום אונגליק, שרעקליך טהייער בעצאָהלט פאַר דיעזען פערזוך צו פערכאַפּען די פּ אָ ל י־ט י ש ע מ אַ כ ט א י ן ז י י ע ר ע ה ע נ ד און אָפּצושאַפען די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט, ווי דאָס וועט געשילדערט ווערען שפּעטער. דערווייל לאָמיר זיך אומקעהרען צו דער געשיכטע פון „אינטערנאַציאָנאַל“ גופא.

קאפיטעל 20.

די שפּאַלטונגען אויף דעם האַאַגער קאָנגרעס.

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָציאַציאָן, ווען עס וואָלט גאָר־נים געקומען צו דער מלחמה צווישען פראַנקרייך און פּרייסען אין 1870 און נאָכהער צו דער פּאַריזער קאָמונע. געוועהנליך מיינט מען, אַז דיזע גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען האָבען עס געפיהרט צו דער פונאַנדערפאַלונג פון „אינטערנאַציאָנאַל". אָבער עס איז גאַנץ מעגליך, אַז דאָס וואָלט אויך געשעהן דורך די א י נ ע ר ־ ל י כ ע שטרייטען און שפּאַלטונגען.

די שרעקליכע אונטערדריקונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, די טייבען פּראָלעטאַרישע בלוט וואָס זיינען פערגאָסען געוואָרען אין פּאַריז אין דער צייט, ווען די אַרמעען פון דער בורזשואַזער רעגי־רונג אין דער אַלטער קעניגליכער שטאָדט ווערסאַיל האָבען זיך אריינגעריסען אין פּאַריז און האָבען מיט אַ ווילדער גרויזאַמקייט געשאָכטען טויזענדע ארבייטער אין די מאַי־טעג פון 1871, וועלכע זיינען פערצייכענט געוואָרען אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָ־מען „די בלוטיגע וואָך" — דאָס האָט געוויס בייגעטראָגען צו דער אָבשוואַכונג פון דער גאַנצער ציעלבעוואוסטער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג.

גאַנץ איינפאַך: דער בעסטער און מוטהיגסטער טהייל פון די אינטערנאַציאָנאַליסטען אין דעם רעכטען צענטער פון דיעזער בעוועגונג, אין דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער וועלט־שטאָדט, ווי אויך די בלאַנקיסטען און אַנדערע בראווע רעוואָלוציאָנערען, זיינען

אויסגעשלאָכטעט געוואָרען. אַ סך אַרבייטער־פיהרער זיינען אויך פעראורטהיילט געוואָרען פון מיליטערישע געריכטען צו לעבענס־לענגליכע קאַטאָרגע אויף זעהר אונגעזונטע טראָפּישע אינזלען. די געפאַנגענע האָט מען געהאַלטען אין קאַזעמאַטען און בעהאַנדעלט מיט אַ ווילדער רציחה. די זיעגרייכע בורזשואַזיע האָט גענומען בלוטיגע נקמה פאַר איהר שרעק דעם 18טען מערץ, 1871, ווען די קאָמונע איז פּראָקלאָמירט געוואָרען. איהרע שטאַאַטסמענער און גענעראַלען האָבען ניט געקענט מוחל זיין די פּאַריזער אַרבייטער זייער „חוצפּה“ אַראָפּצושליידערען פון זיך דעם קאַפּיטאַליסטישען יאָך און אָרגאַניזירען אַן אייגענע רעגירונג אויף די פונדאַמענטען פון אמת'ע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. אַלע רעאַקציאָנערען און פאָלקס־פיינד, אַלע אָנהענגער און אונטערשטיצער פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג האָבען זיך פערבונדען ניט נור אויסצוראָטען די אַנטהיילנעהמער אין דער פּאַריזער קאָמונע, זאָנדערן אויך צו יאָגען און פערפאָלגען די אינטערנאַציאָנאַליסטען און סאָציאַליסטען — די „רויטע“ בכלל.

מען האָט דאָרום דורכגעפיהרט אין איניגע לענדער ספּעציעלע געזעצען געגען די מיטגלידער פון „אינטערנאַציאָנאַל“. אין פראַנקרייך האָט מען אָנגענומען דעם בעריהמטען „דיופאָר־געזעץ“ (נאָך דעם נאָמען פון דעם פּרעמיער דיופאָר אין 1872), אַז בלויז פאַר די אָנגעהעריגקייט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן זאָל מען קריגען דריי מאָנאַט געפענגניס און דערצו נאָך בעצאָהלען אַ שטראָף פון 50 ביז 1,000 פראַנק.

שפּיאָנען און אַגענטען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג פלעגען זיך נאָכיאָגען אויך אין אויסלאַנד נאָך די קאָמונאַרען, וועלכע עס איז געלונגען צו רעטען זיך פון די הענד פון זייערע בלוטדורשטיגע שונאים. די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט דאַן געגאָסען פּעך און שוועבעל אויף די אונגליקליכע קאָמונאַרען און בכלל אויף די „רויטע“. פון אַלע זייטען האָט מען געפאָדערט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, אַז מען זאָל אויסראָטען איינפאַך ווי ווילדע חיות אַלע די יעניגע, וואָס האָבען נור געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט דער פּאַריזער קאָמונע. די בורזשואַזיע האָט עס פּער־

לאנגט אין נאמען פון א י ה ר ארדנונג, נור זי האט נאטירליך געזוכט צו פערבלענדען די אויגען פון די פאלקסמאסען, אז זי פער־טרעט אויך ז י י ע ר ע אינטערעסען און אז זי האנדעלט גאר אין די אינטערעסען פון דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט. די קאמונארען און די אינטערנאציאנאליסטען האט מען פארגעשטעלט פשוט אלס רוצחים, אונטערצינדער און מערדער, אלס טייוואלים אין מענשליכער געשטאלט.

די פראנצויזישע רעגירונג האט אין יוני, 1871, דורך א צירקו־לאר צו אלע אנדערע רעגירונגען, פערלאנגט די אויסליפערונג פון די אנטלאפענע קאמונארען אויף דעם גרונד, דאס זיי זיינען איינ־פאכע פערברעכער און בכלל גאטלאזע מענשען, וועלכע ווילען אויך אפשאפען דאס „היילינגע" אייגענטהום. און די שפאנישע רעגירונג האט אין פעברואר 1872 אויפגעפאדערט אלע מעכטע צו נעהמען געמיינשאפטליכע שריטע געגען די קאמונארען און אינטערנאציא־נאליסטען, „וועלכע לייקענען גאט, ווילען אפשאפען פאמיליע און ירושה, אפזונדערן נאציאנען, און וועלכע שטרעבען צום וואהלזיין פון ארבייטער אויף דעם גרונד פון אן אלגעמיינער פערבינדונג"...

צו עהרע פון דער ענגלישער רעגירונג מוז פערצייכענט ווערען, אז זי איז אויך אין דיזער צייט פון אלגעמיינע העצעס און פער־פאלגונגען געגען סאציאליסטען בכלל און קאמונארען בפרט, גע־בליבען טריי צו איהרע ליבעראלע טראדיציעס. לארד גרענוויל, דער מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, האט דאן קורץ און שארף געענטפערט אויף דיזע נידערטרעכטיגע צירקולארען פון די שפאנישע און פראנצויזישע רעגירונגען, אז „לויט די בעשטע־הענדע געזעצען פון ענגלאנד, האבען אויסלענדער דאס רעכט צו קומען און צו בעזעצען זיך און אז זיי געפינען זיך דאן אונטער דעם זעלבען שוץ, ווי ענגלישע בירגער."

קורץ, ענגלאנד איז אלץ פערבליבען אן עיר מקלט פאר פאליטישע פערפאלגטע, דער שטארקסטער זייל פון פארלאמענטאריזם און פון פאליטישע פרייהייט. און די קאמונארען, וועלכע מען האט גע־טריבען פון אלע ראמאנישע לענדער, ווי אויך פון דייטשלאנד, עסטרייך און אפילו פון דער שווייץ, האבען געפונען א מקום

מנוחה נור אין ענגלאַנד און אין ענגליש־שפּרעכענדע לענדער, דאָ־רונטער, נאַטירליך, אויך יונייטעד סטייטס.

די קאָמונאַרען, וועלכע האָבען געהאַט דעם מזל צו אַנטלויפען פון פראַנקרייך, האָבען, נאַטירליך, פערלאָרען דעם מוטה נאָך אַזאַ ביטערע נידערלאַגע און נאָך אַזעלכע בלוטיגע פערפאָלגונגען. די איטאַליענישע, שפּאַנישע, דייטשע און אַנדערע מיטגלידער פון „אינטערנאַציאָנאַל" און פאָלקס־פריינד בכלל, וועלכע האָבען גע־לעגט גרויסע האָפנונגען אויף דער פּאַריזער קאָמונע, זיינען, נאַ־טירליך, אויך ענטמוטהיגט געוואָרען. מען האָט זיך דאַן אַרומ־געזעהן אין די רייהען פון די קעמפּפער פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג, אַז מען האָט צופיעל געטרוימט, צופיעל געגלויבט, צו שטאַרק גערעכענט אויף דער מאַכט פון די אויפגעקלעהרטע ארביי־טער און מען האָט אויסגעפונען, אַז מען האָט איבערהויפּט איבער־געשאַצט די אייגענע קרעפטען אין פערגלייך מיט די קאַפּיטאַליס־טישע. און דאָס האָט נאַטירליך געפיהרט ניט נור צו אַלץ שאַר־פערע זעלבסטקריטיק, זאָנדערן אויך צו אַלץ הייסערע און ביטערערע שטרייטען צווישען סאָציאַליסטישע און סתם רעוואָלוציאָנערע גרופּען און פּאַרטייען.

* * *

אין אַזאַ אַלוועלטליכער בעוועגונג, ווי די סאָציאַליסטישע, וועל־כע שטרעבט צו דער אָרגאַניזאַציאָן פון דער געזעלשאַפט אויף נייע יסודות, צו אַ ראַדיקאַלער אומענדערונג פון דער בעשטעהענ־דער אָרדנונג, מוזען דאָך שטענדיג פאָרקומען הייסע דיספּוטען און שטרייטען מכח די װעגען און מיטעל, ווי אַזוי דיעזען ציעל צו דערגרייכען אם שנעלסטען און אם בעסטען. דאָ־מאָלס האָט מען נאָך, מעג מען זאָגען, געטאַפּט אין דער פינסטער און געבלאָנדזשעט אויף אַזעלכע וועגען. אין אונזערע יאָהרען האָ־בען מיר דאָך שוין דורכגעמאַכט ערפאַהרונגען, אַ סך ערפאַהרונגען, און פיעל געלעהרענט פון דער פערגאַנגענהייט. די פּאַריזער קאָמונע גופא איז אויך געווען איינע פון אַזעלכע ערפאַה־רונגען. זייט דער גרינדונג פון „אינטערנאַציאָנאַל" האָט מען שוין אויספּראָבירט פיעלע מיטעל אין אינדוסטריעלע לענדער און מען

האָט אויך דורכגעמאַכט אַזאַ גרויסע און וויכטיגע **פּראַקטישע** שולע, ווי דער פּאַרלאַמענטאַריזם.

היינט, אַז מען ווייזט אָן אויף די מעלות און חסרונות פון פּאָ־ליטישער אַקציאָן בכלל און פון פּאַרלאַמענטאַריזם בפרט, האָט מען פאַר זיך אַ **געשיכטע** פון אַזאַ טהעטיגקייט און אויך די **רעזולטאַטען** אין פערשידענע לענדער. אָבער דאַמאָלס זיינען דאָס געווען אויסשליסליך **טהעאָרעטישע** שטרייטען, איינענטליך ויכוחים פון געוויסע שולען און קלויזען, פון אַזוי צו זאָגען, פּאָליטישע אַקאַדעמיעס. דאַמאָלס האָט מען פון אַלע זייטען זיך געשטיצט מייסטענס אויף פּאַרשטעלונגען, ספּעקולאַציאָנען און בכלל אויף גאַנץ וועניג בעגרינדעטע סאָציאַל־פּאָליטישע טהעאָריעס און השערות.

בעזאָנדערס האָט מען זיך דאָן אַרומגעריסען וועגען די פונקציאָנען אָדער עובדות פון שטאַאַט, וועגען די ראָלע פון אַ רעגירונג אין דער געזעלשאַפט. מיט דעם אריינטרעטען פון דעם פייערדיגען רוסישען רעוואָלוציאָנער באַקונין אַלס דעלעגאַט אויף דעם באַזעלער קאָנגרעס אין 1869, ווי דאָס איז שוין איבערגעגעבען געוואָרען אין אַ פּאָריגען קאַפּיטעל, איז דער אַלטער שטרייט צווישען די פּרודאָ־ניסטען אָדער מוטואַליסטען פון איין זייט און מאַרקסיסטען אָדער קאָמוניסטען פון דער אַנדער זייט, זעהר פערשאַרפט געוואָרען. עס זיינען דאָן אַרויסגעטראָטען צוויי הויפּט־פּאַרטייען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן: די **צענטראַ־ליסטישע** און די **פעדעראַליסטישע**. די ערשטע איז געפיהרט געווען פון די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיך מייס־טענס געפונען אונטער דעם איינפלוס פון קאַרל מאַרקס, און די צווייטע איז געווען אָנגעפיהרט פון באַקונינ׳ען, וועלכער האָט אַם קלאָהרסטען און שאַרפסטען אויסגעדריקט די שטרעבונגען און מיינונגען פון אַלע די יעניגע, וועלכע האָבען געקוקט מיט פערדעכ־טיגע אויגען אויף רעגירונגען בכלל און האָבען יעדענפאַלס בע־טראַכט אַ צענטראַל־רעגירונג אַלס אַ געפאַהר פאַר אמת׳ע פריי־הייט און אַלס אַ צרה, אַ קללה פאַר די גאַנצע מענשהייט.

דיעזע צוויי ריכטונגען אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ האָבען

אויך געקראָגען די נעמען „אוטאָריטערע“ און „אַנטי־אוטאָריטערע“ און שפּעטער די נעמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע“ און „אַנאַר־כיסטישע“.

די פּייערדיגע טהעאָרעטישע שטרייטען צווישען די פערטרע־טער פון דיזע צוויי שולען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ארביי־טער אַסאָציאַציאָן, האָבען פריהער אָדער שפּעטער געמוזט פיהרען צו אַ גרויסער שפּאַלטונג. עס איז געוואָרען און עס האָט געמוזט ווערען אונמעגליך פאַר ביידע פּאַרטייען צו בלייבען צוזאַמען אין איין אָרגאַניזאַציאָן, ווייל זייערע שטרעבונגען און האַנדלונגען זיינען געווען פּונקט פערקעהרטע, ענטשיעדען ענטגעגענגעזעצטע.

מיר זעהען עס דאָך אויך היינט, ווען אין דער סאָציאַליסטי־שער וועלט פערנעהמט מען זיך בכלל גאַנץ וועניג מיט „צוקונפט־פראַגען“, מיט דעם „מאָרגען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן“, אַז סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע מעגען גערעכענט ווערען פאַר די יורשים פון די „צענטראַליסטען“ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן, און די אַנאַרכיסטען, וועלכע מעגען גערע־כענט ווערען פאַר די יורשים פון די „פעדעראַליסטען“ דאָרטען, קענען גאָרנים הויזען צוזאַמען. אָבער דאַמאַלס, אין יענע יונגע און יעדענפאַלס זעהר ענטהוזיאַסטישע יאָהרען פון דער פּראָלעטאַ־רישער בעוועגונג, ווען מען האָט געמיינט און טאַקע בלינד גע־גלויבט, אַז פון דער אָדער יענער טהעאָריע וועגען שטאַאַט און רעגירונג העננט אָב די גאַנצע צוקונפט פון דער ציוויליזירטער מענשהייט און די גאַנצע גאולה פון אַרבייטער־קלאַס; ווען מען האָט זיך איבערהויפּט איינגעבילדעט, אַז מען קען אָנצייכענען דעם וועג פון דער וייטערער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג אין גאַנץ בעשטימטע גרעניצען — דאַ־מאָלס זיינען דיזע צוויי לאַגערען פון סאָציאַליסטישע קעמפּפער געווען נאָך פיעל פיינדליכער איינער צום אַנדערן, ווי היינט.

* * *

און די אונפערמיידליכע שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען אין 1872, ווען די דעלעגאַטען פון די איבערגעבליבענע סעקציאָנען פון „אינטער־נאַציאָנאַל“ האָבען ענדליך זיך געקענט צוזאַמענקומען אויף אַ קאָנ־

גרעס. דיעזער קאָנגרעס, דער פינפטער אין צאָהל, האָט שטאַטגעפֿונ־
נען אין דער האָלענדישער שטאָדט ה א א ג. דאָרטען האָט עס
זיך דער קאַמפף צווישען די צענטראַליסטען און פעדעראַליסטען
אַזוי פונאַנדערגעפלאַקערט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער
אַסאָציאַציאָן איז צושפּאָלטען געוואָרען.

אויף דיעזען קאָנגרעס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען 65 דעלע־
גאַטען, פון וועלכע 18 זיינען געווען פראַנצויזען און 15 דייטשען.
כמעט די גאַנצע צייט איז אַוועק אויף אינערליכע ריסעריייען. עס
האָט גענומען גאַנצע דריי טעג, ביז מען האָט געענדיגט די שטריי־
טען וועגען די מאַנדאַטען (קרעדענשעלס, אויף ענגליש) פון די
עטליכע צעהנדליג דעלעגאַטען.

דער פּאַרטיי־קאַמפף האָט געפלאַקערט אַרום די „אַליאַנץ פון
די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע“, וועלכע באַקונין האָט געשאַפען
מיט דער הילפע פון זיינע אַנהענגער אין די פעדעראַליסטישע סעק־
ציאָנען, מייסטענס אין דער פראַנצויזישער שווייץ. נור דער גע־
נעראַל־ראַטה האָט אויפגעלייזט דיזע סעקציאָנען אויף אַ דעלעגאַ־
טען־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן אין סעפּטעמבער 1871, וואו עס איז
בעזאָנדערס בעטאָנט געוואָרען די נויטווענדיגקייט פון פּ א ל י ־
ט י ש ע אַ ק צ י אָ ן אָדער, אויסדריקליכער גערעדט, פּ א ר ל א ־
מ ע נ ט אַ ר י ש ע ר ט ה ע ט י ג ק י י ט פאַר די נוצען פון
אַרבייטער־קלאַס.

דער שלום־וואָרט פון דער לאָנגער רעזאָלוציאָן, וואָס איז אָנגע־
נומען געוואָרען אויף דיעזער לאָנדאָנער קאָנפערענץ, לויטעט אַזוי:

„אין אַנבעטראַכט, דאָס די אָרגאַניזירונג פון אַרבייטער־קלאַס
אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי איז נויטווענדיג פאַר דעם טריאומף פון
דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן און פון איהר ענדציעל — די אַבשאַפונג
פון קלאַסען; דאָס די פעראייניגונג פון די איינצעלנע קרעפטע,
וואָס דער אַרבייטער־קלאַס האָט שוין דערגרייכט ביז אַ געוויסען
פּונקט דורך זיינע עקאָנאָמישע קאַמפּפס־מיטעל, דאַרף אויך דיענען
צו פערשטאַרקען דעם פּאָליטישען קאַמפף געגען זיינע עקספּלואַטאַ־
טאָרס — דאַרום ערקלעהרט די קאָנפערענץ צו אַלע מיטגליעדער
פון „אינטערנאַציאָנאַל“, אַז אין דעם קריעגס־צושטאַנד פון אַרביי־

טער־קלאַס בלייבען די עקאָנאָמישע בעוועגונג און די פּאָליטישע טהעטיגקייט אונצוטהיילבאַר פערבונדען.“

דאָס איז געווען פּונקט דער היפּוך פון דער רעזאָלוציאָן, וועלכע די אַליאַנציסטען אָדער פעדעראַליסטען פון דעם וועסטליכען אָדער פראַנצויזישען טהייל פון דער שווייץ האָבען אָנגענומען אויף זייער קאָנגרעס אין אַפּריל 1870, אין דער שווייצארישער שטאָדט לאַ שאָ־דע־פאָן. דאָרט האָט געלאָזט הערען איהר שטימע די „ראָמאַנישע פעדעראַציאָן“, אָדער ווי מען פלעגט איהר מייסטענס רופען נאָך דעם נאָמען פון איהר געגענד „די יורא (פראַנצויזיש אויסגעשפּראָ־כען זשורא) פעדעראַציאָן“.

אָט די פערטרעטער פון דיזער פעדעראַציאָן, וועלכע איז גע־ווארען אַלץ מעהר אַנאַרכיסטיש, האָבען ער ערקלעהרט אין זייער רעזאָלוציאָן, אַז „יעדע טהיילנאַהמע פון פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַזער רעגירונגס־פּאָליטיק קען האָבען אַלס רעזולטאַט נור די בעפעסטיגונג פון דער בעשטעהענדער אָרדנונג און זיין נור אַ שטערונג פאַר די רעוואָלוציאָנערע אַקציאָן פון פּראָלעטאַריאַט; דארום זאָלען זיך אַלע סעקציאָנען צוריקהאַלטען פון יעדער טהע־טיגקייט, וואָס בעצוועקט די סאָציאַלע אומענדערונג דורך פּאָליטישע רעפאָרמען, און זיי זאָלען אָנווענדען זייער גאַנצע טהעטיגקייט אויף דער גרינדונג פון פעדעראַטיווע אַרבייטער פערבאַנדען“.

עס פערשטעהט זיך, אַז אַ פעראייניגונג פון אַזעלכע צוויי פּאַרטייען און לעהרען איז געווען ווי אַ בעהעפטונג פון פייער מיט וואַסער. און דאָס האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעוויזען אויף דעם האאַגער קאָנגרעס. די קאָמיסיאָן, וואָס האָט געהאַט צו אונטערזוכען די מאַנדאַטען פון די דעלעגאַטען, האָט אַנערקענט אַלע מיט אויסנאַהמע בלויז פון 4, דאַרונטער צוויי פון די סעקציאָנען פון ניו יאָרק, וועגען וואָס עס וועט זיין די רעדע שפּעטער, אין אַ קאַפּיטעל איבער דעם אַנטהייל פון אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען אין די סעקציאָנען פון „אינ־טערנאַציאָנאַל“.

קאַרל מאַרקס זעלבסט איז געווען דער בעריכט־ערשטאַטער פון דעם קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט צו אונטערזוכען דעם גאַנ־

צען סכסוך וועגען דעם דעלעגאט וו. וועסט, פון דער ניו יארקער סעקציאן 12, און ער האט ערקלעהרט די גרינדע, ווארום מען דארף איהם צוריקווייזען. נאך א זעהר לאנגע דעבאטען איז עס מיט 49 געגען 8, וועלכע האבען זיך צוריקגעהאלטען פון שטימען, בעשלאסען געווארען ניט צו אנערקענען וועסט'ס מאנדאט.

איינער פון די רעזולטאטען פון דיזען סכסוך איז געווען, וואס מיט א גרויסער מאיאריטעט איז אנגענומען געווארען דער פאר־שלאג פון דעם בעלגישען דעלעגאט ברימע, אז אין דער צוקונפט זאל מען ניט אריינגעהמען אזעלכע סעקציאנען, וועלכע ווערען געגרינדעט פון בורזשואזע ראדיקאלען.

ווען מען איז ענדליך פטור געווארען פון די רייסערייען און פערדרעהענישען וועגען עטליכע מאנדאטען, האט זיך ערשט אנגעפאנ־גען די ווערטער־שלאכט וועגען די רעכטע פון דעם גענעראל־ראטה, וועלכער איז איבערהויפט זעהר שארף קריטיקירט געווארען פון די פעדעראליסטען. און ווען די צענטראליסטען האבען שליסליך דורכגעפיהרט זייערע פונקטען וועגען גענעראל־ראטה, האט זיך צופלאקערט א דעבאטע איבער דער רעזאלוציאן פון דער לאנ־דאנער קאנפערענץ וועגען פאליטישע אקציאן.

צווישען די געגנער פון דיזער רעזאלוציאן איז דארט געווען עדוארד וואיאן, איינער פון די פעהיגסטע און איינפלוס־רייכסטע אנהענגער פון דעם גרויסען רעוואלוציאנער בלאנקי. נור מיט דער צייט איז ער אלץ מעהר צוגעשטאנען צו די מארקסיסטען און האט שפעטער אויך גענומען א גרויסען אנטהייל אין דעם פארלאמענטארישען קאמפף. ער איז אויך עטליכע מאל אויסגע־וועהלט געווארען אלס מיטגליעד פון דער דעפוטירטען־קאמער. וואיאן איז דאן געשיקט געווארען אלס דעלעגאט פון א בלאנקיס־טישער גרופע, און ער האט ערקלעהרט, אז „געגען געוואלט מוז מען געברויכען געוואלט", אז „דער עקאנאמישער קאמפף מוז צוזא־מענגעשמאלצען ווערען מיט'ן פאליטישען קאמפף" און אז „די אבשאפונג פון קלאסען קען דורכגעפיהרט ווערען נור דורך א רעוואלו־ציאן, דורך די דיקטאטור פון פראלעטאריאט."
און אזוי זיינען געווען די גרונד־פונקטען פון בלאנקיזם.

נור דער הויפּט־רעדנער געגען פּאָליטישער אַקציאָן איז דאָרט געווען **דזשעמס גיליאַם**, באַקונינ'ס רעכטע האַנד און איינער פון די פיהרערס פון דער יורא־פעדעראַציאָן *). „מיר ווי־לען אָרונטערוואַרפען אַלע רעגירונגען", האָט ער ערקלערט. „לײדער האָבען מיר זיך געלאָזט אַנרופען מיט'ן נאָמען **אַבסטענציאָניס־טען**, וואָס פּרודאָן האָט שלעכט אויסגעקליבען. אין דער אמת'ען זיינען מיר גאָר אַנהענגען פון אַ **געוויסער פּאָליטיק**, נעמ־ליך, פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן און פון דער **צערשטע־רונג** פון דער בורזשואַזער שטאַאַטס־פּאָליטיק."

* * *

אָבער אין רעכטען ברען פון דיעזער ערשטער גרויסער ווערטער־שלאַכט צווישען סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען האָט פּאַ־סירט עטוואָס, וואָס האָט געפיהרט און געמוזט פיהרען צו אַן ענד פון גאַנצען „אינטערנאַציאָנאַל". דאָס איז נעמליך געווען דער בעריהמטער פאָרשלאַג אַריבערצוציהען דעם גענעראַל־ראַטה פון לאָנדאָן נאָך ניו יאָרק.

דיעזער פאָרשלאַג, דאַטירט דעם 6טען סעפּטעמבער, 1872, האָט געלויטעט אַזוי:

„מיר שלאָגען פאָר, אַז פאַר דעם יאָהר 1872—1873 זאָל דער גענעראַל־ראַטה אַריבערגעצויגען ווערען נאָך ניו יאָרק און דאָס ער זאָל בעשטעהן פון פאָלגענדע מיטגליעדער: קאַוואַנאַ, סט. קלער, סעטי, לעוויעל, לאָרעל, בערטראַן, פ. באָלטע און ק. קאַרל.

„זיי זאָלען האָבען דאָס רעכט אויסצוקלייבען אַנדערע

---

*) אויסער די „עראינערונגען און דאָקומענטען וועגען אינטער־נאַציאָנאַל", אויף וועלכע עס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל, האָט ער אויך פערעפענטליכט אַ ביכעל אונטער דעם נאָמען „קאַרל מאַרקס — פּאַן־גערמאַניסט", וואו ער האָט צוזאַמענגע־קליבען אויסציגע פון מאַרקס'ס בריעף צו ענגעלס'ן און צו אַנדערע, אום צו בעווייזען, אַז דער פערפאַסער פון „קאַפּיטאַל" און דער פיהרער פון די קאָמוניסטען און צענטראַליסטען איז אויך געווען אַ פערקאָב־טער דייטש און זאָגאַר אַ פּאַן־גערמאַניסט. נור אַזעלכע בעהויפּטונגען זיינען אויך געמאַכט געוואָרען פון באַקוניג'ען און פון אַנדערע פערבי־סענע אַנטי־מאַרקסיסטען.

מיטגליעדער; אַבער די אַלגעמיינע צאָהל פון די מיטגליעדער פון גענעראַל־ראַטה זאָל ניט איבערשטייגען 15.״

נאָכהער האָבען געפאָלגט די אונטערשריפטען פון קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, דזש. טעקסטאָן, וו. ווראָבלעווסקי, שאַרל לאָנגע, איזשען דיופאָן, פ. לעסנער, לע מוסיו, מ. מאַלטמאַן באַררי.

דאָס איז געווען ווי אַ דונער פון אַ קלאָהרען הימעל אויף די קעפּ פון די באַקונינסטען, בלאַנקיסטען, פּרודאָניסטען און פעדע־ראַליסטען בכלל. די אַמעריקאַנער דעלעגאַטען, מיט וועלכע מען האָט זיך פריהער גאָרניט בעראַטהען וועגען אַזאַ שריט, זיינען אויך זעהר איבערראַשט געוואָרען. יעדענפאַלס איז די דאָזיגע אונערוואַרטעטע עהרע זיי גאָרניט געפעלען געוואָרען, ווייל זיי האָבען צו גוט געוואוסט, אַז אין אַמעריקא איז אייגענטליך גאָר קיין באָדען ניט געווען פאַר אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון אַזאַ אַלוועלטליכען אַרבייטער־פערבאַנד.

די געגנער האָבען גלייך ערקלעהרט, אַז דיעזער פאָרשלאַג מיינט פּשוט אַ שטילע בעגראַבעניס פאַר׳ן „אינטערנאַציאָ־נאַל״, ווי דאָס איז טאַקע באמת געוואָרען. פרידריך ענגעלס האָט אָבער אָנגעוויזען, אַז אַזוי ווי אין לאָנדאָן איז עס געוואָרען זעהר שווער אָנצוהאַלטען דעם גענעראַל־ראַטה דורך די אַלץ הייסערע און ביטערערע פּאַרטיי־שטרייטען, איז עס צוליעב די פערפאָלגונגען און געזעצען געגען „אינטערנאַציאָנאַל״ אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, קיין אַנדער זיכערער אָרט ניט געבליבען פאַר דעם גענעראַל־ראַטה, ווי נור אין אַמעריקא. דערצו האָט ער צוגעזעצט, דאָס איי־ניגע מיטגליעדער, בעזאָנדערס טאַקע איהם אַליין און מאַרקס׳ן, איז עס פּשוט איבערדריסיג געוואָרען אויסצושטעהן אַזוי פיעל ביטערע אַטאַקעס און אויך פערלוימדונגען פון זייערע געגנער. דאַרום איז עס זייער וואונש, אַז דער גענעראַל־ראַטה זאָל בעשטעהן פון גאַנץ נייע מיטגליעדער אין דער גרעסטער שטאָדט פון דער נייער וועלט.

די שאַרפסטע און ביטערסטע געגנער פון דיעזען פאָרשלאָג זיינען גראָדע געווען די בלאַנקיסטען, וועלכע האָבען זיך דאָן גע־פונען מייסטענס אין לאָנדאָן נאָך דעם פאַל פון דער קאָמונע. זיי

האָבען געזעכענט, אַז אין פאַל מאַרקס און ענגעלס וועלען זיך צור־ריקציהען, אום צו קענען זיך אָבגעבען מעהר מיט ליטעראַרישע אַרבייט און עקאָנאָמישע פאָרשונגען, וועלען זיי שוין בעקומען די מאַיאָריטעט אין גענעראַל־ראַטה. ווי שוין אויבען בעמערקט, זיי־נען די בלאַנקיסטען, און ספּעציעל וואַיאַן, געגאַנגען צוזאַמען מיט די מאַרקסיסטען געגען די באַקונינסטען, ווייל ביידע זיינען געווען ענטשיעדענע געגנער פון אַנאַרכיזם. אָבער ווען עס איז געקומען צום פּונקט וועגען אַריבערציהען דעם גענעראַל־ראַטה נאָך ניו יאָרק, האָבען אויך די בלאַנקיסטען ביטער אַטאַקירט די מאַרקסיסטען. און עס קען טאַקע זיין, אַז איינע פון די אורזאַכען, פאַר וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז דער גענעראַל־ראַטה זאָל אַריבערגעצויגען ווערען פון לאָנדאָן נאָך ניו יאָרק, איז טאַקע געווען, אום די בלאַנקיסטען זאָל ניט קריגען די אויבערהאַנד דאָר־טען.

יעדענפאַלס, אַלע טענות און פּראָטעסטען פון די בלאַנקיסטען מיט די פעדעראַליסטען בכלל געגען דעם דאָזיגען פאָרשלאַג, האָבען וועניג וואָס געווירקט אויף דער מאַרקסיסטישער מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטען, און שליסליך איז די פערשיבונג פון גענעראַל־ראַטה נאָך ניו יאָרק דורכגעגאַנגען מיט 31 געגען 14 שטימען (11 האָבען זיך גאָר צוריקגעהאַלטען פון שטימען).

די בלאַנקיסטען האָבען דאַן גלייך פערלאָזען די זיצונג פון קאָנגרעס און האָבען זיך שוין אין גאַנצען אָבגעטרייסעלט פון „אינ־טערנאַציאָנאַל“. זיי האָבען אויך אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט אין אַ בעזונדערער שריפט און האָבען געגרינדעט אַן אייגענע אָר־גאַניזאַציאָן אונטער דעם נאָמען די „רעוואָלוציאָנערע קאָמונע“, וואו זיי האָבען פּראָפּאַגאַנדירט זייערע אידעען וועגען אַ ב ע וו אַ־ פ ע נ ט ע רעוואָלוציאָן און אַ ד י ק ט אַ ט ו ר פ ו ן פּ ר אָ ל ע־ ט אַ ר י אַ ט דוקא נאָך דעם מוסטער פון דער פּאַריזער קאָמונע. אין דער זעלבער צייט האָבען זיי צוזאַמען מיט זייער לעהרער בלאַנקי, וועלכער האָט נאָך דאַן אַלץ געשמאַכט אין אַ געפענגניס, פעסט געגלויבט, אַז די גאולה פאַר די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט וועט קומען נאָר דורך אַ ס אָ צ י אַ ל ע ר ע וו אָ ל ו צ י אָ ן

אין פראנקרייך, ספעציעל טאקע אין פאריז. דארום האבען זיי אויך פערלאנגט, אז די סאציאליסטען און פרייהייטס־קעמפפער פון אלע לענדער זאלען מיט אלע כחות שטיצען די רעוואָלוציאנערען אין פראנקרייך, אום אזוי גיכער צו דערגרייכען די גאולה פון דער גאנצער מענשהייט.

* * *

וואס אנבעלאנגט די באקוניניסטען, זיינען זיי פארבליבען נאך דער צוריקציהונג פון די בלאנקיסטען, ווייל זיי האבען געוואלט דורכקעמפפען אויפ'ן קאנגרעס די פראגע וועגען זייער „אליאנץ". א קאמיטעט וואס איז אויסגעקליבען געווארען צו אונטערזוכען דיעזע אנגעלעגענהייט, האט נאך דער פארלעזונג פון דעם בעריכט רעקאמענדירט אויסצושליסען פון „אינטערנאציאנאל" באקונינ'ען און נאך פינף פעדעראליסטישע דעלעגאטען. דאן האט עס אויסגעבראכען דער שטורם, וועלכער האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס באקונין און דזשעמס גיליאם זיינען טאקע אויסגעשלאסען געווארען.

דאס איז שוין אבער אויך געוועזן דער סוף פון „אינטערנאציאנאל", ווי מיר וועלען עס זעהן אין די נעכסטע קאפיטלעך.

קאפיטעל 21.

דער קאנגרעס אין סט. אימיע און די שטרייטע צווישען מארקס און באקונין.

נאך דער גרויסער שפאלטונג אויף דעם האאגער קאנגרעס, ווען באקונין און גיליאם זיינען אויסגעשלאסען געווארען, ווי דאס איז ערקלעהרט אין פאריגען קאפיטעל, האבען די פעדעראליסטען אבגעהאלטען אן „אנטי־אטאריטערען" קאנגרעס אין דער שוויי־צערשער שטאדט ס ע נ ט א י מ י ע, וואו זיי האבען, נאטירליך, פערדאמט די האנדלונג פון די צענטראליסטען און „אטאריטערען".

צווישען די 15 דעלעגאטען אויף דעם דאזיגען קאנגרעס האבען זיך געפונען, אויסער באקונין און גיליאם, פיער פון שפאניען, איינער פון ניו יארק מיט'ן נאמען סאוואַ (אפנים א פראנצויז) און די איבעריגע זיינען געווען פראנצויזען, איטאליענער און שוויי־צערשע פראנצויזען — אלזא, אלע פערטרעטער פון ר א מ א נ י ש ע פ ע ל ק ע ר.

אלע זיינען זיי געווען ענטשידען געגען שטאאט בכלל און געגען פארלאמענטאריזם בפרט. אין איינער פון זייערע רעזאלוציא־נען ווערט געזאגט אויסדריקליך, אז „ד י פ ע ר נ י כ ט ו נ ג פ ו ן י ע ד ע ר פ א ל י ט י ש ע ר מ א כ ט איז די ערשטע פליכט פון פראלעטאריאט".

אויך אין בעלגיען, אין איטאליען און אין שפאניען האבען די פעדעראליסטען, וועלכע זיינען אלץ מעהר געווארען אויסגעשפרא־כענע אנארכיסטען, צוזאמענגערופען פראטעסט־פערזאמלונגען געגען די בעשלוסען פון דער „אטאריטערער" מאיאריטעט פון האאגער קאנגרעס. אין דער שפאנישער שטאדט קארדאווא איז צו ענדע פון 1872 אבגעהאלטען געווארען א קאנגרעס פון די באקוניניסטען,

און די רעזאָלוציאָנען פון דער יורא־פעדעראַציאָן איז פון קאָנגרעס פון סט. אימיע זיינען גוטגעהייסען געוואָרען.

אין די ענגלישע סעקציאָנען האָבען זיך אויך געלאָזט הערען שאַרפע פּראָטעסטען געגען דעם בעשלוס אריבערצוציהען דעם גענעראַל־ראַטה פון לאָנדאָן נאָך ניו יאָרק. פון אַלע זייטען זיינען אַזוי געפלויגען פּראָטעסטען און בעשולדיגונגען, און עס איז אויך געקומען צו זעהר ביטערע פּערזענליכע רייסערייען, בעזאָנדערס טאַקע צווישען די הויפּט־פיהרער: מאַרקס און באַקונין.

דאָס האָט דערגרייכט אַזוי וויט, אַז באַקונין האָט אָנגערופען מאַרקס'ן „זשיד" און אַז מאַרקס האָט איהם דערפאַר מכבד געווען מיט'ן טיטול „אַגענט פון צאַר."

אין זייער שטרייט האָט דאָן אויך טהיילוויז געשפּיעלט אַ געוויסע ראָלע די נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט ־ פ ר אַ ג ע. באַקונין האָט זיך אָפען אויסגעשפּראָכען אַלס אַ פּאַנסלאַוויסט, און מאַרקס'ן האָט מען גאָר אַריינגערעכענט צווישען די פּאַנגערמאַניסטען *).

אין א בריעף צו ענגעלס'ן דעם 27טען יולי 1869 האָט מאַרקס געשריבען: „עס איז קלאָהר, אַז דיעזער רוסע (באַקונין) וויל ווערען דער דיקטאַטאָר פון דער אייראָפּעאישער אַרבייטער־בעוועגונג. זאָל ער זיך אין אַכט נעהמען! זאָנסט וועט ער אָפיציעל עקסקאָמוניצירט ווערען" (און דאָס האָט טאַקע פּאַסירט מיט דריי יאָהר שפּעטער). און ענגעלס האָט דאָן געענטפערט אָנרופענדיג באַקונינ'ען „דער פערדאַמטער רוסע" און בעמערקענדיג: „ער (באַקונין) מוז

---

*) דאָס איז אויספיהרליך איבערגעגעבען אין אַן אַרטיקעל אין דעם פראַנצויזישען זשורנאַל „סאָציאַליסטישע בעוועגונג", נעמליך:

Les oppositions nationales de Marx et de Bakounine, par Hubert Lagardelle. Mouvement Socialiste, April 1913.

אויך געג. לעאָ דייטש, דער שטרענגער אָרטאָדאָקסישער מאַרקסיסט, וויזט אָן דערויף אין זיין אַרטיקעל איבער מיכאַיל באַקונין אין דער „צוקונפט" פון יולי 1914. ער שליסט דיעזען אַרטיקעל מיט די ווערטער: „באַקונינ'ס גלויבען אין רוסלאַנד איז אפשר געווען נאָך שטאַרקער פאַר זיין גלויבען אין די ראָמאַנישע לענדער. אַלע זיינע האָפנונגען האָט ער געלעגט אויף רוסלאַנד. און זיין איינפלוס דאָרטען איז געווען אַן אונגעהייער שטאַרקער. דיעזער איינפלוס האָט נאָך עד היום ניט אויפגעהערט, און אין רוסלאַנד האָט דער באַקוניניזם זיינע גרעסטע פערדיענסטען"...

זיך ניט איינבילדען צו קענען שפּיעלען גענענאיבער די ארבייטער אלס קאָסמאָפּאָליטישער קאָמוניסט און גענענאיבער די רוסען אלס היים־נאַציאָנאַלער פּאַנסלאַוויסט.״

אין אַ בריעף צו ענגעלס׳ען דעם 31טען יולי 1870, האָט מארקס אַזוי געשריבען: „רוס בלייבט רוס. וואָס איז דאָס פּאר אַ קלאָטש־מיכעליי (נארישער קוואטש)! זעקס רוסען צאַנקען זיך אַרום, עפּעס אזוי ווי די הערשאַפט איבער דער וועלט וואָלט אָבגעהאַנגען דערפון. און די אַנקלאָגע־פּונקטען געגען באַקונין זיינען נאָך ניט דריגענ, בלויז דער יאָמער איבער דעם געטומעל אין דער שווייץ.״

און אין אַ בריעף דעם נעכסטען טאָג האָט מארקס אזוי געשריבען: „וואָס אַנבעטרעפט די רוסען, וועלען זיי אויסגעפינען, דאָס איך בין „אַ קאָרסער קאָרסער ע דעמי״. דאָס איז אַ פראַנצויזישער אויסדרוק *), וואָס אויף דייטש ווערט עס איבערזעצט: „אויף אַ שעלם אַנדערטהאַלב שעלמען״.

מארקס האָט אַלץ געגלויבט, אַז דייטשלאַנד איז ניט דעמאָקראַטיש צוליעב איהר שכנות מיט דער טיראַנישער רוסישער אימפּעריע, און באַקונין האָט פּערקעהרט געגלויבט, אַז אין דער רוסישער טיראַניי איז אַלץ שולדיג די דייטשע רעגירונגס־סיסטעם. און דיעזע פּונקט־פּערקעהרטע מיינונגען זייערע האָבען אַלץ פערשאַרפט זייער קאַמפּף אין „אינטערנאַציאָנאַל״.

אין זיינעם אַ מאַניפעסט אין 1872 האָט באַקונין אויסגערופען: „לאָמיר שיקען די טאַטערס נאָך אזיען, די דייטשען נאָך דייטשלאַנד, און לאָמיר ווערען אַ פריעס פאָלק, אַ פּאָלק א ו י ס ־ ש ל י ס ל י ך ר ו ס י ש״. אין באַקונינ׳ס אויגען איז דייטשלאַנד געוועזען דער „סימבאָל פון אַטאָריטעט״, און דאָרום האָט ער בכלל פיינט געהאַט די „ניעמצעס (דייטשען)״. אין דייטשלאַנד האָט ער געזעהן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „אַ בעהעפּטונג פון ווי־סענשאַפט מיט ברוטאַליטעט צו פערשקלאַפען די מענשהייט...״

---

*) A corsaire corsaire et demi.

דער טייטש פון דעם וואָרט „קאָרסער״ איז פּיראַט אָדער ים־רויבער.

צו דער צייט פון די רעוואלוציאנען אין 1848 האט באקונין ארויסגעלאזען אן „אויפרוף צו די סלאווען“, אז זיי זאלען אין גאנ־צען אראבשליידערען פון זיך דעם עסטרייכישען יאך און בילדען זעלבסטשטענדיגע מלוכות. און מארקס האט זיך אויס־געלאכט דערפון, ווי פון א פאנטאסטישען פלאן... אין אונזערע צייטען אבער, 70 יאהר נאך דעם דאזיגען אויפרוף פון דעם פאנ־סלאוויסטישען רעוואלוציאנער באקונין, איז עס טאקע געשעהען: די עסטרייך־אונגארישע אימפעריע איז צושמעטערט געווארען, און נייע סלאווישע רעפובליקען זיינען אויפגעבויט געווארען אויף איה־רע חורבות. אט אזוי ווערען עס מאנכעסמאל מקוים אויך „פאנטאס־טישע פלענער“...

נאך דעם זיעג פון דייטשלאנד איבער פראנקרייך, אין 1871, האט באקונין ערקלעהרט, אז „די נידערלאגע פון פראנקרייך מיינט די נידערלאגע פון פרייהייט...“

אבער פון זיין זייט האט מארקס דאמאלס געקוקט אויף די סלאווען בכלל און אויף די רוסען בפרט פון אויבען אראפ, טאקע עפעס ווי דורך פאן־גערמאנישע ברילען. אט וואס ער האט גע־שריבען אין 1849 אין דער „נייער רהיינישער צייטונג“ וועגען באַ־קונינ׳ס „אויפרוף צו די סלאווען“:

„קיינער פון די סלאווישע פעלקער האט נים קיין צוקונפט, ווייל קיינער בעזיצט נים די ערשטע היסטארישע, געאגראפישע, פאליטישע, אינדוסטריעלע בעדינגונגען פון אונאבהענגיגקייט און לעבענסקראפט... נור דורך דעם שטרענגסטען ט ע ר א ר י ז ם ג ע ג ע ן ד י ס ל א ו ו י ש ע נ א צ י א נ ע ן קענען מיר (די דייטשען) פערזיכערען דעם באדען פון דער רעוואלוציאן *).“

אין זיין בראשורע „רעוואלוציאן און קאנטער־רעוואלוציאן אין 1848“ זוכט מארקס צו ערקלעהרען די אורזאכען, פארוואס די פאַ־ליאקען און די טשעכען זיינען נ י ט פ ע ה י ג געווען אנצוהאל־טען זייער נאציאנאלע אונאבהענגיגקייט, און ער רעדט דארטען

*) איך ציטיר דאס פון דעם אויבענדערמאנטען לאגארדעל׳ס אר־טיקעל.

אויך וועגן דער „ציוויליזאַטאָרישער מיסיאָן פון די דייטשען...“

באַקונין, וועלכער איז געווען אייגענטליך מעהר אַנטי־גערמאַ־ניסט איידער פּאַנסלאַוויסט, האָט אָבער פעסט געגלויבט, אַז „רוס־לאַנד וועט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אויף די הייליגע פעלדער פון דער דעמאָקראַטיע“, און מאַרקס האָט זיך אויסגעלאַכט אויך דער־פון, ווי דאָס קען מען שליסען פון זיינער אַ בעמערקונג צו דער ערשטער אויפלאַגע פון זיין „קאַפּיטאַל“, אַ בעמערקונג, וועלכע איז אָבער אַרויסגענומען געוואָרען פון די שפּע־טערע אויפלאַגען און וועלכע האָט געלויטעט אַזוי:

„הערצען, דיעזער האַלבער רוסע, וועלכער איז אָבער אַ גאַנצער מאָסקאָוויט, האָט ערנסט פאָראויסגעזאָגט די פעריונגערונג פון איירָאָפּאַ דורך דעם קנוט און דורך אַן איינשפּריצונג פון קאַלמו־קישע בלוט...“

אין איינער פון זיינע קאָרעספּאָנדלענצען צו דער ניו יאָרקער צייטונג „טריביון“, וועלכע זיינען שפּעטער אָבגעדרוקט געוואָרען אין אַ בוך אונטער דעם נאָמען „איסטערן קוועסטשען (אָריענטאַלי־שע פראַגע)“, ווייזט אַן קאַרל מאַרקס, אַז די רוסען זיינען מייס־טענס בעזיעגט געוואָרען אין מלחמות מיט ציוויליזירטע פעלקער.

אַרום דעם מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז מאַרקס ניט נור געווען אַ פייערדיגער אַנטי־רוס, זאָנדערן ער האָט אויך אַ ג י ־ ט י ר ט פ אַ ר אַ מ ל ח מ ה געגען רוסלאַנד, ווייל ער האָט דאַן פעסט געגלויבט, אַז דער צאַריזם איז די גרעסטע געפאַהר פאַר דער דעמאָקראַטיע. ער האָט דאַן געזעהן צוויי לאַגערען אין דער פּאָ־ליטישער וועלט: רוסלאַנד און אַבסאָלוטיזם פון איין זייט און רעוואָלוציאָן און דעמאָקראַטיע פון דער אַנדער זייט. דערביי האָט ער אויך געשריבען, אַז „די רוסישע ראַסע איז אַ באַרבאַרישע“, און ער האָט פּראָפעצייהעט, אַז „דער צאַריזם וועט בעזיעגט ווערען נור דורך דעם פאָרטשריט אין וועסט־איירָאָפּאַ, דורך די עקספּלאָדי־רענדע קראַפט פון אידעען... *)“

---

*) זעה מיין אַרטיקעל אין דער „צוקונפט“ (מערץ 1906) אונטער דעם נאָמען „קאַרל מאַרקס אַלס קאָרעספּאָנדענט“. וואָס וואָלט ער געזאָגט היינט, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציאָן?

שפעטער האט מארקס גענומען קוקען מיט אַנדערע אויגען אויף די רוסען, ווי דאס איז צו שליסען פון זיין בריעף צו די מיטגליע־דער פון דער רוסישער סעקציאָן פון „אינטערנאציאָנאל" אין גענף, דאטירט דעם 24טען מערץ, 1870. אין דיעזען בריעף, אין וועלכען ער ענטפערט זיי, אַז ער נעהמט אָן מיט פערגניגען די עהרענהאפטע פליכט צו זיין זייער פערטרעטער אין דעם גענעראל־ראטה, ערקלעהרט ער פאלגענדעס:

„אין אייער פראָגראם זאגט איהר, אז „דער צארסקער יאָך, וואס דריקט פוילען, איז דער אבהאלט, וואס שטערט צוגלייך דער פאָליטישער און סאָציאלער פרייהייט פוןביידע פעלקער — פון דעם רוסישען פאָלק אזוי ווי פון דעם פוילישען". איהר וואלט אויך געקענט צוזעצען, אז דער רוסישער פערכאפּ פון פוילען מיט געוואלט איז דער אונגליקסברענגענדער זייל און די ריכטיגע אורזאך פון דער עקזיסטענץ פון דעם מ י ל י ט ע ר י ש ע ן ר ע ז ש י ם אין דייטשלאנד און דורך דעם אויך אין גאנץ אייראָפּא. דארום, ווען די רוסישע סאָציאליסטען זוכען צו צוברעכען די קייטען פון פוילען, שטעלען זיי זיך אויף דערמיט די הויכע אויפגאבע, וועלכע בעשטעהט אין דער צ ו ש ט ע ר ו נ ג פון דעם מיליטערישען רעזשים, וואס עס איז גרינדליך נויטיג אלס א פאראויס־בעדינגונג פאר דער אלגעמיינער בעפרייאונג פון דעם אייראָפּעאישען פראָ־לעטאריאט".

נאכהער לויבט מארקס שטארק פ ל ע ר א װ ס ק י ' ס ווערק איבער „דער לאגע פון ארבייטער־קלאס אין רוסלאנד" און ער ענ־דיגט דעם בריעף אזוי: „אזעלכע ווערק, ווי פלעראווסקי'ס און פון אייער לעהרער ט ש ע ר נ י ש ע װ ס ק י, פערשאפען אמת'ע עהרע צו רוסלאנד און בעווייזען, אז אייער לאנד הויבט אויך אָן צו נעמען אנטהייל אין דער אלגעמיינער בעוועגונג פון אונזער יאָהר־הונדערט *)".

*) דיעזער בריעף איז אָבגעדרוקט אין רוסיש אין בורצעוו'ס „סבאָרניק זאַ סטאָ ליעט" (אַ זאמעלבוך פאר דער געשיכטע פון פאָליטישע בעוועגונגען אין רוסלאנד אין פערלויף פון 1800 ביז 1896), ערשטער טהייל, ז. 89.

נור לאָמיר זיך אומקעהרען צום „אינטערנאַציאָנאַל“ גופא. עס פערשטעהט זיך, אז דורך דיעזע אַבשפּאַלטונגען, פּאַרטיי־שטרייטען, ווי אויך פּערזענליכע רייסעריייען און געגענזייטיגע בעשימפּונגען, איז דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער בנין, ווי ער איז געבליבען נאָך דער דערשטיקונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, נאָך די פערפאָלגונגען פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און נאָך דעם האַאַגער קאָנגרעס, אַלץ מעהר און טיעפער אונטערגעגראָבען געוואָרען.

דער קאַמפּף איז אייגענטליך געווען אַ טהעאָרעטישער, אַ פּרינציפּיעלער, און געפיהרט געוואָרען איז ער צווישען גענעראַלען אָהן אַרמעען, און איבערהויפּט צווישען אינטעליגענטען. סאָלדאַטען האָבען דאָן געפעהלט אין אַלע סאָציאַליסטישע לאַגערען. די טרייד־יוניאָנס און אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין אַלגעמיינען זיינען געבליבען, מעג מען זאָגען, אויסערהאַלב דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ אין די 70־גער יאָהרען.

דורך די אַריבערציהונג פון דעם גענעראַל־ראַטה נאָך ניו יאָרק האָט מען אפילו אין די איבערגעבליבענע אַלטע לאַנדאָנער סעקציאָנען פערלאָרען דעם אינטערעס צו דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן, וועלכע האָט נאָך פונדעסטוועגען אַלץ געשראָקען די בורזשואַזיע מיט איהר נאָמען.

קאַרל מאַרקס האָט געזוכט צו פערטהיידיגען דעם בעשלוס וועגען דער אַריבערציהונג פון דעם גענעראַל־ראַטה אויך מיט אַנווייזונגען אויף דער גרויסער צוקונפט פון אַמעריקאַ; אַבער דאָס האָט אַ האָר ניט אַבגעשוואַכט די מיינונג, אַז פּאַקטיש מיינט עס אַ בעגראָבעניס פאַר'ן „אינטערנאַציאָנאַל“.

אין זיין געשיכטע פון „אינטערנאַציאָנאַל אין אַמעריקאַ“*).

*) Die Internationale in Amerika, von Hermann Schlueter. — Socialistische Arbeiter Bibliothek, New York.

דיעזע געשיכטע ענטהאַלט זעהר וויכטיגע מאַטעריאַלען פאַר די געשיכטע פון דער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג בכלל אין יונייטעד סטייטס. דער פערפאַסער איז לאַנגע יאָהרען געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ניו יאָרקער „פּאָלקסצייטונג“, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1878 און וועלכע איז אויך געווען די בעסטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין

ברענגט הערמאן שליטער פאלגענדען אויסצוג פון א רעדע וואס קארל מארקס האט געהאלטען אויף א פערזאמלונג אין אמסטערדאם באלד נאך דער שליסונג פון דעם קאנגרעס אין האאג:

„אויך פיעלע פון אונזערע פריינד האבען, ווי עס זעהט אוים, זיך געוואונדערט וועגען דיעזען בעשלוס (די איבערציהונג פון גענעראל־ראטה נאך ניו יארק). פערגעסען זיי דען, דאס אמעריקא ווערט אלץ מעהר אן ארבייטער־ערדטהייל, דאס יעהרליך וואנדערן אהין אריבער א האלב מיליאן מענשען, אלץ ארבייטער, און דאס אויף דיעזען באדען, וואו די ארבייטער בילדען די מעהרצאהל, מוז דער „אינטערנאציאנאל" זיך פעסט איינווארצלען?"

אבער, אויב די געגנער האבען עס פערגעסען אדער ניט, איז דער גענעראל־ראטה יעדענפאלס געבליבען, מעג מען זאגען, אהן שום באדען אפילו אין ניו יארק גופא. דער עמיגראציאנס־שטראם פון וועסט־אייראפא, ספעציעל פון דייטשלאנד, נאך אמעריקא איז טאקע דאמאלס אלץ שנעלער און ברייטער געווארען, אבער דאס האט א האר ניט געהאלפען דעם „אינטערנאציאנאל", און די אמעריקאנער ארבייטער־בעוועגונג איז אלץ מעהר אוועק אויף די וועגען, וועלכע זיינען אויסגעלעגט געווארען נאך די מוסטערס פון די ענגלישע טרייד־יוניאנס, עפעס אזוי ווי די סאציאליסטישע בעוועגונג נאך די דייטשע און אויך פראנצויזישע מוסטערס וואלט גארניט פארגעקומען, עפעס אזוי ווי די אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאציאציאן מיט אלע איהרע קאנגרעסען וואלטען גארניט עקזיסטירט.

דער נייער וועלט. מיט די מאטעריאלען און פאקטען, וועלכע ער האט צוזאמענגעקליבען נאך לאנגע פארשונגען, האב איך זיך טהיילוויז בענוצט אין דיעזען קאפיטעל און וועל זיך ספעציעל בענוצען אין דעם נעכסטען קאפיטעל.

קאפיטעל 22.

די לעצטע קאנגרעסען פון די צענטראליסטען און פעדעראליסטען אין גענף.

ווי ארים דער ניו יארקער גענעראל־ראטה איז געווען, קען מען שליסען דערפון, דאס ער האט ניט געהאט מיט וואס צו שיקען אפילו איין דעלעגאט דירעקט פון ניו יארק צום קאנגרעס, וואס ער האט אליין צוזאמענגערופען אויף דעם 8טען סעפטעמבער 1873 אין גענף (זשענעווא). אלס זיין פערטרעטער אויף דיעזען קאנגרעס האט ער אויסגעקליבען אין לאנדאן א פראנצויז מיט'ן נאמען סעראיע.

צו דיעזען קאנגרעס, וועלכער איז יעדענפאלס געווען דער לעצטער פון „אינטערנאציאנאל", זיינען זיך צוזאמענגעקומען סך הכל 31 דעלעגאטען, פון וועלכע 18 זיינען געווען דייטשען (אריינרעכענענדיג די דייטש־שפרעכענדע שווייצער), 9 פראנצויזען (אריינגערעכענט די פראנצויזיש־שפרעכענדע שווייצער), 2 איטאליענער, 1 האלענדער און 1 מערב.

די דעלעגאטען פון ענגלאנד, דארונטער אויך דער פראנצויז סעראיע, וועלכער האט געזאלט פערטרעטען דעם ניו יארקער גענעראל־ראטה, זיינען גאר פערהאלטען געווארען. זיי האבען אבער געלאזט וויסען שריפטליך, אז זיי זיינען איינפערשטאנען מיט די בעשליסע פון האאגער קאנגרעס. מארקס און ענגעלס זיינען אויך ניט געקומען.

אין אלגעמיינען קען מען זאגען, אז דאס איז שוין געווען א דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער קאנגרעס. אויך איז דארטען

געווען פערטראַטען ד י ר ע ק ט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַר־בייטער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד.

וואָס אַנבעלאַנגט דעם ניו יאָרקער גענעראַל ראַטה, האָט ער צוגעשיקט צ ו ו י י בעריכטען, איינעם אַן אָ פ י צ י ע ל ע ן, וועלכער איז פּערעפענטליכט געוואָרען און אין וועלכען מען האָט שטאַרק צ ו ג ע פּ א ר ב ט „לשם שמים" די גאַנץ טרויעריגע לאַגע, און אַן אַנדערן אַ ק אַ נ פ י ד ע נ צ י ע ל ע ן, אין וועלכען מען האָט געשילדערט די לאַגע אין די ריכטיגע דונקעלע פאַרבען און וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דער עמפּפעהלונג, אַז מען זאָל אַ ר י ב ע ר צ י ה ע ן ד ע ם ג ע נ ע ר אַ ל ־ ר אַ ט ה צ ו ר י ק נ אָ ך א י י ר אָ פּ אַ.

אָבער נאָך לעבהאַפטע דעבאַטען וועגען דעם דאָזיגען פּונקט, איז עס מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט בעשלאָסען געוואָרען ווייטער אַנצוהאַלטען דעם גענעראַל־ראַטה אין ניו יאָרק. אין דער זעלבער צייט איז אויך אַנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן, אַז דער נעכ־סטער קאָנגרעס זאָל שטאַטפינדען אין צוריך, אין 1875, אָבער דאָס איז שוין ניט אויסגעפיהרט געוואָרען.

נאָך דיעזען קאָנגרעס אין גענף איז דער „אינטערנאַציאָנאַל" מיט זיין ניו יאָרקער גענעראַל־ראַטה איינפאַך אָ ב ג ע ש ג י ט ע ן ג ע ו ו אָ ר ע ן פון דער אייראָפּעאישער ארבייטער בעוועגונג, וועלכע איז אַלץ מעהר ל אָ ק אַ ל י ז י ר ט א ו ן נ אַ צ י אָ נ אַ־ ל י ז י ר ט געוואָרען, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, צוטהיילט געוואָרען אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון בעזונדערע לענדער.

* * *

פון די עטליכע פּונקטען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דעם דאָזיגען גענפער קאָנגרעס, איז דער וויכטיגסטער געווען וועגען די ג ע ו ו ע ר ק ש אַ פ ט ע ן, אָדער טרייד־יוניאָנס, און די רעזאָלו־ציאָן, וואָס איז דאָרטען אַנגענומען געוואָרען נאָך לאַנגע און הייסע דעבאַטען, לויטעט אַזוי:

„אין אַנבעטראַכט,

„ערשטענס, דאָס דער קאַמפף געגען קאַפּיטאַל איז ניט אַ

לאָקאַלע און אויך ניט אַ נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, זאָנדערן אַ ס אָ צ י אַ ל ע פּ ר אָ ב ל ע ם, וואָס נעהמט אַרום אַלע לענדער, אין וועלכע עס עקזיסטירט די מאָדערנע געזעלשאַפט;

„צווייטענס, דאָס עס בעשטעהט אַן אינטערנאַציאָנאַלע פערשטענדניס צווישען די קאַפּיטאַליסטען פאַר די אויסבייטונג און אונטערדריקונג פון אַרבייטער־קלאַס און דאָס די ווידערשטאַנדס־פערזוכען פון די אַרבייטער זיינען צוקלאַפּט געוואָרען דורך דעם מאַנגעל אין סאָלידאַריטעט צווישען די פערשידענע טהיילען פון אַרבייטער אין יעדען לאַנד און דורך די אַבוועזענהייט פון אַ ב ר ו ד ע ר ל י כ ע ן ב אַ נ ד פון פעראייניגונג צווישען די אַרבייטער קלאַסען פון פערשידענע לענדער;

„דריטענס, דאָס דער פּרינציפּ פון סאָלידאַריטעט צווישען אַרבייטער לעגט אַרויף די פליכט מיטצוהעלפען איינער דעם אַנדערן פון נאָהענט און פון ווייטען;

„פערטענס, דאָס די אויסוואַנדערונג אָדער אַרויספיהרונג פון אַרבייטער־קראַפט אויס איין לאַנד אין אַן אַנדערע פ ע ר ש ט אַ ר ק ט ד י ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ צווישען אַרבייטער אין דעם איינוואַנדערונגס־לאַנד —

„צוליעב דיעזע גרינדע לעגט פאָר דער גענעראַל־ראַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן צו די פערשיעדענע געווערקס־גענאָסענשאַפטען פון אַלע לענדער דעם פאָלגענדען פּלאַן פון אַן אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל אַרויסצייגן די ווירקזאַמקייט פון די געווערקשאַפטען און זייער ערפאָלג אין אַלע לענדער:

„1) אַלע פעראייניגונגען פון אַ געווערק אָדער אַ פאַך אין אַ לאַנד פ ע ר ב י נ ד ע ן ז י ך, אום אויסצוואַוועהלען אַן עקזעקוטיווען קאָמיטעט פאַר זייער לאַנד;

„2) ווי ווייט די לאַנדעס־געזעצע ערלויבען עס, זאָל דיעזער עקזעקוטיווער קאָמיטעט שטעהן אין אַ שטענדיגער פערבינדונג מיט אַנדערע לענדער דורך די פערמיטלונג פון אַן אַלגעמיינען א ו י ס־

פ י ה ר ו נ ג ־ ר אַ ט ה, אום צו זיין גענוי אונטערריכטעט איבער דעם צושטאַנד פון די פאַכען און אַרבייט פון יעדען לאַנד *);

„3) עס זאָלען עטאַבלירט ווערען קאַסען, וועלכע זאָלען גע־שטעלט ווערען אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם עקזעקוטיווען קאָמי־טעט, אום אין אַ נויטיגען פאַל צו אונטערשטיצען די מיטגליעדער פון אַ טרייד־יוניאָן אין אירגענד־וואָס פאַר אַ לאַנד און אום צו דעקען די אויסגאַבען פון דעם אַלגעמיינען אויספיהרונגס־ראַטה..

„4) אַלע עקזעקוטיווע קאָמיטעטען פון די פערשיעדענע פאַ־כען פון יעדען לאַנד זאָלען זיך פערבינדען מיט דעם צוועק ארויס־צוהעלפען אין אַזעלכע פעלע, ווען אַ בעשטימטע טרייד־יוניאָן איז צוליעב מאַנגעל אין מיטעל ניט אין שטאַנד פאָרטצוזעצען דעם קאַמפף געגען די אויסבייטער;

„5) יעדער מיטגליעד פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלער געווערקס־גענאָסענשאַפט זאָל, אין פאַל ער עמיגרירט, האָבען אין דעם נייען לאַנד גלייכע רעכטע מיט די עלטערע מיטגליעדער דאָרטען;

„6) ווען אַ יוניאָן־מיטגליעד מוז פערלאָזען אַ לאַנד צוליעב פאָליטישע פערפאָלגונגען, זאָל ער אין יעדען אנדערן לאַנד קריגען די זעלבע אונטערשטיצונג, צו וועלכער ער איז געווען בערעכטיגט אין דעם פריהערן לאַנד.

„7) עס זאָל זיין די פליכט פון די אינטערנאַציאָנאַלע געווערקס גענאָסענשאַפטען צו פערהינדערן דורך זייערע עקזעקוטיווע קאָמי־טעטען, נאָך זייערע בעסטע קרעפטען, דעם איינפוהר און אויספוהר פון אַרבייטער אונטער אירגענד וועלכער ק אָ נ ט ר אַ ק ט ־ ס י ס ט ע ם".

די פ ר אַ ק ט י ש ע דורכפיהרונג פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן פאַר טרייד־יוניאָנס געהערט נאָך לײדער אַלץ צו דער צוקונפט. ווער ווייסט, ווען אַזאַ אַלוועלטליכער טרייד־יוניאָניסטישער פער־

---

*) דיעזער פונקט איז שליסליך אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די אָרגאַניזאַציאָן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ אויף דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל.

באַנד וועט טאַקע אויפקומען און זיך אַנהאַלטען? נור דאַמאָלס איז עס סתם געווען אַ טרוים.

ווער עס האָט אָנגעשריבען דיזען אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן, זאָגט אונז ניט הערמאַן שליטער. נאָר אַזוי ווי עס ווערט דאָרט זעהר שטאַרק בעטאָנט די עמיגראַציאָנס־פּראַגע און עס ווערט אויך אָנגעוויזען אויף „קאָנטראַקט־אַרבייט", וואָס עס האָט ניט צו טהאָן מיט די אַרבייטער פון דער אַלטער וועלט, דאַרום דאַרף מען שליסען, אַז די פֿערפֿאַסער זיינען געווען מיטגליעדער פון דעם גענעראַל־ראַטה אין ניו יאָרק. די איינוואַנדערונגס־פראַגע האָט אויך דאַן שטאַרק אינטערעסירט די איינוואוינער בכלל און די אַרבייטער בפרט פון אַמעריקא.

יעדענפֿאַלס האָבען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, ווי אויך פון אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער, בעוויזען דורכצופיהרען אין די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרלאַמענטען, אין נאָמען פשוט פון זייערע זעלבסטזיכטיגע עקאָנאָמישע אינטערעסען, פערשיעדענע בעשרענקונגס־געזעצען געגען איינוואַנדערער בכלל, גאָרניט קימערענדיג זיך אין זייער ענגהערציגען עגאָאיזם וועגען דעם הויכען אידעאַלען אינטערנאַציאָנאַליזם און אפילו ניט וועגען גאַנץ פשוט'ע אַרבייטער־סאָלידאַריטעט...

און ווי וויט מען קען שליסען פון דיזער רעזאָלוציאָן, האָבען די דעלעגאַטען אויף דעם דאָזיגען גענפֿער קאָנגרעס גערעכענט, אַז דורך די איינוואַנדערונג פון אַרבייטער אין אַ געוויסער מדינה ווערט שוין ממילא זייער קאָנקורענץ דאָרטען אַלץ שטאַרקער און שאַרפער, אַט ווי דאָס פֿערזיכערען טאַקע עד היום די פיהרער און די מיטגליעדער בכלל פון דער ריעזיגער פעדעראַציאָן אָדער צענטראַל־קערפּערשאַפט פון אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר (אַמעריקאַנישע פעדעראַציאָן פון אַרבייט)".

דאַמאָלס האָט מען נאָך געטאַפּט אין דער פינסטער אויך וועגען דיזער פראַגע. מען האָט איבערהויפּט אַלץ טהעאָריזירט. עס האָט זיך פון ערשטען בליק אויסגעדרוקט, אַז וואָס מעהר פרעמדע

ארבייטער עס וועלען זיך צוזאַמעקומען אין אַ לאַנד, וועט עס מוזען טרייבען צו אַלץ מעהר קאָנקורענץ און דורך דעם אויך צו אַ פערקלענערונג פון לוינען. אזא בליק האַט פאַלשטענדיג געשטימט מיט דעם זאַגענאַנטען „אייזערנעם לוין געזעץ“, אויף וועלכען עס האָבען זיך געשטיצט בעזאָנדערס די לאַסאַלעאַנער אין זייער אַלגעמיינען קאַמפף נעגען דער געווערקשאַפטליכער בעוועגונג.

אָבער אין אונזערע צייטען האַט מען דאָך פיעל געלערענט דורך ערפאַהרונגען אויך אין דיעזער פראַגע. די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנישער רעפּובליק צייגט גראַדע פערקעהרט, אַז ניט נור איז זי געוואַקסען אַלץ שטאַרקער און רייכער געוואָרען דורך די איינגעוואַנדערטע ארבייטער־מאַסען, זאָנדערן אויך, אַז די לאַגע פון גאַנצען ארבייטער־קלאַס איז דורכשניטליך אַלץ בעסער געוואָרען. דאָס איז ניט סתם אַ בעהויפּטונג, נאָר דאָס ווערט בעוויזען שוואַרץ אויף ווייס אין די אָפּיציעלע סטאַטיסטישע בעריכטען וועגען לוינען אין פערלויף פון די לעצטע הונדערט יאָהר.

* * *

אויף דעם זעלבען קאָנגרעס אין גענף איז אויך דעבאַטירט געוואָרען, און זעהר שאַרף און היים, וויעדער וועגען פּאָליטישע אַקציאָן. איינינע דעלעגאַטען האָבען פאָרגעשלאַגען, אַז מען זאָל די גאַנצע פראַגע איבערלאָזען צו די סעקציאָנען, זיי זאָלען האַנדלען ווי זיי ווינשען און פערשטעהען עס. אָבער מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט איז ענדליך אָנגענומען געוואָרען די רעזאָלוציאָן, דאָס „וועהרענד דער קאָנגרעס עמפּפעהלט דעם ארבייטער־קלאַס אַ בעטהייליגונג אין יעדער פּאָליטיק, וועלכע ציעלט צו זיין בעפרייאונג, ווערט עס איבערגעלאָזען צו די גענאָסען פון די פערשיעדענע לענדער צו האַנדלען לויט די בעשטעהענדע אומשטענדען.“

די סעקציאָנען האָבען אַלזאָ געהאַט די פרייהייט אפילו אין גאַנצען אָבצוטרייסלען זיך פון אירגענד וועלכער פּאַרלאַמענטאַרי־

שער טהעטיגקייט, פונקט אזוי ווי די באקוניסטען און אויסגע־שפּראָכענע אנאַרכיסטען איבערהויפּט. ליידער אָבער זיינען שוין כמעט קיינע סעקציאָנען ניט געבליבען צו יענער צייט, און דער „אינטערנאַציאָנאַל" איז אויסגעגאַנגען פשוט פון אויסצעהרונג.

געטומעלט און זיך געצאַפּעלט האָבען נאָך דאַן אָביסעל די פעדעראַליסטען אָדער אַליאַנציסטען, מייסטענס נאָכפאָלגער פון באַקונין אין די ראָמאַנישע לענדער, בעזאָנדערס גראַדע אין שפּאַ־ניען.

כמעט גלייכצייטיג מיט די צענטראַליסטען האָבען אויך די פעדעראַליסטען אָבגעהאַלטען זייער קאָנגרעס אין גענף. דעם ערשטען סעפּטעמבער 1873 האָבען זיך אין דיעזער שטאָדט, וועלכע מעג שטאָלצירען מיט אַ גרעסערער צאָהל פון אַלערליי אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאָנגרעסען איידער אַן אַנדער שטאָדט (דאַרונטער אויך וועגען וועלט־פריעדען) מיט אויסנאָהמע סיידען פון פּאַריז — צוזאַמענגעטראָפען 25 „אַנטי־אַטאָריטערע" דעלעגאַטען פון דער שווייץ, איטאַליען, שפּאַניען, פראַנקרייך, ענגלאַנד, בעלגיען און האָלאַנד.

דער האָלענדישער דעלעגאַט איז געווען דער זעלבער, וואָס אויף דעם „אַטאָריטערען" אָדער צענטראַליסטישען קאָנגרעס. מען האָט איהם אייגענטליך געשיקט צו ווירקען, אַז עס זאָל קומען צו אַ פ ע ר ש ט ע נ ד י ג ו נ ג צ ו ו י ש ע ן ב ײ ד ע פ ר אַ ק צ י ע ס פון „אינטערנאַציאָנאַל".

אָבער די פערביסענע אַליאַנציסטען און אַנאַרכיסטען האָבען ניט נור זיך אויסגעשפּראָכען פאַר די אָבשאַפונג פון דעם גאַנצען גענעראַל־ראַט. זאָנדערן זיי האָבען אויך בעשלאָסען צו גרינדען גאָר אַ נ ײ י ע ם א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל וואָס זאָל בעשטעהן פון סעקציאָנען מיט דער פולסטער אַטאָנאָמיע.

עס איז ביי זיי אָנגענומען געוואָרען, אַז אויף די נעכסטע קאָנ־גרעסען זאָל גאָרניט אָבגעשטימט ווערען איבער פ ר י נ צ י פּ י ע ־ל ע פ ר אַ ג ע ן און אַז אירגענד וועלכע בעשליסע פון אַ קאָנגרעס זאָלען נור זיין בינדענד פאַר די דאָזיגע סעקציאָנען אָדער פעדע־ראַציאָנען, וועלכע האָבען געשטימט דאַפיר. קורץ, אַלעס איז דאָר־

טען פערהאנדעלט און בעשלאסען געווארען אין דעם פולסטען אנטי־אטאריטערען, אדער אנארכיסטישען גייסט.

*   *   *

אבער דיעזע בעשליסע זיינען אויך געבליבען אזעלכע טויטע בוכשטאבען, ווי די בעשליסע פון דעם צענטראליסטישען קאנגרעס. איןביידע לאגערען איז עס אלץ שטילער געווארען. באקונין האט זיך דאן אין גאנצען צוריקגעצויגען פון עפענטליכער טהעטיגקייט, טהיילווייז אויס ערגערנים און אויך אויס עקעל פאר די בעשימפפונגען פון די געגנער, נור הויפטזעכליך צוליעב זיין הארצקראנקהייט.

אין א בריעף צום „זשורנאל דע זשענעוו" האט ער אין 1874 ערקלעהרט צווישען אנדערעס: „איך האב שוין 60 יאהר הינטער זיך, און די הארצקראנקהייט, וואס ווערט אלץ ערגער מיט יעדען יאהר, פערביטערט מיר דעם לעבען. זאלען די אינגערע זיך נעהמען צו דער ארבייט. וואס מיך אנבעטרעפט, האב איך ניט מעהר די נויטיגע קראפט, פיליכט ניט מעהר דעם ריכטיגען פערטרויען, אום נאך לענגער צו שלעפען דעם סיזיפוס־שטיין *) געגען די אלץ־טריאומפירענדע רעאקציאן. איך ציה מיך אלזא צוריק פון קאמפף־פלאץ און פערלאנג פון מיינע צייטגענאסען נור איינס: פערגעסענהייט. פון יעצט אן וועל איך קיינעם ניט שטערן די רוהע — זאל מען מיך אויך צו רוהע לאזען."

און אין צוויי יאהר ארום איז דיעזער עכט־רוסישער רעוואלוציאנער געשטארבען פון הארצקראנקהייט אין דער שווייצערשער שטאדט בערן.

און מארקס האט דאן אויך א מאך געטהאן מיט דער האנד אויפ'ן „אינטערנאציאנאל", וואס איז געווארען, מעג מען זאגען, זיין גייסטיג קינד; אבער ער האט דאך ניט פערלארען די האפנונג

---

*) לויט אן אלט־גריכישע לעגענדע איז סיזיפוס, דער קעניג פון קארינטה, פערדאמט געווארען פון די געטער פאר זיינע רציחות, צו שלעפען אין גיהנום א גרויסען שטיין אויף א בארג, נור ווי ער פלעגט דערגרייכען צום שפיץ, פלעגט דער שטיין גלייך ארונטערפאלען.

אויף אַן אויפלעבונג „אין אַ פערגרעסערטער פאָרם דורך די עראייגניסע און דורך די אונפערמיידליכע ענטוויקלונג פון זאַכען". ווי ער האָט עס געשריבען אין אַ בריעף צו פ. זאָרגע, וועלכער איז דאַן געווען דער סעקרעטער פון דעם ניו יאָרקער גענעראַל־ראַטה.

דיזע האָפנונג זיינע איז טאַקע מקוים געוואָרען אין 1889, זעקס יאָהר נאָך זיין טויט, ווען עס איז ווידער געשאַפען געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַל, נעמליך: ווען עס האָט זיך געעפענט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין פּאַריז בשעת עס איז געפייערט געוואָרען דער 100־יעהריגער יובילעאום פון דער צושטערונג פון דער באַסטיליע און פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן דורך אַ הערליכע וועלט־אויסשטעלונג. דאָס איז געווען דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט זיך געצויגען ביז דעם גרויסען וועלט־קריעג אין 1914.

קאפיטעל 23.

דער סוף פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ און די געבורט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין אַמעריקא.

דער ניו יאָרקער גענעראַל־ראַטה האַט אַ פּאַר יאָהר נאָך די אויבען־בעשריבענע פּאַסירונגען אַלץ געראַנגעלט זיך מיט'ן טויט מיט די איבערגעבליבענע סעקציאָנען אין אייראָפּאַ האָט ער כמעט קיין פערקעהר ניט געהאַט, און די עלטיכע סעקציאָנען אין נאָרד־אַמעריקא האָבען זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען זיין עקזיסטענץ. דיעזע סעקציאָנען האָבען זיך אַלץ ארומגעריסען צווישען זיך.

עס איז אַ גרויסע פראַגע, אויב אין ערגענד וועלכען אַנדערן אָרט זיינען די רייסערייען און שטרייטען צווישען די סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ געווען אַזעלכע פערשאַרפטע, ווי גראַדע דאַמאָלס אין ניו יאָרק. אַפּנים איז דאָס אַזוי געווען דעריבער, ווייל זיי זיינען בעשטאַנען כמעט אויסשליסליך פון ניט־אַמע־ריקאַנער, אַלץ פון איינגעוואַנדערטע ארבייטער, מייס־טענס דייטשע און פראַנצויזישע, וועלכע האָבען אייגענטליך קיין ראַיעלען באָדען ניט געהאַט צווישען די אַמעריקאַנער ארבייטער און וועלכע האָבען אַלץ דיסקוטירט וועגען טהעאָריעס און פּאַפּיערע־נע פּראָגראַמען.

ווען מען נעהמט אין בעטראַכט, ווי שוואַך עס איז נאָך אין אונזערע טעג די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בעוועגונג אין אַמעריקא,

נאָך אַזוי פיעל יאָהרען פון סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגי־טאַציע, נאָך אַזוי פיעל שווערע מאַטערניסען און אָפּפערוויליגע אַנשטרענגונגען צו שאַפען אַן אמת'ע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי יענע אַלע סעקציאָנען זיינען פּשוט געהאַנגען אין דער לופטען און ווי די עכטע אַמעריקאַנער אַרביי־טער בעוועגונג, נעמליך די טרייד־יוניאָניסטישע, איז געווען פרעמד און ווייט פון זיי.

אַלע צווייטיגקייטען און שטרייטען צווישען דיעזע סעקציאָ־נען זיינען אייגענטליך געווען ווי שטורמען אין אַ גלאָז וואַסער, וואָס אַנבעלאַנגט דעם אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר סאָציאַל־פּאָליטישען לעבען בכלל און די אַמעריקאַנער ט ר י י ד ־ י ו נ י אָ נ ס בפרט. נור זייערע מיטגליעדער, אַלע הייסע אידעאַליסטען, האָבען געקוקט דערויף, ווי אויף זעהר וויכטיגע, עפּעס גאָר ווי אויף וועלט־איבער־קעהרענדע פּאַסירונגען.

דער אַלגעמיינער ראַטה פון די סעקציאָנען פון „אינטערנאָ־ציאָנאַל" אין אַמעריקא, דער זאָגענאַנטער פעדעראַל ראַטה, האָט כמעט זיין גאַנצע צייט און ענערגיע אָבגעגעבען אויף אַ קאַמפּף מיט אייניגע סעקציאָנען, וועלכע ער האָט שליסליך סוספּענדירט. דיעזע האַנדלונג האָט דאָן געפיהרט צו אַן אַריינמישונג פון דעם גענעראַל־ראַטה, וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען אויף דעם לעצטען גענפער קאָנגרעס פון „אינטערנאַציאָנאַל". עס איז אַזוי אויך געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישען דיעזע ביידע ראַטהען אין ניו יאָרק, און שליסליך איז עס געבליבען צוזאַמענצורופען אַן אויס־סעראָרדענטליכען קאָנגרעס פון אַלע סעקציאָנען אין אַמעריקא, אום צו קומען צו אַ פערשטענדיגונג.

דער דאָזיגער קאָנגרעס איז ערעפענט געוואָרען אין פילאַדעל־פיא דעם 11טען אַפּריל 1874. ער האָט זיך געצויגען אַ פּאָר טעג. פערטראָטען זיינען דאָרטען געווען סך־הכל 23 סעקציאָנען, פון וועלכע 16 זיינען געווען ד י י ט ש ע, 4 פראַנצויזישע, 2 ענגלישע און איינע אַ סקאַנדינאַווישע. וויפיעל גוטשטעהענדע מיטגליעדער דיעזע סעקציאָנען האָבען געצעהלט, דאָס ווערט ניט אַנגעגעבען

אין הערמאן שליטער'ס „אינטערנאציאנאלע אין אמעריקא", פון וואנען מיר ברענגען דא דיזע איינצעלהייטען. מען מעג אבער גאנץ דרייסט אננעהמען, אז זייער צאהל איז ניט געווען מעהר, ווי אויף זייער ערשטען קאנגרעס מיט צוויי יאהר פריהער, נעמליך, אין ניו יארק, דעם 6טען יולי, 1872, בשעת דער „אינטערנאציאנאל" אין איירפא איז נאך ניט געווען צושפאלטען. אויף יענעם קאנגרעס זיינען געווען פערטראטען 22 סעקציאנען דורך 23 דעלעגאטען, און לויט זייערע בעריכטען האבען זיי צוזאמען געצעהלט סך הכל 950 גוטשטעהענדע מיטגליעדער.

די פראנצויזישע סעקציאן אין ניו יארק (נומער 2) איז דאן געווען די צאהלרייכסטע. זי איז בעשטאנען פון איבער 100 מיטגליעדער, און דארום איז זי עס געווען בערעכטיגט צו שיקען צוויי דעלעגאטען *).

דיזע פראנצויזישע סעקציאן האט אבער ניט געפונען פאר נויטיג צו שיקען אפילו א בעריכט צום קאנגרעס פון דער נארד־אמעריקאנישער פעדעראציאן אין פילאדעלפיא. די 23 סעקציאנען, וועלכע זיינען דארט געווען פערטראטען דורך דעלעגאטען, האבען זיך געפונען אין 14 שטעדט פון די פעראייניגטע שטאאטען. די טהעטיגסטע און שטארקסטע סעקציאנען האבען זיך געפונען, נאטירליך, אין די גרעסטע שטעדט, נעמליך: אין ניו יארק, פילאדעלפיא, שיקאגא און באלטימאר.

די מאיאריטעט פון די דעלעגאטען האט גוטגעהייסען די האנדלונג פון דעם גענעראל־ראטה געגען דעם פעדעראל־ראטה. דאס איז געשעהען נאך זעהר העפטיגע דעבאטען, וועלכע האבען אויך געטראגען א פערזענליכען כאראקטער. נאר דאס האט אין אלגעמיינען קיין בעזונדערע בעדייטונג ניט געהאט אפילו פאר די איבערגעבליבענע סעקציאנען.

ווען מען איז צוגעקומען צו דער פראגע וועגען פאליטישע אקציאן, איז אנגענומען געווארען א לאנגע רעזאלוציאן, פון

*) Die Internationale in Amerika, S. 177.

וועלכע מיר וועלען ברענגען בלויז אַ פּאָר פּאַראַגראַפען, וואָס דריקען אויס די געוועהנליכע שטעלונג פון סאַציאַליסטישע פּאַרטייען צו אַלערליי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען:

„אין אַנבעטראַכט, דאָס די עמאַנציפּאַציאָן פון אַרבייטער־קלאַס מוז ערוואָרבען ווערען פון איהם אַליין, בעשליסט דער קאָנגרעס, דאָס ער פערוואַרפט יעדע געמיינשאַפט פון דער פעדעראַציאָן מיט די בירגערליכע פּאַרטייען, מיט וואָס פאַר נעמען זיי זאָלען זיך ניט אָנרופען: רעפּובליקאַנער, ליבעראַלען, ראַדיקאַלען, רעפאָרמער, אינדעפּענדענטס, פּראָגרעסיסטען, א. ז. וו. עס איז דאַרום פערבאָטען יעדען מיטגליעד פון דער פעדעראַציאָן צו געהערען צו אַזעלכע פּאַרטייען. ווער עס וועט אָננעהמען פון אירגענד וועלכער פון אַזעלכע פּאַרטייען אַן אַמט אָהן דער ערלויבניס פון זיין סעקציאָן אָדער פון דער פעדעראַציאָן, דער וועט סוספּענדירט ווערען פון מיטגליעדערשאַפט אַזוי לאַנג, ווי ער וועט פערבלייבען אין דעם דאָזיגען אַמט.

„די פעדעראַציאָן בעטהייליגט זיך אין דער לאַנד־פּאָליטיק בכלל, אום אַרויסצוקריגען געזעצען אין די אינטערעסען פון אַרבייטער־קלאַס. און אַזעלכע זיינען: נאָרמאַלער אַרבייטס־טאָג, אַבשאַפונג פון קינדער־אַרבייט אין פאַבריקען, זיכערונג פון אַרבייטסלוין, סטאַטיסטישע אַרבייטס־ביוראָ, בעסערע סאַניטאַרע בעדינגונגען, אַבשאַפונג פון אַלע אינדירעקטע שטייערען; און דאָס אַלעס אויף אַזאַ אַרט און וויזע, אַז דורך דעם זאָל זיך די אַרבייטער פּאַרטיי אונטערשיידען און אָפּזונדערן פון אַלע בירגערליכע פּאַרטייען.

„אין אַ ווירקליכע וואַהל־בעוועגונג זאָל די פעדעראַציאָן אַריינטרעטען ערשט ווען זי וועט ווערען גענוג שטאַרק צו לאָזען פיהלען איהר איינפלוס, און דאַן זאָל מען פריהער אַרויסטרעטען אין די שטאָדטישע וואַהלען און נאָכהער אין שטאַאַטליכע און אין גאַנצען לאַנד (צום קאָנגרעס)“.

איינע פון די אויפגאַבען פון דעם גענעראַל־ראַטה אין ניו יאָרק האָט געזאָלט זיין צוזאַמענצושטעלען און צו דרוקען די רע־

פּאַרטען און די בעשליסע פון דעם קאָנגרעס אין גענף. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די נאָטיצען וועגען די דעבאַטען און פערהאַנדלונגען אויף די זיצונגען פון דיעזען קאָנגרעס זיינען גע־ווען אַזוי צומישט און צופּלאָנטערט, אַז מען האָט קיין שום טאָלק נים געקענט דערגעהן פון זיי. דאַרום איז מען טאָקע געבליבען גאָר אָהן אַ אָפיציעלען בעריכט פון דעם לעצטען גענפער קאָנגרעס און דאַרום האָט עס דער קאָנגרעס פון דער נאָרד־אַמעריקאַנישער פעדעראַציאָן אין פילאַדעלפיאַ בעשלאָסען צו האַלטען פאַר בינדענד בלויז די בעשליסע פון דעם האַאַגער קאָנגרעס, ביז עס וועט צוזאַמענגערופען ווערען דער נעכסטער קאָנגרעס, וועל־כער איז געפּלאַנעוועט געוואָרען פאַר 1875. אָבער וועלכער האָט שוין נים שטאַטגעפונען, ווי דאָס איז בעמערקט געוואָרען אין פאָ־רינען קאַפּיטעל.

* * *

ארום דער צייט, ווען דער קאָנגרעס פון דער נאָרדאַ־מעריקאַ־נישער פעדעראַציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“ איז אָבגעהאַלטען גע־וואָרען אין פילאַדעלפיאַ, זיינען אין ניו יאָרק און אין שיקאַגאָ געמאַכט געוואָרען פּראָבעס, די ערשטע פּראָבעס, צו גרינדען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין אַמעריקאַ.

אין מערץ 1874 איז אין ניו יאָרק אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנווענשאָן פון איינינע דייטש־סאָציאַליסטישע פעראיינען צוזאַ־מען מיט דער פּראָנצויזישער סעקציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“, מיט דעם צוועק צו שאַפען אַ ציעלבעוואוסטע אַר־בייטער פּאַרטיי. די איניציאַטיווע האָט געהערט צו דער סעקציאָן 5 פון „אינטערנאַציאָנאַל“. מען קען דאַרום זאָגען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן איז געווען די מוטער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין די פעראייניגטע שטאַאַטען.

אין שיקאַגאָ איז אַן אַרבייטער־פּאַרטיי געשאַפען געוואָרען מיט עטליכע מאָנאַטען פריהער, ווי אין ניו יאָרק, הויפּטזעכליך אַלס אַ רעזולטאַט פון דער אַגיטאַציע אין פערלויף פון 1873, ווען די אַרביי־

טער־מאסען האָבען זעהר פיעל געליטען פון דעם גרויסען פינאַנ־ציעלען קריזיס אין גאַנצען לאַנד און פון דעם געוואַלדיגען קראַך אויף דער בערזע אין ניו יאָרק. די דאָזיגע פּאַרטיי איז אָבער געווען אויסשליסליך פאַר דעם שטאַאַט אילינאַי.

פון ווערטער און פּאַפּירענע פּראָגראַמען איז דיעזע פּאַרטיי באַלד אריבערגעגאַנגען צו אַ וואַהל־קאַמפּף.ביי די וואַהלען אין שיקאַגאָ, אין נאָוועמבער 1874, האָט זי אַרויסגעשטעלט איהרע איי־גענע קאַנדידאַטען. אָבער ניט מעהר פון 2500 שטימען זיינען דאַן אָבגעגעבען געוואָרען אין גאַנץ שיקאַגאָ פאַר די קאַנדידאַטען פון דער ארבייטער פּאַרטיי, וועלכע איז כמעט אין גאַנצען בעשטאַנען פון דייטשען.

אָבער אין ניו יאָרק האָבען די סאָציאַליסטען ניט אריינגעלאָ־זען זיך גלייך אין אַ וואַהל־קאַמפּף, נור זיי האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון אַ „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון נאָרד־אַמעריקאַ“, הויפּטזעכליך נאָך דעם מוסטער פון דער זאָ־גענאַנטער „אייזענאַכער“ פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. אין יולי 1874 איז אין ניו יאָרק אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנגרעס פון די זעלבע סעקציאָ־נען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ און פון סאָציאַליסטישע פערייינען, וועלכע האָבען געמאַכט דעם אָנפאַנג אויף דער קאָנפערענץ אין מעריץ. מען האָט דאַן אויך בעשלאָסען צו קומען אין אַ פערבינ־דונג מיט דער „ארבייטער פּאַרטיי פון אילינאַי“ און צו גרינדען צוזאַמען אַ פּאַרטיי־אָרגאַן.

פון די פּונקטען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אין דער פּראָגראַם פון דיעזער ערשטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקאַ, וועלען מיר דאָ פערצייכענען די דאָזיגע, וועלכע זיינען דאַן גערעכענט געווען פאַר מינימאַ־לע, נעמליך, פאָלגענדע:

די אָבשאַפונג פון אַלע אינדירעקטע שטייער און די איינפיהרונג פון אַ דירעקטען פּראָגרעסיווען שטייער אויף לאַנד, איינקונפטען און ירושות; די איינפיהרונג פון איין געזעצגעבענדער קאַמער און די אָבשאַפונג פון דער צוויי־קאַמער סיסטעם (דאָס האָט געמיינט די אָבשאַפונג פון יונייטעד סטייטס

סענאַט); די אָבשאַפונג פון יעדען מאָנאָפּאָל אין טראַנספּאָרט, האַנדעל און אינדוסטריען און אַ פערוואַלטונג דורך קאָאָפּעראַציאָנען מיט דעמאָקראַטישע גאַראַנטיען אונטער דעם קרעדיט און אויפזיכט פון שטאַאַט; די איינפיהרונג פון אַן 8־שטונדען נאָרמאַלען ארבייטס־טאָג אין אַלע אינדוסטריען און געשעפטען פון לאַנד; פערבאָט פון קינדער־אַרבייט אונטער 14 יאָהר פאַר פּראָדוקטיווע צוועקען; פערבאָט פון געפענגנים־אַרבייט פאַר פּריוואַט־פּערזאָנען און קאָמפּאַניעס; איינפיהרונג פון שול־צוואַנג פאַר קינדער פון 7 ביז 14 יאָהר און פרייע אונענטגעלטליכע בענוצונג פון עפענטליכע לעהראַנשטאַלטען; איינפיהרונג פון שפּאַרקאַסען און פערזיכערונגס־אַנשטאַלטען דורכ'ן שטאַאַט גופא; אַלע געלדער זאָלען דעפּאָנירט ווערען אין די באַנקען פון שטאַאַט.

דער ערשטער נומער פון דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דיעזער פּאַרטיי איז ערשינען דעם 28טען נאָוועמבער 1874, אונטער דעם נאָמען „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט“ בלויז אין 1500 עקזעמפּלאַרען.

ערשט מיט אַ מאָנאַט שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע ענגלישע סעקציאָן פון דיעזער פּאַרטיי, וועלכע איז אָנפאַנגס בעשטאַנען בלויז פון דייטשען, ווייל די פּראַנצויזישע סעקציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“, וועלכע האָט אַנטהייל גענומען אין דער קאָנווענציאָן און אין דעם קאָנגרעס, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרען, ווי אויבען אָנגעוויזען, האָט אָבער באַלד נאָכדעם זיך צוריקגעצויגען.

* * *

און שוין דאָן, גלייך ביי דער געבורטה פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף דער פראַגע וועגען די בעציהונגען צווישען די טרייד־יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַ פראַגע וועלכע בלייבט עד היום די שווערסטע פאַר דעם קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען.

אין קיין אַנדער לאַנד איז דאָך דער אונטערשייד צווישען די געווערקשאַפטליכע אָדער טרייד־יוניאָניסטישע בעוועגונג פון איין

זייט און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בעוועגונג פון דער אַנדער זייט, ניט אַזוי שאַרף און גרוים, ווי גראַדע אין נאָרד אַמעריקאַ. אין ענגלאַנד איז עס שליסליך, נאָך לאַנגע פּראָבעם און מאַטערניסען, געקומען צו אַ געוויסע פעראייניגונג און צוזאַמענווירקונג אין די רייהען פון די אָרגאַניזירטע און אויפגעקלעהרטע אַרבייטער, נעמליך, צו דער גרינדונג פון אַ „לייבאָר פּאַרטי (אַרבייטער פּאַרטיי)“; אָבער אין אַמעריקאַ איז מען נאָך, לײדער, אַלץ ווייט דערפון. עס איז נאָך אַלץ ניט געלונגען אריבער־צו־וואַרפען אַ בריק איבער דעם אָבגרונד, וועלכער טהיילט אָב אין די פעראייניגטע־שטאַאַטען די טרייד־יוניאָנס פון אַ ריכטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די אַמעריקאַנער אַרבייטער געהען נאָך אַלץ אויף די אַלט־מאָדישע טרייד־יוניאָניסטישע וועגען פון ענגלאַנד און ענטזאַגען זיך צו פערקירעווען אויף דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען וועג נאָך דעם דייטשען מוסטער.

יעדענפאַלס, אין 1874 האָט עס נאָך קיין רעדע ניט געקענט זיין וועגען אַ בעטהייליגונג פון אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניסטען אין אַן אַרבייטער־פּאַרטיי, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען בלויז פון אַ זעהר קליינעם טהייל פון די איינגעוואַנדערטע דייטשע אַרבייטער נאָך זייער היימישען מוסטער. דערצו נאָך האָבען דיעזע דייטשע וועגוויזער זעהר וועניג געשטימט צווישען זיך אַליין. דאַמאַלס איז אַנגעפיהרט געוואָרען אַ ביטערער שטרייט צווישען די ניי־איינגעוואַנדערטע לאַסאַלעאַנער, וועלכע האָבען געלעגט דאָס הויפּט־געוויכט אויף דער פּאָליטישער אַקציאָן און וועלכע האָבען בכלל געקוקט פון אויבען אַראָפּ אויף דער גע־װערקשאַפטליכער בעוועגונג, און די פריהער־איינגעוואַנדערטע מיטגליעדער פון די סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל“, וועלכע האָבען שוין איינגעזעהען די בעזאָנדערס גרויסע בעדייטונג פון טרייד־יוניאָניזם אין די פעראייניגטע שטאַאַטען.

די עקזעקוטיווע פון דיזער ערשטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט יעדענפאַלס אַנגענומען אַ פריינדליכע שטע־לונג צו די טרייד־יוניאָנס.

* * *

אין שיקאַגאָ איז די סאָציאַליסטישע בעוועגונג דאַמאָלס געפיהרט געוואָרען פיעל לעבהאַפטער, ווי אין ניו יאָרק. זי האָט זיך דאָרטען גלייך פון אָנפאַנג אַוועקגעלאָזען נאָר אויף אַ ר ע ־ וואָלוציאָנערען וועג.

„דער ראָמאַנטישער רעוואָלוציאָנערער גייסט אין דער שיקאַגאָער בעוועגונג, שרייבט הערמאַן שליטער אין זיין „אינטערנאַציאָנאַלע אין אַמעריקא" (זייטע 321), געגען וועלכען דער גענעראַל־ראַטה האָט געפונען פאַר נויטיג צו וואָרנען, האָט זיך אַרויסגעצייגט אין דער בילדונג פון ב ע וואַפּענטע סעקציאָנען דורך דעם „לעהר און וועהר פעראיין"... דיעזער גייסט האָט עס שפּעטער דאָרטען געפיהרט צו דער קאַטאַסטראָפע (די באָמבע און דער אַנאַרכיסטען־פּראָצעס אין שיקאַגאָ) פון 1886... קליינבירגערליכע אידעען אויף איין זייט און ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנס־ראָמאַנטיק אויף דער אַנדער זייט האָבען שליסליך געמוזט פיהרען צו אַ וואוקס פון אַנאַרכיזם."

איינער פון די פיהרער פון דער שיקאַגאָער בעוועגונג, אַ געוויסער קאַרל קלינגס, וועלכער איז געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דעם וואָכענבלאַט „פאָרבאָטע", וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין שיקאַגאָ אין פעברואַר 1874, האָט געשריבען אין אַ בריעף מיט אַ מאָנאַט פריהער: „די שטימונג איז דאָ דורכאויס רעוואָלוציאָנער. ווען עס וואָלט נור אַבהענגיג געווען פון שיקאַגאָ, וואָלטען מיר יעדען טאָג געקענט אַרויפרייסען אין לופטען די געביידע..."

געגען דעם דאָזיגען „רעוואָלוציאָנאַריזם" האָט עס טאַקע דער גענעראַל־ראַטה געוואָרענט אין מערץ 1875, אין אַ צושריפט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי פון אילינאָי.

„מיר מוזען זוכען צו פערהיטען געגען אַלע אויסברוכען פון אונאָרגאַניזירטע אַרבייטער — שטעהט דאָרטען — און אונזער גאַנצע מאַכט מוזען מיר אַנווענדען אויף דער פערברייטונג פון קלאַסענבעוואוסטזיין און פון סאָציאַליסטישע געדאַנקען. מיר טאָרען ניט געבען דעם הערשענדען קלאַס אַ געלעגענהייט צו צושטערען אונזער אָרגאַניזאַציאָן דורך אַ ברוטאַלען אַנגריף. אז די פון אייך בעשריבענע שטימונג פון

די נויטלײדענדע שיקאַגאָער אַרבײטער איז גוט בקעאַנט און פאַר־אויסגעזעהן אין די קרײזען פון דער בורזשואַזיע — דאָס צײגט זיך אויך אַרויס אין די מסירות און אַטאַקעס פון די קאַפּיטאַליסטישע צײטונגען אויף די פרעמד־געבאָרענע קאָמוניסטען. אַן אויסברוך וואָלט געווען וואַסער פאַר די מיהלען פון אונזערע שונאים.“

אָבער ווי ווייניג דיעזע און אַנדערע אַזעלכע וואָרנונגען האָבען געווירקט אויף געוויסע טהײלען פון דעם קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט אין שיקאַגאָ, וועלכער איז אַלץ אַנאַרכיסטישער געוואָרען, — דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען מיט אַ יאָהר צעהן שפּעטער, אין דער וועלט־בעריהמטער געשיכטע מיט דער באָמבע אויף דעם הײמאַרקעט פּלאַץ און מיט דעם פּראָצעס און הינריכטונג פון די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטען...

* * *

אָבער לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער הויפּט־ענין, צום „אינטערנאַציאָנאַל“ גופא. מיר האָבען שוין בעטראַכט, ווי אַזוי ער איז מאַקע „בעגראָבען געוואָרען“ אין אַמעריקא, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַלס ירושה אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ. און יעצט לאָמיר וואַרפען אַ בליק אויף זײנע ערשטע שריט דאָ, אויף די ערשטע סעקציאָנען זײנע אין דער נײער וועלט. פאַר אײן גאַנג וועלען מיר זיך אויך אַביסעל מעהר בעקענען מיט דעם אָנפאַנג פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין די פערײניגטע שטאַאַטען.

דאָס פאָדערט אָבער אַ בעזונדערען קאַפּיטעל.

קאַפּיטעל 24.

די אַדרעסען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ צו פּרעזי־דענט לינקאָלן און צום אַמעריקאַנער פאָלק.

אַרום דער צייט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָ־ציאַציאָן איז געבאָרען געוואָרען אין לאָנדאָן, האָט די גרויסע נאָרד־אַמעריקאַנישע רעפּובליק דורכגעלעבט דעם גרעסטען און געפעהר־ליכסטען קריזיס אין איהר געשיכטע. דאָס איז דאָך געווען די צייט פון דעם ביטערען קאַמפּף פאַר די אָבשאַפונג פון דער נעגער־שקלאַפעריי, די צייט פון דעם שרעקליכען בירגער־קריעג, ווען די עקזיסטענץ פון יונייטעד־סטייטס איז געהאַנגען אויף אַ האָר, אָדער ריכטיגער, אויף דעם שאַרף פון אַ שווערד.

ווען אמעריקאנער האָט עס אין יענע יאָהרען געקענט ליגען אין קאָפּ אירגענד וועלכע טהעאָריע וועגען א בעסערע און גערעכ־טערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג אין דער ו ו י י ט ע ר צוקונפט? נאַטירליך, טרייד־יוניאָנס האָבען עקזיסטירט אין דער נייער וועלט צוליעב די זעלבע אורזאַכען און צוועקען, ווי אין דער אַלטער. עס האָבען אויך אויסגעבראָכען סטרייקס אין פערשידענע גרויסע שטעדט און אין סטייטס מיט צעהנדליגע יאָהרען בעפאָר דעם בירגער־קריעג, נאָך אין אָנפאַנג פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט. אָבער דיעזע געוועהנליכע אויסברוכען פון קלאַסענקאַמפּף האָבען דאָך כלל וועניג שייכות מיט ב ע ש ט י מ ט ע סאָציאַלע טהע־אָריעס, מיט ספּעציעלע פּלענער און פּאַרטיי־פּראָגראַמען.

די לעהרען פון סען־סימאָן, פוריע און אָוען האָבען געפונען אָב־קלאַנגען און אָנהענגער אויך אין דער נייער וועלט, און די קאָמו־

ניסטישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין איינינגע ערטער פון די פּעראייניגטע שטאַאטען, ווי מיר ווייסען עס שוין פון פאָריגע קאַפּיטלעך, האָבען אויך איבערגעלאָזען עפּעס קערענדלעך. אָבער דאָס האָט ווידער קיין שייכות ניט געהאַט מיט דער פּשוט'ער טרייד־יוניאָניסטישער בעוועגונג.

די שילער און אָנהענגער פון דיעזע לעהרען און אוטאָפּיעס, ווי אויך די פיהרער פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, האָבען גאָר מייסטענס געהערט צו די *מיטעלע קלאַסען*, צו דער בורזשואזיע. דאָס זיינען געווען, וואָס מען רופט „בורזשואזע אידעאָלאָגען". צווישען די פוריעריסטען און בעזאָנדערס צווישען די מיטגליעדער פון דער בעריהמטער קאָמוניסטישער קאָלאָניע *ברוק פאַרם* אין מאַסאַטשוזעטס אין די 40־גער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט, האָבען זיך געפונען אַזעלכע אַמעריקאַנער, וועלכע האָבען זיך אונשטערבליך געמאַכט אַלס פּובליציסטען, שריפטשטעלער און פּאָעטען, אַט ווי *האָרייס גרילי* (רעדאַקטאָר פון דער ניו יאָרקער צייטונג „טריביון"), *טשאַרלז דאַנאַ*, (שפּעטער געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דער ניו יאָרקער צייטונג „סאָן"), *עמערסאָן*, *לאָועל*, *ווהיטיער*, א. ז. וו.

אַרום דעם מיטען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט איז עס איבערהויפּט געווען אין דער מאָדע צווישען די רעפאָרמערס און בורזשואזע אידעאַלאָגען אין אַמעריקא צו טרוימען וועגען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אַלס *מוסטערס* פאַר די גאַנצע זינדיגע מענשהייט.

„מיר זיינען דאָ אַלע אַביסעל צוטומעלט מיט אונצעהליגע פּראָיעקטען פון סאָציאַלער רעפאָרם — אַזוי האָט דאַן געשריבען עמערסאָן צו טהאָמאַס קאַרלייל (אין ענגלאַנד) — ווער האָט עס ניט עפּעס אַ פּלאַן פון אַ נייע קאָמונע אין זיין קעשענע?"

נור, ווי געזאָגט, מיט דעם ווירקליכען *אַרבייטער קאַמפּף*, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס אָנגעפאַנגען אין יונייטעד סטייטס, האָט די דאָזיגע בעוועגונג קיין שייכות ניט געהאַט. יעדענפאַלס, קיינער פון די גרינדער פון אַזעלכע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס און קיינער פון דיעזע אידעאַליסטען און אוטאָפּיסטען האָט זיך ניט בעטהיי־

ליגט אין דעם אמת'ן פ ר א ל ע ט א ר י ש ע ן קלאסענקאמפף, ווי ער דריקט זיך אויס אין ס ט ר י י ק ס און אין דער ארגאַניזאציאן פון טרייד־יוניאָנס.

די אויפגעקלערטע אמעריקאנער ארבייטער זיינען זיך געגאַנגען אויף ז י י ע ר ע טרייד־יוניאניסטישע וועגען כמעט אונאבהענגיג פון אלע סאציאל־פאליטישע לעהרען, וועלכע זייערע פריינד פון דער בורזשואזיע און אויך פון דער אריסטאקראטיע, אלץ א י נ ט ע ל י ג ע נ ט ע ן מיט עדעלע געפיהלען און הויכע אידעאלען, האבען ערקלעהרט אין זייערע שריפטען. די סאציאלע שולע פון ארבייטער איז געוועזען און בלייבט די פ א ב ר י ק, און עס איז אינטערעסאנט און כאראקטעריסטיש, דאס אין דער דאזיגער שולע האבען זיך אויסגעבילדעט אזעלכע עכטע אמעריקאנער ארבייטער פיהרער, ווי דער אייזענגיסער ו ו י ל י א ם ס י ל ו ו י ס, וועלכער האט געהאלטען אזא רעדע אויף דער „אייראן מאולדערס קאנווענשאן" אין פילאדעלפיא אין 1859 *):

„רייכטהום איז מאכט, און די פראקטישע ערפאהרונג לערענט אונז, אז דאס איז א מאכט, וועלכע ווערט צו אפט געברויכט צו אונטערדריקען און צו ערנידעריגען די ארבייטער. דאס קאפיטאל פון לאנד קאנצענטרירט זיך אלץ מעהר און מעהר אין די הענד פון ווענינע פערזאנען, און דורך דעם וואקסט אויך זיין מאכט, וועהרענד די ארבייטענדע קלאסען ווערען פעראָרימט... וואס פאר א פאזיציע פערנעהמען מיר, די האנדווערקער פון אמעריקא, אין דער געזעלשאפט? בעקומען מיר דען פאר אונזער ארבייט גענוג צום לעבען, צו ערציהען אונזערע קינדער? זיינען מיר דען ניט געצוואונגען צו בויגען זיך אויף די קניע פאר די רייכע און צו שלעפען די קייטען, אין וועלכע מען האט אונז איינגעשמידט?"

אויף א צוזאמענפאהר פון דעלעגאטען פון טרייד־יוניאנס האט דאן דער זעלבער סילווים, וועלכער איז אויך געקומען אין א פערבינדונג מיט'ן „אינטערנאציאנאל", געזוכט אויפצוקלעהרען די ארביי־

*) זעה שליטער'ס „אינטערנאציאנאל אין אמעריקא", זייטע 5.

טער, אַז זיי זאָלען שטימען פאַר זייערע אייגענע פערטרעטער צום קאָנגרעס.

און אַזוי האָט דאַן אויך געדענקט אַן אַנדער עכט־אַמעריקאַנער אַרבייטער־פיהרער, דער קליידער־צושניידער יוראַיע סטיווענס, וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט אַלס דער גרינדער פון אַ מין אַרבייטער־אָרדען אונטער דעם נאָמען „נייטס אָוו לייבאָר (ריטער פון אַרבייט)" אין 1869. ערקלעהרענדיג אַז „אַרבייט איז נאָבעל און הייליג". האָט דיעזער מערקווירדיגער פּראָלעטאַרישער פאָרקעמפּפער געפּרעדיגט, אַז „די אַרבייטער וועלען שליסליך קענען אַבשאַפען די לוין־סיסטעם דורך בילדונג, קאָאָפּעראַציאָן און אַ ציעל־בעוואוסטען געברויך פון זייער שטימרעכט."

* * *

וואָס אַנבעלאַנגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" גופא, איז זיין ערשטער אַרויסטריט אין דער נייער וועלט פאָרגעקומען דורך אַ בעגריסונגס־אַדרעס פון דעם גענעראַל־ראַטה צו פּרעזידענט לינקאָלן, דעם 24טען נאָוועמבער, 1864.

פון דיעזען אַדרעס, אין וועלכען קאַרל מאַרקס האָט אויך אַ האַנד גענומען *), וועלען מיר דאָ ברענגען פאָלגענדע אויסציגע:

„געעהרטער העררן! מיר גראַטולירען דעם אַמעריקאַנישען פאָלק מיט אייער ווידער־ערוועהלונג דורך אַ גרויסע מאַיאָריטעט. ווען אייע ערשטע ערוועהלונג (אַלס פּרעזידענט) איז געווען דער אויסדרוק פון אַ קאַמפּף געגען שקלאַפעריי, זאָ בעדייטעט דער זיעגעס־יובעל פון אייער וויעדער־ערוועהלונג דעם טויט פון שקלאַפעריי.

„גלייך אין אַנפאַנג פון דיעזען ריעזיגען קאַמפּף אין אַמעריקא האָבען די אַרבייטער פון איירָאָפּאַ געפיהלט, אַז דער שיקזאַל פון זייער קלאַס העננט אויף דער שטערנדיגער פאָהן (פון די פעראייניגטע שטאַאַטען)... איבעראַל האָבען די אַרבייטער געדולדיג גע־

*) אין שליטער'ס „אינטערנאַציאָנאַל אין אַמעריקא" (ז. 41) שטעהט, אַז מען האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיטע צו פערפאַסען דעם דאָזיגען אַדרעס און אַז קאַרל מאַרקס האָט איהם צוערשט אָנגעשריבען.

טראגען די ליידען דורך דעם בוימוואהל־קריזיס, און זיי זיינען ארויסגעטראטען ענטהוזיאסטיש געגען אן אריינמישונג צו גונסטען פון שקלאפעריי, וואס די העכערע קלאסען האבען געוואלט דערגרייכען *)...

„אזוי לאנג ווי די ארבייטער, די אמת'ע מאכט פון די נארד־ליכע שטאאטען, האבען ערלויבט צו שענדען זייער אייגענע רע־פובליק דורך שקלאפעריי, אזוי לאנג זיינען זיי געווען אונפעהיג צו דערגרייכען די אמת'ע פרייהייט פון ארבייטער און צו אונטער־שטיצען זייערע אייראפעאישע ברידער אין דעם קאמפף פאר זייער עמאנציפאציאן...

„די אייראפעאישע ארבייטער זיינען זיכער, דאס אזוי ווי דער אמעריקאנער קריעג פאר אונאבהענגיגקייט (די רעוואלוציאן געגען די ענגלישע אויבערהערשאפט) האט בעדייטעט א נייע עפאכע פאר די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, אזוי בעדייטעט דער אנטי־שקלאפעריי קריעג א נייע עפאכע פאר דעם קלאס פון ארבייט. זיי האלטען עס פאר א גוטען צייכען פון דער קומענדער עפאכע, וואס אבראהאם לינקאלן, דער אויפריכטיגער זוהן פון ארבייטענדען קלאס, האט עס דעם מזל צו פיהרען זיין לאנד אין דיעזען אונ־פערגלייכליכען קאמפף פאר די רעטונג פון דער איינגעשמידטער ראסע און פאר די ווידעראויפבויאונג פון א נייער סאציאלער וועלט.“

אן אנטווארט אויף דיעזען אדרעס האט דער גענעראל־ראטה בעקומען ענדע יאנואר 1865 דורך דעם אמעריקאנער אמבאסאדאר

---

*) דאס בעציהט זיך הויפטזעכליך אויף די ענגלישע וועבער, וועל־כע האבען זעהר פיעל געליטען און פשוט געהונגערט דורך דעם מאנגעל אין בוימוואל צוליעב דעם בירגער־קריעג אין אמעריקא און וועלכע האבען פונדעסטוועגען געשיקט אדרעסען צו פרעזידענט לינקאלן צו קעמפפען מיט אלע כחות פאר די בעפרייאונג פון די נעגערס. די אויפ־געקלעהרטע און ארגאניזירטע ענגלישע ארבייטער זיינען אויך געשטא־נען אין וועג די פאבריקאנטען, וועלכע האבען געוואלט, אז די ענגלישע רעגירונג זאל זיך ארוינמישען אין נאמען פון האנדעל און אינדוסטריע צו גונסטען פון די זידליכע (שקלאפעריי) שטאאטען, וועלכע שטעלען אויך היינט צו צוויי דריטעל פון דעם בוימוואל אין דער וועלט.

טשאַרלז פראַנסיס אַדאַמס אין לאָנדאָן. דער שלום פון דיזער אַנט־וואָרט איז ווי פאָלגט:

„די רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאַטען שטרעבט צו פולע און אונפּאַרטייאישע גערעכטיגקייט פאַר אַלע שטאַטען און מענשען און האָפט אויף אַ גינסטיגען ערפאָלג פון איהרע שטרעבונגען דורך די אונטערשטיצונג פון פאָלק אין אייגענעם לאַנד און דורך די אַכטונג און סימפּאַטיע אין אויסלאַנד. די נאַציאָנען עקזיסטירען ניט פאַר זיך אַליין, זאָנדערן פאַר די פערשפּרייטונג פון וואָהל און גליק פון דער גאַנצער מענשהיים. פון דיזען שטאַנדפּונקט בעטראַכטען די פעראייניגטע שטאַטען זייער זאַך אין דעם צוזאַמענשטויס מיט דעם אויפשטאַנד פון די שקלאַפען־האַלטער אַלס די זאַך פון דער מענשהייט, און מיר שעפּען פרישען מוטה דורך דעם, וואָס אונזערע נאַציאָנאַלע פערברידערונג געפינט אויפריכטיגע סימפּאַטיען ביי די אייראָפּעאישע אַרבייטער."

און נאָך לינקאָלן'ס ערמאָרדונג, דעם 14טען אַפּריל 1865, האָט דער גענעראַל־ראַטה פון „אינטערנאַציאָנאַל" בעשלאָסען צו שיקען אַן אַדרעס צו זיין נאָכפאָלגער, דעם וויצע־פּרעזידענט דזשאָהנסאָן. אין דיזען אַדרעס, דאַטירט דעם 13טען מאַי 1865 און אונטערגעשריבען פון אָדזשערס אַלס פּרעזידענט און קרעמער אַלס גענעראַל־סעקרעטער, איז געווען אויסגעדריקט אַ טיעפער טרויער וועגען לינקאָלן'ס טראַגישען טויט און אַ וואונש, אַז זיין נאָכפאָלגער זאָל ווייטער פאָרטזעצען די עמאַנציפּאַציאָנס אַרבייט.

מיט עטליכע מאָנאַט שפּעטער, נעמליך אין סעפּטעמבער 1865, ווען עס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון „אינטערנאַציאָנאַל" אין לאָנדאָן, איז בעשלאָסען געוואָרען צו שיקען אַן אַדרעס דירעקט צום אַמעריקאַנער פאָלק, ווידער אין פערבינדונג מיט דער שקלאַפעריי־פראַגע, נעמליך: וועגען דער פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג פון די נעגערס. דיזער אַדרעס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט פאָלגענדע ווערטער:

„בירגער פון דער גרויסער רעפּובליק! ווידער ווענדען מיר זיך צו אייך, נור דיזעס מאָל ניט מיט אַ מיטפיהלענדען טרויער, זאָנדערן מיט ווערטער פון גליק־ווינשונג", און געענדיגט האָט ער

זיך אַזוי: „די אויגען פון אייראָפּא און פון דער גאַנצער וועלט פאַלגען נאָך אייערע פּראָבעס פון ווידער־אויפבויאונג (נאָך דעם בירגער־קריעג). שטענדיג זיינען די רעאַקציאָנערען פערטיג צו קלינגען די טויטען־גלאָקען פון רעפּובליקאַנישע אינסטיטוציאָנען, ווען מען גיט זיי נור די גערינגסטע געלעגענהייט דערצו. מיר רופען דאַרום צו אייך, אַלס ברידער אין דער געמיינזאַמער זאַך, צו ברעכען יעדע קייט געגען פריייהייט, און אייער זיעג וועט זיין פאַלשטענדיג...“

אין אַן אַנדער אָרט פון דיעזען צורוף, אין וועלכען עס ווערט גאַרניט דערמאָנט דירעקט וועגען אַרבייטער און קלאַסענקאַמפּף, נור עס רעדט זיך אַלץ וועגען סתם בירגער, פעלקער און די מענש־הייט בכלל, ווערט אַנגעוויזען אויף דעם ווירקליך מערקווירדיגען היסטאָרישען פאַקט, אַז „דיעזער קאַמפּף (פאַר די אָבשאַפונג פון נעגער־שקלאַפערײַ) איז דער איינציגער בעקאַנטער ביישפּיעל, דאָס אַ רעגירונג האָט געפאָכטען פאַר די פ ר י י ה י י ט פ ו ן פ אָ ל ק געגען אַ טהייל פון איהרע אייגענע בירגער.“

* * *

נור דיעזע הערליך־קלינגענדע אַדרעסען האָבען גאָר קיין אָב־קלאַנג ניט געפונען אין אַמעריקאַ. עס איז ניט איבערטריבען צו זאָגען, אַז דאָס איז געווען ווי אַ שטימע אין אַ וויסטעניס. מיר ווייסען דאָך, ווי ווייניג אויפמערקזאַמקייט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן האָט אָנפאַנגס צוגעצויגען צו זיך אין די אייראָפּעאישע לענדער. און וואָס אַנבעלאַנגט אַמעריקאַ, האָבען דאַמאָלס נור געצעהלטע אינטעליגענטען עפּעס געקענט הערען פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן.

„אין די ערשטע פאַר יאָהר נאָך איהר גרינדונג, שרייבט הערמאַן שליטער, האָט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן קיין שום אָבקלאַנג ניט געפונען אין די אַמעריקאַנער אַרבייטער קריי־זען. דער בירגער־קריעג האָט דאַן צוגעצויגען די גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט, און די היימישע אַרבייטער־בעוועגונג האָט נאָך געהאַט צו ווייניג פעסטען באָדען אונטער די פיס, אַז מען זאָל זוכען צו

קומען אין אַ פערבינדונג מיט דער בעוועגונג אין אויסלאַנד״ („די אינטערנאַציאָנאַלע אין אַמעריקא״, ז. 58).

ערשט צו ענדע פון 1866, ווען אין ניו יאָרק האָט אָנגעפאַנגען צו ערשיינען די וועכענטליכע אַרבייטער צייטונג „דהי ניישאָנאַל וואָרקמען״, איז עפעס איבערגעגעבען געוואָרען וועגען די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן און אויך וועגען איהר ערשטען קאָנגרעס אין גענף. מיט אייניגע מאָנאַט שפעטער, ווען עס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען דער קאָנגרעס פון דער „נאַציאָנאַלער אַרבייטער יוניאָן״ (אין שיקאַגאָ אין 1867), האָבען צוויי אַרבייטער פיהרער, דער שוין אויבענדערמאָנטער ס י ל ו ו י ס און דער סעקרעטער פון דער קאָרפענטערס (שריינער) יוניאָן וו. ד ז ש י ־ ס אַ פ, פאָרגעלעגט צו קומען אין אַ פערבינדונג מיט׳ן „אינטערנאַציאָנאַל״. אָבער מען האָט זיך דאָן באַגנוגענט מיט שיקען בלויז אַ סימפאַטיע־רעזאָלוציאָן.

אין 1869, ווען די בעציהונגען צווישען יונייטעד סטייטס און ענגלאַנד זיינען געווען גאַרניט פריינדליכע, אַלס אַ נאָכוועהענים פון דעם בירגער־קריעג, און ווען עס איז זאָגאַר אויפגעקומען די געפאַהר פון אַ צ ו ז אַ מ ע נ ש ט ו י ס צווישען זיי, האָט דער גענעראַל־ראַטה פון „אינטערנאַציאָנאַל״ געשיקט אַן אַדרעס אין נאָמען פון ו ו ע ל ט ־ פ ר י ד ע ן צו סילוויס׳ן אַלס פרעזידענט פון דער „נאַציאָנאַלער אַרבייטער יוניאָן״ אין אַמעריקא. דיעזער אַדרעס, וואָס איז אונטערשריבען געווען פון עקאַריוס׳ן אַלס גענעראַל סעקרעטער פאַר ענגלאַנד, האָט זיך געשלאָסען מיט פאָלגענדע ווערטער:

„איהר האָט די ערליכע אויפגאַבע צו צייגען, דאָס ענדליך טרעט אַרויס דער אַרבייטער־קלאַס אויף דער ביהנע פון דער וועלט־געשיכטע ניט אַלס אַן אונטערטעניגער בעגלייטער, זאָנדערן אַלס אַ ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע מ אַ כ ט, אַלס אַ מאַכט, וואָס איז בעוואוסט פון איהר אייגענע פעראַנטוואָרטליכקייט און וואָס איז אין שטאַנד אַרויסצוטרעטען פ אַ ר פ ר י ד ע ן בשעת די יעניגע, וועלכע ווילען זיין די אויבערהאַרען, שרייען מלחמה.״

זיין אַנטוואָרט (דאַטירט דעם 26טען מאַי, 1869) אויף דיעזען

אדרעם האט סילווים, אנווייזענדיג אויף דעם קלאסענקאמפף, אויף דעם „קריעג פון ארבייטער געגען רייכטהום“, אויף „דער טיראנײ פון קאפיטאל“, געשלאסען מיט פאלגענדע ווערטער: „אונזער לעצטער קריעג (דער בירגער־קריעג) האט געפיהרט צו דער ענט־שטעהונג פון דער נידערטרעכטיגסטער געלד־אריסטאקראַטיע אויף דער ערד. מיר האבען איהר יעצט ערקלעהרט קריעג און מיר זיינען ענטשלאסען צו זיעגען דורך דעם שטימקאסטען, ווען מיר קענען עס בעווייזען, און אויב ניט, וועלען מיר זיך נעהמען צו ערנסטערע מיטלען... א קליינע אדערן־עפענונג איז נויטיג אין פערצווייפעלטע פעלע...“

דעם נעכסטען מאנאט איז אבער דיעזער בראווער אמעריקאנער ארבייטער־פיהרער, וועלכער איז דאן אלט געווען 41 יאהר, פלוצלונג געשטארבען אויך צום טיעפען בעדויערן פון גענעראל־ראטה פון „אינטערנאציאנאל“, וועלכער האט געלעגט גאנץ גרויסע האפנונגען אויף זיין איינפלוסרייכע מיטווירקונג אין אמעריקא.

ווען דער פערטער קאנגרעס פון דער „נאציאנאלער ארבייטער יוניאן“ איז ערעפענט געווארען אין פילאדעלפיא אין אויגוסט 1869, איז פארגעלעזען געווארען אן איינלאדונג פון דעם סעקרעטער פון גענעראל ראטה צו שיקען א דעלעגאט צום קאנגרעס פון „אינ־טערנאציאנאל“ אין באזעל. די איינלאדונג איז אנגענומען גע־ווארען. מען האט דאן בעשלאסען צו שיקען צוויי דעלעגאטען, אבער בלויז איינער פון זיי איז אנגעקומען אין באזעל. ווי שוין איבערגעגעבען אין דעם קאפיטעל 18, איז דאס געווען א. קאמעראן, דער רעדאקטאר פון א וואכענבלאט אין שיקאגא מיט'ן נאמען „ווארקינגמענ'ס אדוואקייט“.

נור צו דער צייט איז שוין אויך אויפגעקומען א סעקציאן פון „אינטערנאציאנאל“ אין ניו יארק, ווי מיר וועלען עס באלד זעהען.

קאפיטעל 25.

די ערשטע סאָציאַליסטישע פעראיינען און סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל" אין אמעריקא.

ווי וועניג די אידעען און ציעלען פון „אינטערנאציאנאל" זיינען אריינגעדרונגען אפילו צווישען די אויפגעקלעהרטע דייטשע און פראנצויזישע ארבייטער אין יונייטעד סטייטס, איז צו שליסען דערפון, וואס ערשט צו ענדע פון 1869 איז אין ניו יארק געבאָרען געוואָרען אַ סעקציאָן, וועלכע איז געקומען אין אַ דירעקטער פערבינדונג מיט'ן גענעראל־ראַטה אין לאָנדאָן.

אַ פעראיין פון פראנצויזישע ארבייטער מיט'ן נאָמען „אינטערנאַציאנאַלע אסאציאציאָן" האָט שוין אייגענטליך עקזיסטירט אין ניו יאָרק מיט אַ יאָהר צוועלף פריהער, נעמליך אין 1857. אין דעם זעלבען יאָהר איז אין ניו יאָרק אויך געגרינדעט געוואָרען אַ פעראיין פון דייטשע ארבייטער מיט'ן נאָמען „קאָמוניסטען קלוב".ביידע דיעזע פעראיינען, וואָס זייערע מיטגליעדער האָבען געהערט צו פערשיעדענע סאָציאַל־פאָליטישע שולען און וועלכע זיינען טהיילווייז געווען פּאָליטישע עמיגראנטען (בעזונדערס די פראנצויזען וואָס זיינען פערפאָלגט געווען פון דער נאַפּאָלעאָנישער רעגירונג), זיינען אויך געקומען אין געוויסע פערבינדונגען *).

צו ענדע פון 1868 האָט אויך עקזיסטירט אין ניו יאָרק אַן „אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער פעראיין" פון דייטשע ארבייטער.

---

*) זעה שליטער'ס „די אינטערנאַציאָנאַלע אין אַמעריקא", ז. 107.

אָבער דיזע פעראיינע, וועלכע האָבען איינענטליך עקזיסטירט אַ גאַנץ קורצע צייט, האָבען גאַר קיין שייכות ניט געהאַט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָציאַציאָן, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1864 אין לאָנדאָן, ווי מיר ווייסען עס שוין פון פאַריגע קאַפּיטלען.

אין די 60-גער יאָהרען פון פאַריגען יאָהרהונדערט האָבען זיך צווישען די איינגעוואַנדערטע דייטשע ארבייטער געפונען גראָדע אַ סך אַנהענגער פון שולצע דעליטש'עס קאָאָפּעראַטיווע פּלענער. אין 1864 האָבען דיזע שולצע-דעליטשיאַנער געגרינדעט אַ צייטונג אין ניו יאָרק מיט'ן נאָמען „ארבייטער צייטונג", וועלכע איז אונטערגעגאַנגען דעם נעכסטען יאָהר, ווען עס זיינען אָנגעקומען אויך לאַסאַלעאַנער, וועלכע האָבען געגרינדעט אין ניו יאָרק אַ געזעלשאַפט מיט'ן נאָמען „דער אַלגעמיינער דייטשער ארבייטער פעראיין" און וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען מיט אַ פּאָליטיש-רעוואָלוציאָנערער פּרינציפּען-ערקלעהרונג. דעם בעסטען מיטעל צו בעפרייען דעם ארבייטער-קלאַס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען יאָך האָבען די מיטגליעדער פון דיזען פעראיין געזעהען „נור אין אַן אַלגעמיינער איוראָפּעאישער רעוואָלוציאָן".

דער דאָזיגער לאַסאַלעאַנער פעראיין צוזאַמען מיט דעם „קאָמוניסטען קלוב", וועלכער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין דער צייט פון דעם בירגער-קריעג און איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען אין 1867, האָבען עס אין 1868 פּראָבירט גרינדען אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע ארבייטער-פּאַרטיי מיט'ן נאָמען „די סאָציאַלע פּאַרטיי פון ניו יאָרק און אומגעגענד".

פאַרבייגעהענדיג וועלען מיר דאָ איבערגעבען, אַז איינער פון די פּראָגראַם-פּונקטען פון דיזער פּאַרטיי לויטעט אַזוי: „נור די רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען זאָל האָבען דאָס רעכט ארויסצולאָזען פּאַפּיער-געלד; די נאַציאָנאַל-באַנקען זאָלען אָבגעשאַפט ווערען". מען דאַרף וויסען, אַז דאַמאָלס האָט עס זיך געקאָכט אין יונייטעד סטייטס וועגען די געלד-פראַגע, ספּעציעל וועגען די „גרינבעקס", ווי מען האָט גערופען די אַסיגנאַציעס, ווייל זיי זיינען געוועזען געדרוקט מיט אַ גרינע פאַרב.

און די מייסטע מיטגליעדער פון דער ערשטער ניו יאָרקער סעקציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“ האָבען פריהער געהערט צום לאַסאַלעאַנער „אַלגעמיינען דייטשען אַרבייטער פעראיין“. אַנפאַנגס איז זייער צאָהל געוועזען אַרום 40. אין 1871 איז זי פערגרעסערט געוואָרען ביז 50 און צו ענדע 1873 ביז 90.

נור ווי שוואַך דיעזע סעקציאָן איז ניט געוועזען די גאַנצע צייט פון איהר עקזיסטענץ אין מיטגליעדער, איז זי דערפאַר געוועזען מערקווירדיג שטאַרק אין איהר איינפלוס. זי האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר גרויסער טהעטיגקייט. זי איז טאַקע געוועזען, ווי הערמאַן שליטער דריקט זיך אויס, די מוטער־סעקציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“ אויף דעם אַמעריקאַנישען באָדען.

אָבער מען דאַרף דערביי צוזעצען, אַז אַזוי איז עס געוועזען כמעט אויסשליסליך צווישען די מעהר אויפגעקלעהרטע דייטשע אַרבייטער. וואָס אַנבעלאַנגט די פראַנצויזען, האָבען זיי געגרינדעט אין מאַי 1870 אַ סעקציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“ אין ניו יאָרק גאָרניט ווויסענדיג פון דער עקזיסטענץ פון דער דייטשער סעקציאָן. אייַנער פון איהרע הויפּט־גרינדער איז גראָדע געוועזען גענעראַל קליוזערע, וועלכער האָט דעם נעכסטען יאָהר געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער פּאַריזער קאָמונע.

ערשט ווען עס האָבען זיך געלאָזט הערען אַלץ שאַרפערע פּראָטעסט־שטימען אויך צווישען די דייטשע אַרבייטער אין אַמעריקא געגען די פאָרטזעצונג פון דער מלחמה נאָך נאַפּאָלעאָנ׳ס מפּלה ביי סעדאַן און בעזאָנדערס נאָכדעם, ווי די פּרייסישע רעגירונג האָט זיך בענוצט מיט איהר זיעג איבער פראַנקרייך צו פערכאַפּען עלזאַס־לאָטרינגען — ערשט דאַן איז די דייטשע סעקציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“ אין ניו יאָרק געקומען אין פערבינדונג מיט דער פראַנצויזישער סעקציאָן פון „אינטערנאַציאָנאַל“. פריהער האָבען זיי אפילו ניט געהערט איינע פון די אַנדערע, וואָס עס מוז אָנגענומען ווערען אַלס אַ בעווייז, אַז די אַמעריקאַנער פּרעסע האָט זיי אַלעמען גענצליך איגנאָרירט.

דעם 16טען אָקטאָבער 1870 האָבען דיעזע צוויי סעקציאָנען

אבגעהאלטען א געמיינשאפטליכע זיצונג, אום אויסצודריקען א פראטעסט געגען די דייטשע פערכאפונג פון עלזאס־לאטערינגען. דיעזער פראטעסט איז אדרעסירט געווען צו די גענאסען אין איי־ראפא און איז פערעפענטליכט געווארען אין דייטש, פראנצויזיש און ענגליש.

די דאמאלסדיגע אינטערנאציאנאליסטען אין דער נייער וועלט האבען ערקלעהרט, מיט א פראפעטישען בליק אויף דער צוקונפט, אז „די בעאבזיכטיגטע אנעקסיאן פון עלזאס־לאטערינגען, וועלכע איז אזוי אונגערעכט, אז זי מוז פיהרען צו אזעלכע פערדערבליכע רעזולטאטען, ווי נאך דער צוטהיילונג פון פוילען, זאל עס זיין אלס א פלאסטער פאר די וואונדען פון דייטשען פאלק. אין דער ווירקליכ־קייט איז עס אבער בלויז א רויב־שטיק פאר די האבזוכט פון די פריי־סישע יונקערס. אונטער דער פאלשער אויסרייד פון בעפרייאונג וועט אזוי געשאפען ווערען א שטענדיגע קריעגס־געפאהר און אן אונאויפהערליכע אורזאכע פון אלע שטייגענדע שטענדיגע ארמעען... נאך סעדאן ווערט דער קריעג געפיהרט בלויז געגען די רעוואלוציאנערע סאציאלע אידעען“.

געענדיגט האט זיך דיעזער מערקווירדיגער פראטעסט מיט פאל־גענדע ווערטער: „פאר די ארבייטער פון אלע לענדער גיבט עס נור איין קריעגס־געשריי: נידער מיט דער לוין־שקלאפעריי! ני־דער מיט דעם מיליטאריזם!“

אה, ווען וועט דיעזער קריעגס־געשריי טאקע פערהילכען די גאנ־צע וועלט און ברענגען פרידען פאר אלע פעלקער?!

אין דער צייט, ווען דיעזע ציילען ווערען געשריבען (מערץ 1918), כמעט א האלבען יאהרהונדערט נאך יענער פערכאפונג פון עלזאס־לאטערינגען, ווערט געפיהרט די גרעסטע און שרעקליכסטע פון אלע מלחמות, און איינע פון איהרע וויכטיגע אורזאכען, אויב נים די וויכטיגסטע, איז טאקע דער געוואלדיגער פערברעכען, וואס ביסמארק און די פרייסישע יונקערס בכלל, פער׳שכור׳ט פון זייער זיעג איבער דער נאפאלעאנישער אימפעריע, האבען דאן בעגאנגען, צו דער גרעסטער שאנדע פון אייראפא און צום גרעסטען אונגליק

פון דער גאַנצער מענשהייט. די געשיכטע פון דער ציוויליזירטער וועלט וואָלט גאַנץ אַנדערש געשריבען געוואָרען נאָך דעם פראַנצויזישען קריעג, ווען די נייטראַלע לענדער און ספּעציעל ענגלאַנד, וואָלטען ניט דערלאָזען צו אַזאַ פערגוואַלטיגונג און פערקריפּלונג פון פראַנקרייך, און העכסטוואַרשיינליך וואָלט עס גאָרניט געקענט קומען צו אַזאַ וועלט־קריעג, ווי דער וואָס האָט אויסגעבראָכען אין 1914, מיט עטליכע וואָכען בעפאָר דער ערוואַרטעטער ערעפענונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין וויען.

* * *

נור לאָמיר זיך אומקעהרען צו די סעקציאָנען פון ערשטען „אינטערנאַציאָנאַל“ אין אַמעריקאַ.

ענדע 1870 איז שוין געשאַפען געוואָרען אַ צענטראַל קאָמיטעט פון דיעזע סעקציאָנען. אין ניו יאָרק איז דאַן צוגעקומען אַ דריטע סעקציאָן, נעמליך אַ טשעכישע, און אין שיקאַגאָ האָבען זיך געבילדעט צוויי סעקציאָנען.

אין אַנפאַנג 1871 זיינען שוין אין דיעזען צענטראַל־קאָמיטעט געווען איינגעשלאָסען 8 סעקציאָנען, נעמליך: 2 דייטשע, אַ פראַנצויזישע, אַ טשעכישע און אַן אירלענדישע פון ניו יאָרק; 2 פון שיקאַגאָ און איינע אין ברוקלין. דעם 2טען אַפּריל 1871 איז ענדליך אויך אויפגעקומען אַן א מ ע ר י ק א נ י ש ע ס ע ק צ י א ן, וועלכע איז פערשריבען געוואָרען אַלס די נייטע, און דעם נעבסטען מאָנאַט איז צוגעקומען נאָך אַ פראַנצויזישע סעקציאָן. גוטשטעהענדע מיטגליעדער, דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס האָבען טאַקע ג ע צ א ה ל ט די בעשטימטע בייטרעגע צום גענעראַל־ראַטה אין לאָנדאָן, האָבען דיעזע אַלע צעהן סעקציאָנען געצעהלט בלויז 293.

די צאָהלרייכסטע פון זיי איז געווען די ערשטע פראַנצויזישע סעקציאָן, וועלכע האָט געהאַט אַרום אַ הונדערט מיטגליעדער. זיי האָבען דאַן אַרויסגעגעבען אַ וואָכענבלאַט מיט׳ן נאָמען „לע סאָסיאַליסט“.

דיעזער צענטראַל קאָמיטעט האָט געזוכט צו קומען אין וואָס נעהענטערע און פריינדליכערע פערבינדונגען מיט די טרייד־יוניאָנס

און ספּעציעל מיט דער „נאַציאָנאַלער אַרבייטער יוניאָן", וועלכע האָט געשיקט אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס אין באַזעל, ווי דאָס איז איבערגעגעבען אין פּאַריזער קאַפּיטעל. דיעזע אינטערנאַציאָנאַליס־טען האָבען אונטערשטיצט סטרייקס און זיך בעטהייליגט אין דער אַלגעמיינער אַרבייטער בעוועגונג פון לאַנד, אין פערשידענע פער־זאַמלונגען און מאַניפעסטאַציאָנען, דאַרונטער אויך אין אַ דעמאָנ־סטראַציאָן פון אַ צוואַנציג טויזענד אַרבייטער פאַר אַ ן 8 - ש ט ו נ ־ ד ע ן אַ ר ב י י ט ס ־ ט אָ ג דעם 13טען סעפּטעמבער 1871 אין ניו יאָרק.

אין אַ בעריכט צו דער דעלעגאַטען־קאָנפערענץ פון „אינטער־נאַציאָנאַל", וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין לאָנדאָן אין סעפּ־טעמבער 1871, האָט זיך דיעזער ניו יאָרקער צענטראַל־קאָמיטעט בעקלאָגט, וואָס דער ק ל אַ ס ע נ ב ע וו אוּ ס ט ז י י ן פון די אַמעריקאַנישע אַרבייטער איז גאַנץ ש וו אַ ך, טראָץ דער שנעלער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. דאָס איז, אַל־זאָ, אַן אַלטע סאָציאַליסטישע קלאָגע, וואָס בלייבט דאָך אימער ניי...

צו ענדע 1871 האָבען זיך אין יונייטעד סטייטס געפונען 27 סעקציאָנען אין פערבינדונג מיט דעם ניו יאָרקער צענטראַל־קאָ־מיטעט. צעהן פון זיי זיינען געוועזען דייטשע, אַכט פראַנצויזישע, צוויי אירלענדישע, זעקס אַמעריקאַנישע און איינע אַ טשעכישע.

אָבוואָהל די אויסוואַנדערונג פון פראַנקרייך איז שטענדיג גע־וועזען אַ גאַנץ שוואַכע, אָבער די פראַנצויזישע סעקציאָנען פון „אינ־טערנאַציאָנאַל" זיינען דאַן גראָדע געוואַקסען אין אַמעריקאַ. דאָס איז געקומען מייסטענס צוליעב די פערפאָלגונגען נאָך דעם פאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע. די פראַנצויזישע סעקציאָן אין נואָרק האָט געצעהלט 77 מיטגליעדער און אין סאַן פראַנציסקאָ זאָגאַר 97 מיטגליעדער. די גרעסטע דייטשע סעקציאָנען (נעמליך די ערשטע און די זעקסטע) האָבען צוזאַמען געצעהלט בלויז 105 מיט־גליעדער.

קאַפּיטעל 26.

די ערשטע סאָציאַליסטישע שטריטען און שפּאַל־טונגען אין אמעריקאַ.

וואָס אַנבעלאַנגט די 6 אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל“, האָבען זיך צוויי פון זיי געפונען אין ניו יאָרק (נעמליך, די 9־טע און די 12־טע), איינע אין באָסטאָן (די 20־טע), איינע אין וואַשינגטאָן (די 23־טע), איינע אין פילאַדעלפיא (די 26־טע) און איינע אין וויינלאַנד, ניו דזשוירסי (די 27־טע).

נור זייערע מיטגליעדער זיינען כמעט אויסשליסליך געווען א י נ ט ע ל י ג ע נ ט ע ן פון דער בורזשואַזיע. עס איז אַ פראַגע, אויב איינער פון זיי איז אַמאָל געווען אַ האַנד־אַרבייטער. זיי האָבען זיך גערעכענט פאַר זעהר גרויסע ראַדיקאַלען. אייניגע פון זיי זיינען געווען אַמביציעזע רעפאָרמערם, אָבער די מייסטע זיינען געווען אויפריכטיגע אידעאַליסטען.

די אינטערעסאַנטעסטע פון דיזען האַלבען דוצענד אמעריקאַ־נער סעקציאָנען זיינען געווען די וואַשינגטאָנער און איינע פון די ניו יאָרקער (די 12־טע). צווישען די מיטגליעדער פון דער וואַשינגטאָנער סעקציאָן האָבען זיך געפונען אויך אונצופריעדענע רעגיערונגס־בעאַמטע. אַפּנים צוליעב דעם האָט זי אָנפאַנגס זיך ענטזאָגט צו צושטעלען צום צענטראַל קאָמיטעט אַ ליסטע מיט די נ ע מ ע ן פון איהרע מיטגליעדער.

אָט דורך אַזעלכע מיטגליעדער זיינען עס פאָרגעקומען די מייסטע צווייטיגקייטען צווישען די סעקציאָנען מיט דעם צענט־ראַל קאָמיטעט, צוויסיטיגקייטען, וועלכע האָבען דערגרייכט ניט

נור ביז צום גענעראַל־ראַטה אין לאָנדאָן, זאַנדערן אויך ביז צו די קאָנגרעסען פון „אינטערנאַציאָנאַל". די בורזשואַזע רעפאָר־מערס און ראַדיקאַלען בכלל, וועלכע האָבען זיך פערשריעבען אַלס מיטגליעדער אין די ניי־געבילדעטע סעקציאָנען, האָבען אייגענט־ליך גאַנץ וועניג אָדער פשוט גאָר ניט געהאַט צו טהאָן מיט די ריכטיגע ציעלען פון „אינטערנאַציאָנאַל", און אפילו ניט מיט'ן סאָ־ציאַליזם בכלל.

די טהעטיגסטע מיטגליעדער פון צענטראַל קאָמיטעט זיינען אָבער אַלץ געווען אַרבייטער, הויפּטזעכליך דייטשע, און שוין צוליעב דעם אַליין איז עס געקומען צו מיספערשטענדניסע און רייסערייען מיט די געבאָרענע אַמעריקאַנער, מיט די מיטגליעדער פון די עכטע אַמעריקאַנער סעקציאָנען. גלייך אין אָנפאַנג האָט זיך אַרויסגעוויזען אַן אונטערשייד אין די טעמפּעראַמענטען, כאַ־ראַקטערען, געוואָהנהייטען, געזינונגען און שטרעבונגען פון די געבאָרענע אַמעריקאַנער און די „אויסלענדער", בעזאָנ־דערס טאַקע דייטשען, — אַן אונטערשייד וואָס מאַניפעסטירט זיך עד היום אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער בעוועגונג פון אַמעריקאַ. די שפּאַלטונגען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען זינט יענער צייט, זיינען דאַך מייסטענס ענטשטאַנען דורך דעם, וואָס די אַמעריקאַנער מיטגליעדער האָבען ניט געשטימט מיט די דייטשע און אַנדערע אויסלענדיש־געבאָרענע מיטגליעדער.

אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש איז די מיינונג פון קאַרל מאַרקס גופא וועגען דעם. אין זיין „אינטערנאַציאָנאַלע אין אַמע־ריקאַ" גיט איבער הערמאַן שליטער (ז. 150), אַז אין מערץ 1871 האָט איינער פון די עלטעסטע און ערפאַהרענדסטע דייטשע סאָ־ציאַליסטען, אַ געוויסער הערמאַן מעיער, אַזוי געשריעבען צו פ. זאָרגע: „מאַרקס האָט ניט גאַנץ אונרעכט, ווען ער זאָגט, אַז מיר זיינען דאָ (אין יונייטעד סטייטס) פאַרינערס (אויס־לענדער)". אין עפענטליכען לעבען זיינען מיר דאָ גאָר נישט, ווען מיר זאָלען ניט רעכענען די זענגער־, טורן־ און אַנדערע

„זויף־פעסטען“, און אפילו אין פערקעהר מיט אַמעריקאַנער, וואו מיר וואָלטען געקענט פיעל ווירקען, בעדייטען מיר אויך גאַנץ וועניג. בלויז אין דער אַרבייטער בעוועגונג קאָנען מיר עפּעס אויפטהאָן, ווייל מיר בילדען די אוואַנגאַרדע“.

עס האָט אָבער גענומען לאַנג, זעהר לאַנג ביז די אַוואַנגאַרדע פון די דייטשע סאָציאַליסטען האָט געקענט האָבען עפּעס אַן איינ־פלוס אויף דער אַמעריקאַנער אַרבייטער בעוועגונג, וועלכע איז זיך אַלץ געגאַנגען און געהט היינט אויך אויף אַלטע ענגלישע וועגען.

אין דעם שטרייט צווישען די אַמעריקאַנער סעקציאָן נומ. 12 און דעם צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך אין אַ קלייגער מאָס ארויס־געצייגט דער שטענדיגער קאַמפּף צווישען סתם ראַדיקאַלען און ציעלבעוואוסטע סאָציאַליסטען. דער דעלעגאַט פון דיזער סעקציאָן, אַ געוויסער וו. וועסט, וועגען וועמען עס איז שוין גערעדט געוואָרן אין דעם קאַפּיטאַל איבער דעם האַאַגער קאָנגרעס, האָט אַלץ געזוכט אויסצונוצען דעם צענטראַל־קאָמיטעט פאַר אַלגעמיינע פּאָליטישע צוועקען און רעפאָרמען, און אין דעם איז ער אונטער־געשטיצט געוואָרן פון די אַנדערע אַמעריקאַנער סעקציאָנען פון „אינטערנאַציאָנאַל“. און עס איז געקומען אַזוי וויט, אַז דיזע סעקציאָנען האָבען געוואָלט אינגאַנצען זיך אָפּרייסען פון „אינטער־נאַציאָנאַל“ און אויסאַרבייטען זייערע אייגענע סטאַטוטען.

אין אַן אויפרוף צו די „בירגער“ בכלל, וואָס וועסט און אַנ־דערע אַמעריקאַנער מיטגליעדער האָבען ארויסגעלאָזען, זיינען די שטרעבונגען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ ערקלעהרט געוואָרען אַזוי:

„דאָס ענדציעל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָ־ציאַציאָן איז איינפאַך צו עמאַנסיפּירען די מענליכע און ווייבליכע אַרבייטער דורך די עראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט. דאָס שליסט איין צוערשט די פּאָליטישע גלייכהייט און די סאָציאַלע פרייהייט פוןביידע געשלעכטען. פּאָליטישע גלייכהייט בעדייטעט די פּערזענליכע בעטהייליגונג פון יעדען איינעם אין דער פאַרבע־רייטונג, פערוואַלטונג און אויספיהרונג פון די געזעצע. סאָציאַלע פרייהייט בעדייטעט פאָלשטענדיגע זיכערהייט געגען יעדער אונ־

געהעריגער אַריינמישונג אין די אַנגעלעגענהייטען פון רייזן־פּערזענ־ליכער נאַטור, ווי צום בייזשפּיעל, רעליגיעזע איבערציינגונג, גע־שלעכטס־פערהעלטניס, קליידונג א. ז. וו. אויך איז אין דעם איינ־בעגריפען די איינריכטונג פון אַן אַלגעמיינע רעגירונג פאַר די גאַנצע וועלט. עס פערשטעהט זיך, אַז די אַפּשאַפונג פון אַלע שפּראַכען־פערשיעדענהייטען איז אין דעם איינגעשלאָסען...
די אַרבייט פון „אינטערנאַציאָנאַל" שליסט איין אין זיך, אינער־האַלב פון די בעשטעהענדע פאָרמען, די איינריכטונג פון אַ נייער רעגירונגס־פאָרם, וואָס איז בעשטימט צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער".

געגען דעם דאָזיגען אויפרוף, וואָס האָט גאַנץ ווייניג געשטימט מיט דער פּרינציפּען־ערקלעהרונג פון „אינטערנאַציאָנאַל", איז בע־זאָנדערס העפטיג אַרויסגעטראָטען די ערשטע סעקציאָן, וועלכע איז בעשטאַנען, ווי מיר ווייסען עס שוין, אויס די מיטגליעדער פון דעם אַלגעמיינען דייטשען אַרבייטער בונד. דיזע סעקציאָן האָט זיך געשטעלט אויף דעם פּראָלעטאַרישען שטאַנד־פּונקט און האָט פערדאַמט די בורזשואַזע רעפאָרמערס און פּאָליטיקער אין אַלגעמיינען.

נאָך לאַנגע און הייסע שטרייטען, אין וועלכע עס איז אויך אַריינגעמישט געוואָרן די פראַגע וועגען דעם, אויב דער „ אינטער־נאַציאָנאַל" מוז זיין אויסשליסליך אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייטער־קלאַס, איז עס געקומען צו אַ שפּאַלטונג אינ'ם צענטראַל קאָמיטעט גופא. די ערשטע סעקציאָן האָט אַריינגע־בראַכט אַ פאָרשלאַג ניט נור אויסצושליסען די 12־טע סעקציאָן, זאָנדערן אויך ניט צולאָזען אין צענטראַל־קאָמיטעט די דעלעגאַטען פון אַזעלכע סעקציאָנען, וואָס ווענינגסטענס צוויי־דריטעל פון זייער מיטגליעדערשאַפט זיינען ניט לוין־אַרבייטער. און דיזער פאָרשלאַג, וואָס האָט ספּעציעל גע־ציעלט געגען די אַמעריקאַנער סעקציאָנען, איז אונטער־שטיצט געוואָרן הויפּטזעכליך פון די דייטשען און פון אַ טהייל פון די פראַנצויזען און פון די אירלענדער. געגען דיזען פאָרשלאַג זיינען אַרויסגעטראָטען די מייסטע אַמעריקאַנער, די מאַיאָריטעט

פון די פראַנצויזען און אויך די מיטגליעדער פון צוויי דייטשע סעקציאָנען.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז צו ענדע פון 1871 האָבען די דעלעגאַטען, וועלכע האָבען אונטערשטיצט דעם פאָרשלאַג פון דער ערשטער סעקציאָן, געגרינדעט אַ פּראָוויזאָרישען פעדעראַל־ראַטה אויף דעם פּלאַץ פון דעם צושפּאָלטענען צענטראַל־קאָמיטעט און האָבען אַרויסגעלאָזען אַ שריפטליכע ערקלעהרונג וועגען דיזער גאַנצער מחלקה.

צווישען אַנדערעס ווערט דאָרטען איבערגעגעבען פאָלגענדעס:

„אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט דיענען אַלס אַ בליץ־אַבלייטער געגען אַלע רעפאָרם־שווינדלערייען, איז שליסליך ענטשטאַנען אַ מאַיאָריטעט פון כמעט אונבעקאַנטע רעפאָרמערס און פאָלקס־בעגליקער. און אַזוי איז עס געקומען, דאָס לייטע, וועלכע פּרעדיגען פרייע ליעבע, זיינען געזעסען ברידערליך לעבען אַזעלכע, וועלכע ווילען בעגליקען די גאַנצע וועלט מיט אַן אַלגעמיינע שפּראַך. ספּיריטואַליסטען, אַטהעאיסטען און דעאיסמען — יעדער האָט געזוכט אַרויסצורייטען אויף זיין הילצערנעם פערדעל... און די דעלעגאַטען פון די סעקציאָנען 1, 4, 5, 7, 8, 11, 16, 21, 23, 24, 25 און אַנדערע סעקציאָנען, נאָכדעם ווי זיי האָבען איינגעזעהן אַז אַלע בעמיהונגען פּטור צו ווערן פון אַזא געזינדעל זיינען אומזאָנסט, האָבען בעשלאָסען צו גרינדען אַ נייען צענטראַל־קאָמיטעט".

און די סעקציאָנען, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט די 12־טע, האָבען כמעט גלייכצייטיג געגרינדעט זייער פעדעראַל־ראַטה, וועלכער איז דאַן בעקאַנט געווען אונטער דעם נאָמען „ספּרינג סטריט קאָונסיל".

* * *

ווען דער גענעראַל־ראַטה אין לאָנדאָן האָט אין מערץ 1872 בעטראַכט די שטרייטען און שפּאַלטונגען פון די סעקציאָנען אין ניו יאָרק, האָט ער בעשלאָסען אויפצופאָדערן ביידע פעדעראַל־ראַטהען צו פעראייניגען זיך וועניגסטענס ביז דער ענטשיידונג פון אַ קאָנגרעס פון אַלע סעקציאָנען אין אַמעריקאַ. די 12טע סעק־

ציאָן האָט דער גענעראַל־ראַטה אָבער סוספּענדירט אויף דעם גרונד, וואָס זי האָט געהאַנדעלט געגען דעם גייסט און אויך געגען די סטאַטוטען פון „אינטערנאַציאָנאַל“.

דער „פּרינס סטריט קאָונסיל“ האָט זיך אָבער ענטזאָגט צו אַנערקענען די ענטשיידונג פון גענעראַל־ראַטה געגען דער 12־טער סעקציאָן און איז בכלל אַרויסגעטראָטען געגען דעם „דעספּאָטיזם פון דעם גענעראַל־ראַטה“. און אין יולי 1872 האָט דיזער קאָונסיל צוזאַמענגערופען אַ קאָנגרעס אין פילאַדעלפיא; אָבער מעהר ווי 13 סעקציאָנען זיינען דאָרטען ניט געוועזען פערטראָטען.

צווישען די פּונקטען פון דער פּראָגראַם, וואָס מען האָט דאָר־טען אַרויסגעשטעלט, וועלען מיר דאָ פערציכנען פאָלגענדע: פאָלשטענדיגע אָפּשאַפונג פון יעדער קלאַסענהערשאַפט און פון אַלע פּריווילעגיעם; נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד און פון אַלע פּראָדוק־ציאָנס־מיטעל; געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן אויף דעם פּלאַץ פון דער היינטיגער סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן; די אָפּשאַפונג פון שטענדיגע אַרמעען, ווייל זיי פּראָוואָצירען צום קריעג; רעפערענדום אָדער אוראָבשטימונג פון אַלע געזעצע.

* * *

וואָס אַנבעלאַנגט דעם פּראָוויזאָרישען פעדעראַל־ראַטה, וואָס איז אַנגעפיהרט געוואָרן פון דער ערשטער סעקציאָן און וואָס איז שפּעטער אַנערקענט געוואָרן פון גענעראַל ראַטה אין לאָנדאָן, איז ער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דעלעגאַטען פון 14 סעקציאָנען, פון וועלכע 8 זיינען געווען דייטשע, 3 אירלענדישע, 2 פראַנצויזישע און איינע אַן אַמעריקאַנישע. זיין אָפּיציעלער נאָמען איז געווען „נאָרד־אַמעריקאַנישע פעדעראַציאָן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן“.

אין יולי 1872 האָט די דאָזיגע פעדעראַציאָן אויך צוזאַמענ־גערופען אַ קאָנגרעס. אויף דיזען קאָנגרעס, וועלכער האָט שטאַט־געפונען אין ניו יאָרק, זיינען 22 סעקציאָנען געווען פערטראָטען דורך 23 דעלעגאַטען (דאָס איז דריבער, ווייל איינע פון די פראַנ־צויזישע סעקציאָנען אין ניו יאָרק האָט געצעהלט איבער הונדערט מיטגליעדער). די צאָהל פון די גוטשטעהענדע מיטגליעדער פון

**דיזע אַלע סעקציאָנען איז געווען סך הכל 950. און די גרויסע מאַ־
יאָריטעט איז בעשטאַנען פון** דייטשען.

אײנע פון די פראַגען אויף דיזען קאָנגרעס איז געווען וועגען די כינעזישע איינוואַנדערונג. די אַמעריקאַנער סעקציאָן פון סאַן פראַנציסקאָ האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל אַרויס־טרעטען געגען די איינפיהרונג פון כינעזישע אַרבייטער, און נאָך א לעבהאַפטע דיסקוסיאָן איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציאָן מיט א פּראָטעסט „געגען שקלאַפעריי אין אירגענד וועלכער פאָרם“. א טהייל פון דיזער רעזאָלוציאָן לויטעט אַזוי: „מיר אַפּעלירען צום אַרבייטער קלאַס פון אַמעריקאַ צו געברויכען דעם נויטיגען דרוק אויף דער רעגיערונג, אַז מען זאָל אַנווענדען אַזעלכע מיטעל, וועלכע זאָלען צווינגען די קאַפּיטאַליסטען אָפּצוהיטען די געזעצע, גראַדע אַזוי ווי די אַרבייטער“.

אין דער אמת׳ן אָבער האָט עס זיך דאָ ניט געהאַנדעלט וועגען דער לאַגע פון די אימפּאָרטירטע כינעזער, און נאָך וועניגער וועגען שקלאַפעריי, נור וועגען א פערבאָט פון דער כינעזישער איינוואַנדערונג בכלל. די אַרבייטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען און בעזאָנדערס טאַקע פון קאַליפאָרניאַ, האָבען איבערהויפּט קיינמאָל ניט געוואָלט, אַזוי ווי זיי ווילען אויך היינט ניט, אַריינלאָזען איינוואַנדערער פון כינאַ און פון אירגענד וועלכע אַנדערע אַזיאַטישע לענדער.

אַלס דעלעגאַטען צום קאָנגרעס אין האַאַג האָט מען דאָן אויסגע־וועהלט פ. זאָרגע (דייטש) און סימאָן דערויר (פראַנצויז), און אום צו דעקען די קאָסטען פון דער רייזע, איז עס בעשטימט גע־וואָרען צו בעשטייערן יעדען מיטגליעד מיט 55 סענט. די פראַנצוי־זישע סעקציאָן (די 2־טע) האָט זיך אָבער ענטזאָגט בייצושטייערן און האָט בעאויפטראַגט גאָר אַן אַנדערן צו פערטרעטען איהר אויף דעם האַאַגער קאָנגרעס. און דערפאַר האָט דער פעדעראַל־ראַטה בעשלאָסען צו סוספּענדירען דיזע סעקציאָן און פאָרצוברענגען דיזע אַנגעלעגענהייט צוזאַמען מיט אַלע רייסערייען און שפּאַלטונגען צווישען די סעקציאָנען און צווישען די צוויי פעדעראַל־ראַטהען אויף דעם האַאַגער קאָנגרעס. דאָס אַלעס איז טאַקע באַהאַנדעלט

געוואָרן, ווי מיר ווייסען עס שוין פון דעם קאַפּיטעל איבער דעם דאַזיגען קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך אַליין געענדיגט מיט דער גרויסער שפּאַלטונג צווישען די צענטראַליסטען און פעדעראַליסטען.

נור אין דער ערוואַרטונג אויף אַן ענטשיידונג פון דיזען קאָנגרעס זיינען דערוויילע אַלע סעקציאָנען אין אַמעריקאַ אַזוי ווי איינגעדרעמעלט געוואָרן מיט זייערע פעדעראַל־ראַטהען צוזאַמען. און וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָכדעם, ווי מען האָט פּלוצלונג בעשלאָסען אויף דעם האַאַגער קאָנגרעס אריבערצוטראַנספּאָרטירען דעם גענעראַל־ראַטה פון לאָנדאָן נאָך ניו יאָרק — דאָס איז דאָך שוין געשילדערט געוואָרן אין פריהערע קאַפּיטלעך.

* * *

מיר זיינען אַזוי געקומען צום שלוס פון דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן אויך אין אַמעריקאַ. נור מיר ווילען זיך אומקעהרען אַביסעל צוריק, אום אויך צו שילדערן דעם גרעסטען פּראָלעטאַרישען אויפשטאַנד אין 19־טען יאָהרהונדערט, אַט דעם מערקווירדיגען רעוואָלוציאָנערען אויסברוך, וואָס איז פערשריבען געוואָרן אין דער וועלט־געשיכטע מיט בלוט־רויט בוכשטאַבען אונטער דעם נאָמען פּ אַ ר י ז ע ר ק אָ מ ו נ ע.

אויף דער שייכות פון „אינטערנאַציאָנאַל“ מיט דעם אויפשטאַנד פון די פּאַריזער אַרבייטער דעם 18־טען מערץ 1871 איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען אין דעם 19־טען קאַפּיטעל. אָבער ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, וואָס פאַר ספּעציעלע אורזאַכען עס האָבען דאָן געטריבען צו דיזער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָן אין דער הויפּטשטאָדט פון פראַנקרייך און ווי אַזוי זי איז דערשטיקט געוואָרן אין טייכען אַרבייטער־בלוט — דאָס פאָדערט שוין אַ בעזונדערע רייהע פון קאַפּיטלעך און דאָס וועט געשילדערט ווערן אין אַ ב ע ז ו נ ד ע ר ע ן ט ה י י ל פון דיזער געשיכטע פון סאָציאַליזם, וואָס וועט אויך איינשליסען די געשיכטע פון דעם צ ו ו י י ט ע ן אינטערנאַציאָנאַל ביז זיין אונטערגאַנג דורך דעם גרויסען וועלט־קריעג אין 1914.

(ענדע פון ערשטען טהייל).

די „פרייע ארבייטער שטימע“

די עלטסטע אידישע ארבייטער צייטונג

ערשיינט וועכענטליך

אינטערעסירט זיך מיט אלע טאגעס־פראגען און דריקט אויס אהן מורא איהרע מיינונגען און איבערצייגונגען. האט א פרייע פלאטפארמע פאר אלעמען, וואס האבען וואס צו זאגען. בעהאנדעלט פראגען, וועלכע איהר קענט ערגעץ אנדערש ניט געפינען; פראגען, אין וועלכע יעדער ראדיקאלער און אינטעליגענטער מענש איז פעראינטערעסירט.

אין די „פרייע ארבייטער שטימע“ שפיגעלט זיך אפ דאס גאנצע לעבען פון דער ראדיקאלער און ארבייטער באוועגונג.

אין די „פרייע ארבייטער שטימע“ שרייבען די בעקאנטסטע און בעסטע אידישע שרייבער.

קיין אינטעליגענטער מענש טאר ניט פארפעהלען צו לעזען די „פרייע ארבייטער שטימע“.

סובסקרייבערס קריגען פרעמיומס פון גרויסען ווערטה.

פארלאנגט אונזער קאטאלאג פון פרעמיום־ביכער.

פרייז פאר א יאהר סובסקריפשאן:

אין גרייטער ניו יארק — — — — — 1.50

אויסער ניו יארק — — — — — — 1.75

אין קענעדע און אויסלאנד — — — 2.25

FREIE ARBEITER STIMME

24 Rutgers Street New York, N. Y.

„פרייע ארבייטער שטימע“ אויסגאבען:

טאָלסטאָי'ס סאָציאַלע שריפטען

איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי

אינהאַלט:

1) אן אבשאצונג פון טאָלסטאָי, פון פ. קראָפּאָטקין.
2) די שקלאַפעריי פון אונזער צייט.
3) רעליגיאָן... דער קוואַל פון אַלע צרות.
4) פּאַטריאָטיזם און רעגיערונג.
5) געלד.
6) וועגען טויט־שטראַפען אין רוסלאַנד... איך קען ניט שווייגען.

פרייז $1.25

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן

פון פּעטער קראָפּאָטקין

איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי

אין 2 בענדער, 875 זייטען, גוטער פּאַפּיער, פּראַכטפאָל געבונדען.

דער פּראָפעסאָר האַלט דאָס פאַר איינע פון זיינע וויכטיגסטע ווערק. פאַר יעדען אינטעליגענטען לעזער איז די מיינונג פון קראָפּאָטקין — איינער פון די גרעסטע וויסענשאַפטס־מענער און סאָציאַלע דענקער פון אונזער צייט — א גענוגענדע גאַראַנטיע פאַר דעם ווערטה פון דיזען בוך.

פרייז $1.50 א באַנד.

די געשיכטע פון סאָציאַליזם

(דער קאַמף פאַר גלייכהייט אין די אַלטע און נייע צייטען)

פון פיליפ קראַנץ

פרייז $1.75

Freie Arbeiter Stimme, 24 Rutgers St., N. Y.

„פרייע ארבייטער שטימע“ אויסגאבען:

געזאמעלטע שריפטען פון י. באָוושאָווער

(פאעזיע און פראזע), 380 זייטען, מיט א בילד פון י. באוושאווער.
אימיטיישאן מאראקא ביינדינג, געדרוקט אויף גוטען פאפיער.
דער בוך איז איינער פון די שענסטע אידישע אויסגאבען.

פרייז $1.25

נידער מיט די וואפען

(אנטי־מיליטאריסטישער ראמאן)

פון בארא֗נעססע בערטהא זוטנער

איבערזעצט און מיט א פארווארט פון ש. יאנאווסקי

איבער 500 זייטען — פרייז $1.50

מארטא׳ס קינדער

(אנטי־מיליטאריסטישער ראמאן)

פון בארא֗נעססע בערטהא זוטנער

איבערזעצט פון ש. יאנאווסקי

400 זייטען — פרייז $1.50

Freie Arbeiter Stimme, 24 Rutgers St., N. Y.

איהר קענט קריגען

אלע ביכער

אין אידיש, ענגליש און רוסיש

צו ביליגע פרייזען

דורך די

„פרייע ארבייטער שטימע“

שרייבט אונז וועלכע ביכער איהר פערלאנגט, וועלען מיר אייך גלייך שיקען אונזערע פרייזען.

ספעציעלער אפפער:

מיר גיבען א דיסקאונט צו יעדען וואס וועט ארדערען:

פאר $10 ביכער — 10% דיסקאונט
פאר $15 ביכער — 15% דיסקאונט
פאר $25 און העכער 20% דיסקאונט

לייברערים אדער יחידים, וואס ארדערען פאר גרעסערע סומען, וועלען בעקומען א העכערען דיסקאנט.

Freie Arbeiter Stimme

24 Rutgers Street New York